STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11269

IN'M REBEN'S HOYF

Moshe Bunem Justman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. יעושזאהן.

אין רבינ'ס הויף

א אינטערעסאנטע ערצעהלונג

פון חסידישען לעבען אין פוילען.

פערלאג ב. שימין

פערקויף געזעלשאפט „צ ע נ ט ר א ל“ ווארשא

Druk. SIKORA i MILNER Warszawa, Nowolipki 6.

I.

לייב'עלע.

אלע אין „הויף“ האבען איהם ליעב געהאט. און ווי זאל מען דען אזא יונגענמאן, ווי לייבעלע דעם רבי'נס, נישט ליעבען?

א כשר'ער, א פרומער יונגערמאן. אויף זיין בלייך פנים זענען געווען גוטסקייט און צניעות אויסגעגאסען. תמימות האט פון זיינע טיעפע אויגען ארויסגעקוקט. א יושב-אוהל. ביי זיך אין קליינעם חדר די צייט פערבראכט אין חסידישע ספרים און עוסק געווען אין יראת-שמים. א שטילער, אנ'ערנסטער, זיין וועג איז ער זיך געגאנגען, דער זיכערער, פרומער וועג, וואס זיינע זיידעס און עלטער-זיידעס, א דור נאך א דור, צדיקים און „גוטע-יודען“ האבען פאר איהם אויסגעטראטען; אין „הויף“ איז ער געוואקסען, א יאהר נאך א יאהר האט זיך דא זיין לעבען געצויגען און איינגעזאפט אין זיך אלץ וואס א דור נאך א דור האט דא געחלומ'ט און געוועבט, און עס איבערגעלאזען בירושה... אין די ענגע ד' אמות פון „הויף“ האבען זיך די טעג און יאהרען פונ'ם יונגערמאן לייבעלע מצמצם געווען. עטליכע וועגען נאר האט ער געקאנט, וואס האבען פון „הויף“ אין „הויף“ געפיהרט: פון זיין חדר — אין רבינ'ס חדר; אין בית המדרש, אין מקוה און אין הויף-גארטען... דער „הויף“ — דאס איז זיין וועלט, זיין עיקר געווען. דער „אין-דרויסען“, אויף יענער זייט פלויט פון „הויף“ — א טפל. נישט עס האט איהם אינטערעסירט, וואס דארט קומט פאר, נישט ער האט ווען עס איז געטראכט דעריבער. ווארום ווייניג, זעהר ווייניג האט לייבעלע דעם „דרויסען“ געקענט. גאנץ זעלטען נאר פלעגט ער אמאל מיט זיין פאטער, דעם רבי'ן, מיטפאהרען ערגעץ אין א יודיש שטעדטעל, אין א רבי'ישען „הויף“, צו-גאסט, אדער אויף א שמחה, און פון די עטליכע נסיעות האט ער בעקומען א פארשטעלונג, דאס אין דרויסען, אויף יענער זייט פלויט פון „הויף“, ציהען זיך לאנגע שאסען אדער ערגעץ אין פער-

וואָרפענע יודישע שטעדטלעך, וואו ס׳וואָהנען חסידים מיט ווייב-און-קינדער, וואָס באמת לעבען זיי דאָרט נאָר מיט דער השפעה פון דאַנען, פון „הויף״; דאָרט זיצען זיי, די חסידים און זענען עוסק אין פרנסה און זייערע געדאַנקען און מחשבות זענען תמיד — דאָ וועגען „הויף״ פערנומען, אַזוי, דאָס זייער וואָהנען דאָרט איז נישט קיין קביעות, נאָר אַנ׳אַרעי, א מין סוכה, וואָס דער יוד זיצט אין איהר אַכט טעג... און ווי נאָר עס מאַכט זיך א שעת-הכושר, פערלאָזען זיי, די חסידים, זייערע דירות-אַרעי דאָרט אין די פערוואָרפענע שטעדטעלך; זיי נעהמען מיט זיך טלית-און-תפלין, די בגדי שבת, חאַפּען זיך אויף די שאָסען אַרויף און אַהער, אַהער אין „הויף״, אין דער דירת-קבע קומען זיי...

א תמים איז לייבעלע געווען, ממש די תמימות אַליין, און דערפאַר טאַקי איז גרויס געווען די אַהבה פון „הויף״ צו איהם.

חסידים האָבען איהם ליעב געהאַט, ווייבער האָבען זיך מיט אַזעלכע כשר׳ע קינדער געבענשט און די רביצין, שרה׳לע, האָט איהם ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ געהיט.

צו זעכצעהן יאָהר האָט מען לייבעלע׳ן חתונה געמאַכט. פאַרגעקומען איז עס אַזוי:

איינמאָל איז ער, לייבעלע, ווי זיין שטייגער, געזעסען אין התבודדות-חדר און מעיין געווען אין א חסידיש ספר. האָט זיך די טהיר געעפענט און דער שמש האָט זיך אויף דער שוועל געוויזען:

— לייבעלע, דער טאַטע רופט.

האָט ער אויפ׳ן ספר געלעגט אַנ׳„עירוב״ און איז מיט גרויס הכנעה אַריין „אינוועניג״, וואו דער טאַטע, דער רבי, איז געשטאַנען און מיט אונגעדולד איהם אויסגעקוקט. ביי זיין אַריינקומען האָט ער איהם גלייך אויף א שטוהל אַנגעוויזען, און נאָכדעם ווי דער רבי איז, שטאַרק פערמוחט, עטליכע מאָל אומגעלאָפען הין-און-צוריק איבער׳ן חדר, האָט ער זיך מיט לייבעלען אַריינגעלאָזט אין א שמועס וועגען אַזעלכע ענינים, פון וועלכע דער 16-יעהריגער לייבעלע איז שטאַרק רויט געוואָרען און האָט די אויגען פון דער ערד ניט געקאָנט אויפהויבען...

דער רבי האָט פאַר איהם דורכגעטאַנצן זעהר פיעל מימרות פון דער גמרא, וואו עס ווערט אַרומגערעדט דער ענין פון נעהמען א ווייב, וועגען די מעלות און די גרויסע מדרגות פון א בעל-אשה ובנים...

דאַגעגען די חסרונות איז דאָס שפלות פון אַ פלג-גופא, נישרוי בלא אשה...

דער רבי האָט איהם פאַר דער האַנד אָנגענומען און ליעבליך איהם אין די אויגען געקוקט:

— ביזט שוין 16 יאָהר, אָהן עין-הרע... געדענקסט דאָך וואָס רב כהנא האָט געזאָגט: „דערפאַר בין איך בעסער פאַר מיינע חברים, ווייל איך האָב חתונה געהאַט צו 16 יאָהר, און ווען איך וואָלט חתונה האָבען צו 13 — וואָלט איך מיך געריצט מיט'ן יצר-הרע: „אַפייל אין דיינע אויגען!"... דערנאָך איז דער רבי איבערגעגאַנגען צו חסידות און צו קבלה-ספרים, וואו עס ווערט גערעדט וועגען ענין פון ז,ווג וועגען די פגימות, וואָס דער יחיד איז מיט דעם ענין מתקן, וועגען עצבות און הרהורים-רעים וכ"ו...

ליבעלע האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָבגע-לאָזען, די אויגען ערנסט אָן אַ זייט בעהאַלטען און געצופּט די עטליכע בלאָנדע הערלעך, וואָס האָבען אויף זיין גאָמבע געשפּראָצט... פּלוצלונג האָט ער דעם פאָטערס האַנד אויף זיין קאָפּ דערפיהלט און ליעבליך-שטילע ווערטער האָבען זיך געטראָגען צו זיינע אויע-רען:

— מזל-טוב... יהי רצון, „אויבען" זאָל מען צו דעם זיווג מסכים זיין...

ליבעלע האָט אַ צאַפּעל געטהון. זיינע אויגען האָבען זיך אויף אַ רגע צום פאָטער אויפגעהויבען, נאָר באַלד זיך צוריק אָן אַ זייט בעהאַלטען און זיין פּנים איז פלאַם-רויט געוואָרען.

עטליכע מינוט האָט אַ שטילקייט אינ'ם חדר געהערשט. דער רבי האָט זיך הין-און-צוריק אַרומגעדרעהט, און פּלוצלונג האָט ער צו איהם מיט'ן פינגער אַ וויין געטהון:

— נו, ביטול-תורה... זעץ זיך צוריק לערנען...

מ'האָט בעגריפען, דאָס דער שמועס איז שוין געענדיגט און ער קאָן שוין געהן...

שפּעטער, ווען ליבעלע איז זיך צוריק אין זיין חדר געזעסען, אַריינגעקוקט אין אַ ספר און פערטיעפט געווען אין אַנדערע מחשבות... האָט זיך ווידער די טיהר געעפענט און דער משמש האָט זיך אויף דער שוועל געוויזען:

— לייבעלע, די מאמע, רופט.

האט לייבעלע די אויגען אראבגעלאזען און געצופט די בלאנדע הערעלעך, וואס האבען זיך זיין גאמבע געשפראצט, ווארום געשטויסען האט ער זיך שוין איצט, נאך וואס מען רופט איהם... און ער איז צו דער רביצין אין שטוב אריין.

די מאמע, שרה'לע די רביצין, האט איהם מיט א ליעבליכען שמייכעל בעגעגענט און זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם ביים טיש. זי האט עטליכע מינוט געשוויגען און געקוקט אויף איהם מיט הארציגע מוטער-אויגען. דערנאך האבען זיך פון איהר מויל פערעלווערטער געשאטען; הארציגע, זיסע ווערטער מיט א ליעבען שמייכעל צוזאמענגעגאסען... דערצעהלט האט זי א מעשה-פלא וועגען א שידוך, וואס עס איז ביי איהר זיידען, דעם צדיק, זכרונו לברכה, פארגעקומען... דערמאהנט האט זי יעדעס מאל אן „אמת-ווארט", וואס זי האט אין א היילינ ספר געלייענט... דערנאך איז זי אריבער, פריהער בדרך-רמז, בלויז אנאנצוהערעניש, און וואס ווייטער אלץ דייטליכער און קלארער — צום שידוך, וואס מ'האט שוין אין ווארשא געענדיגט... דערצעהלט די שבחים פון מחותן, ר' פנחס גלאזמאן און זיין הויז. — די רביצין האט אין עטליכע ווערטער אויך די כלה, דבורה'לע, צום גוטען דערמאהנט, געריהמט איהרע מעלות, די מעלות פון א פרומע יודישע טאכטער... לייבעלע האט געהאלטען די אויגען צו דער ערד אראבגעלאזען. פלוצלונג האט ער די מוטערס הענד אויף זיין קאפ דערפיהלט און א הייסע טרעהר האט פון די רביצינ'ס אויגען אויף זיין פנים אראבגעקאפעט. זי האט איהם „מזל-טוב" געוואונשען...

דער שידוך איז געשלאסען געווארען, די תנאים זענען פארגעקומען, און פאר דעם שטילען ערנסטען לייבעלען האבען זיך אונרוהיגע טעג און נעכט אנגעהויבען; נאכט-ביי-נאכט איז איהם דער שלאף געשטערט געווארען... ביז ער האט די שלעכטע מחשבות גובר געווען און דאס אונקלארע עצבות איז פערשוואונדען געווארען. אנדערע מחשבות, בעסערע, צופריעדענע, האבען זייער ארט פערנומען.

געטראכט האט ער וועגען די פגימות, וואס ער וועט מתקן זיין, וועגען דער היכער מדרגה, צו וועלכער ער וועט זוכה זיין דאמאלס ווען ער וועט אויפהערען צו זיין א פלג-גופא, אשרוי בלא אשה וכ'ו.

שטיל, רוהיג, ווי אָפּגעזונדערט פאַר־זיך, איז לייבעלע געזעסען אויך נאָך דער חתונה. די ערשטע עטליכע וואָכען האָט ער כמעט קיין צוויי ווערטער אין מעת־לעת נישט גערעדט מיט זיין יונגע ווייב דבורה׳לע, און אפילו אין דער שפּעטערער צייט, ווען ער איז שוין צו איהר מעהר צוגעוואָהנט און היימיש געוואָרען, זענען אויך גאַנץ זעלטען געווען זיינע רייד צו איהר. ביי טאָג האָט ער זיך כמעט נישט געזעהען מיט איהר, און ווי אַזוי? אין דערפריה, ווען דבורה׳לע איז נאָך געלעגען אין בעט און געהאַלטען די אויגען פערמאַכט, איז שוין לייבעלע געזעסען אין זיין התבודדות־צימער און געלערנט, און דער משמש האָט איהם טיי אָדער קאַווע דערלאַנגט, אָדער ער האָט צוזאַמען מיט׳ן פאָטער, מיט׳ן רבי׳ן, אין אַהויכען ענין עוסק געווען ביז אַרום עלף־צוועלף דעם זייגער, ווען ער האָט מיט׳ן רבי׳נס מנין מיטגעדאַוונט; איבערבייסען פלעגט ער סירוב מיט׳ן רבי׳ן צוזאַמען, און ווען ער פלעגט אפילו בעזונדער אין זיין חדר־המיוחד דעם אָנבייסען עסען, איז אויך דבורה׳לע אין דער צייט צו איהם נישט אַריינגעקומען. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן מיטאָג געווען; די רביצין האָט דאָס אפילו אָנגעהויבען צו בעמערקען און עס האָט איהר אַ ביסעל פערדראָסען: היתכן, מעג מען זיך דען אַזוי פרעמד האַלטען פון אַ מאַן? בפרט נאָך יונגע מאַן־און־ווייב נאָך דער חתונה?...

און נישט איינמאָל האָט זי שוין געוואָלט פערפיהרען אַ שמועס וועגען דעם מיט איהר שנור דבורה׳לע און איהר געבען אָנצוהערעניש: „טאָכטערשי, ס׳טויג נישט אַזאַ פיהרעכץ“... נאָר יעדעס מאָל האָט זי זיך דערפון אָפּגעהאַלטען און מלמד־זכות געווען אויף איהר, טראַכטענדיג: ביי אַנ׳אמת פרומע יודישע טאָכטער איז די מדה פון בושה זעהר גרוים.. דאָס זעלבע האָט אויך לייבעלע טיילמאָל עפּעס ווי אונבעוואוסט אַטראַכט געטהון...

געזעהען האָט ער זיך מיט איהר נאָר ביינאַכט ביי דער וועטשערע, און דאָס אויך נאָר גאַנץ זעלטען; דען סירוב, ווען לייבעלע איז אַהיים געקומען, איז שוין דבורה׳לע אין בעט געלעגען און בכיון, צי נישט בכיון, געהאַלטען די אויגען פערמאַכט — און דאַמאָלס פלעגט לייבעלע נאָר פון יוצא וועגען, אַ מאָל אַ זאָג טהון, למשל:

— שוין געגעסען וועטשערע?...

— ס'נישט געזעהען דאָ אַ ספר?...

אָדער:

— פֿאַרהאַן אפשר נאָך אַ גלעזעל טיי?...

וכדומה אַזעלכע פֿראַגען, וואָס ווערען געזאָגט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נישט אָנרופֿענדיג ביים נאָמען און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפֿער... ווייטער פֿון אַזעלכע דבורים איז עס נישט געגאַנגען...

אַזוי איז דער „האָניג-חודש" פֿאַריבער, אַזוי זענען פֿאַריבער אויך די ווייטערע וואָכען.

און גרויס איז דער צער פֿון לייבעלען געווען. יוואָרום געפֿיהלט האָט לייבעלע, און געשעמט האָט ער זיך אַליין פֿאַר דעם דאָזיגען געפֿיהל, דאָס די ליעבשאַפֿט צו איהר וואַקסט ביי איהם אין האַרצען מיט יעדען טאָג, ממש עס איז איהם מבלבל אויף שעה'ן-לאַנג די מחשבות... נאָר וואָס זאָל ער טהון? צו שטאַרק — האָט ער געטראַכט — איז ביי זיין יונג ווייב דבורה'לע די בושה און צניעות פֿון אַ בת-ישראל איינגעוואָרצעלט און ער האָט פשוט נית קיין דרייסטקייט, עפּעס גאָר אומגעריכט צוגעהן צו איהר און זיך אויסשמועסען...

— — — — — — —

זיין ווייב דבורה'לע האָט זיך צו איהם פֿרעמד געפֿיהלט, און גרויס איז געווען לייבעל'עס צער. אַלע אין „הויף" האָבען איהם ליעב געהאַט. און ווי זאָל מען אַזאַ יונגערמאַן ווי לייבעלע דעם רבינ'ס נישט ליעבען?...

II.

די יונגע שנור

ס'איז אַ הייסער זומער-פֿאַרנאַכט. אין רבינ'ס בית-המדרש, אין שטעדטעל נ. האָט מען נאָר-וואָס אָפּגעדאַווענט מנחה, און דער עולם איז אַרויס אויפֿ'ן הויף אַ ביסעל קיהלע לופֿט געניסען. די לאַנגע הילצערנע בענק, וואָס זענען צוגעשלאָגען צו די ווענד פֿון בית-המדרש, ווערען תיכף בעזעצט מיט חסידים, זקנים און פֿרעמדע יודען, וואָס זענען געקומען אַהער אַ „עצה פֿרעגען" און רעכענען אויסצופֿאַהרען, אויב ס'וועט נאָר קיין אויפֿהאַלטונג ניט זיין, מיט דער „ערשטער באַהן".

לייבעלע דעם רבינ'ס, אין א זיידענעם שלאפראק, דרעהט זיך ארום אויף און אב איבער'ן הויף מיט צוויי יונגע קעסט-איידימלעך און פיהרען א שארפען שמועס אין לערנען.

משה-מרדכי, דער אלטער משמש, מיט זיינע שארפע, דורכ-דרינגענדע אויגען, שפאצירט זיך ארום לאנגזאם איבער'ן הויף, פיפ-קעט אונאויפהערליך די לאנגע לולקע, זוכט וועמען אבצושטעקען א „שלום-עליכם" און גיט אכטונג ס'זאל זיך ניט ווער פון די, וואס האבען זיך שוין „געזעגענט", אויסדרעהען אהן „לעצט-געלד"...

אין א קליינעם צימער, נעבען דער רביצינ'ס שטוב, אויסגע-מעבלירט לויט'ן אלטען סטיל, פעפוצט מיט שענע אלטע אנטיקען, פיעל טייערע חפצים און „דרשה-געשאנק", נעבען פענסטער, וואס געהט-ארויס אויף א זייטיגע אלעע הינטער דער שטאדט, בעפלאנצט מיט א געדיכטע שורה פיל-צווייגיגע בוימער, זיצט דבורה'לע, די „יונגע שנור", א נאכצעהן-יעהריג ווייבעל, א נאיידעל יונג פנים, וואס דערצעהלט, אז דארט ביי טאטע-מאמע איז זי א ציטעריג קינד געווען, אין האניג און מילך געוואקסען און דאס איז זי נאר-וואס פון חופה-שלייער אפ...

נאהענט צו איהר זיצט רבקה'לע דעם רבינ'ס, א 16-יעהריגע מיידעל, מיט לאנגע בלאנדע האר און קינדערשע בלאהע אויגען, אין וועלכע ס'איז קינדערשע תמימות אויסגעגאסען...

אין צימער איז שטיל און טונקעל, די בוימער האבען אין זייערע שאטענס דאס פענסטער פערהילט און א קיהל לייכט ווינטעל האט די בלעטער געוויעגט און אין פענסטער געבלאזען.

ביידע זענען געזעסען שטילשווייגענד און שטיל פערטראכט; רבקה'לע האט זיך געשפיעלט מיט איהר שווענערינס לאנגען פערל-באנד. דבורה'לע האט זיך שטארק צוגעטוליעט צו רבקה'לען און אומעטיג געשעפטשעט:

— כ'האב מורא, רבקה'שי... עפעס שרעקט מיך אזוי...

— פאר וועמען האבטו מורא? — האט איהר רבקה'לע אנגעקוקט מיט שרעק.

— כ'וויים ניט... נאר מורא האב איך. אלץ איז מיר דא עפעס אזוי פרעמד... עס שרעקט מיך... אז איך דערזעה אמאל דעם שווער, כ'וויים נישט, וואס דאס איז, נאר ס'הייבט אין מיר אן דאמאלס אלע

גלידער צו ציטערען... עפעס שרעק איך מיך אזוי פאר דער רביצין, פאר דער שוויגער...

— וואס רעדסטו, דבורה'לע? די מאמעשי איז דאך אזא גוטע, זי בעהאנדעלט דאך דיך אזוי גוט, אזוי גוט...

— יא, אבער איך ווייס אליין נישט פארוואס, עפעס א מיה דער גאנצער „הויף" דא אזוי פרעמד, אזוי ווייט... אלעס ווארפט אויף מיר אזא שרעק אן... עס שרעקט מיך אזוי דער אלטער משמש מיט דער לאנגער לולקע, אוי, ווי זיינע אויגען שטעכען... עס שרעקט מיך עפעס דער גאנצער „הויף" מיט די אלע פרעמדע יודען, וואס האלטען טאג־איין טאג־אויס אין איין אהערפאהרען, אין איין אוועקפאהרען... אוי, רבקה'שי, ווי איך בענק אהיים... כ'בענק אזוי... דארט אין ווארשא...

דבורה'לע האט זיך נעהענטער צוגעטוליעט צו איהר, ביידע האבען א ווייל געשוויגען און דאן האט זי ווייטער גערעדט:

— זעהסטו, רבקה'שי, דארט אין ווארשא, פלעג איך אימצט מיט חברטעס שפאצירען, אין זאקסישען גארטען געהן... אדער מיה זענען אין די „אלעען" געפאהרען... דארט אראב אין די „לאזשינקעס"... אוי, ווי מיר פלעגען שטיפען, לאכען און אזוי גוט, אזוי גוט פערברענגען צוזאמען... מען פלעגט עסען שאקאלאד און פרוכטען און אזוי פיעל לאכען... אוי, וואס מיר פלעגען זיך דאס אפלאכען אין אזא פארנאכט!... און הערסטו, רבקה'שי, איינמאל — דארט אין די אלעען איז דאס געווען — זיצען מיר אזוי געזעסען אויף א באנק און געלאכט... געהען גראד פערביי עטליכע בחורים'לעך, אזעלכע שענע אויסגעפוצטע, און פלוצלונג האבען זיי אונז גענומען בעשיטען מיט אזוי פיעל קאנפעטי, אזוי פיעל, אוי, מאמעשי גרויי!... הערסטו? און איין בחור האט זיך צוגעבויגען צו מיר און...

רבקה'לע האט הערענדיג די לעצטע ווערטער א שטארקען ציטער געטהון, איהרע נאאיווע אויגען האבען מיט קינדערישע שרעק א קוק געטהון אויף דבורה'לען און ארומבליקענדיג איבער'ן פינסטערען צימער, האט זי קוים שטאמלענדיג איבערגעפרעגט:

— זיך צוגעבויגען צו דיר?... און דו ביזט אנטלאפען, געשווינד אנטלאפען, געשווינד... יא?

— געה, דו נארישע לעמעלע — האט זיך דבורה'לע צולאכט און זי צארט ארומגענומען — פארוואס האב איך געזאלט אנטלויפען?...

אינ׳ם רבי׳נס הויף.

איך האָב געלאַכט און מײַנע חברטעס האָבען געלאַכט... און אַ סך מאָל, אַט אַזוי ווי יעצט, ווען ס׳פלעגט נאַכט ווערען, פלעג איך מיר אַרויסגעהן צו מײַנס אַ חברטע, ברוינשווײַג הײסט זי, גאָר אין גיכען דאָרף בײַ איהר זײַן די חתונה מיט אַנ׳אמת׳ן „דײַטש״!... און דאָרט, בײַ דער חברטע ברוינשווײַג, פלעגט מען אַלע נאַכט שפּילען אויפ׳ן פאָרטעפּיאַן און זינגען, זי און די שוועסטער און איהר ברודער, הערסט? און אַ סך מאָל איך אויך...

— דו? — האָט זיך רבקה׳לע מיט שרעק פון איהרע אָרעמס אַרויסגעריסען — מעג מען דען?...

— שטילער, דו נאַרישע קינד, דער טאַטעשי און די מאַמעשי האָבען ניט געוואוסט... הערסט? און אַ סך מאָל פלעג איך פאַרנאַכט אויפ׳ן באַלקאָן זיך אַװעקזעצען און פוילישע ביכלעך לייענען, אוי סאַ׳ראַ שענע ביכלעך!... אַזעלכע שענע „ראָמאַנען״. פון חתן־כלה, וואָס האָבען זיך געליעבט און זענען פון די עלטערען אַנטלאָפען... אוי, סאַ׳ראַ שענע!...

דבורה׳לע האָט זיך פערטראַכט און צובייגענדיג זיך צום פענסטער האָט זי צוגעגעבען:

— אוי, ווי פינסטער דאָ איז, מיר איז דאָ אַזוי אימעטוג! עפּעס איז דאָ אַלץ ווי אַרומגעצוימט, ווי איך וואָלט אין אַ שטײַג געזעסען... גאַנצע טעג זיץ־אָב אין שטוב... נישטאָ וואו צו געהן, נישטאָ וואו צו שטעהן... ווי איך שרעק מיך, כ׳האָב אַזוי מורא... אוי, רבקה׳שי, ווי איך בענק אַהיים... כ׳בענק אַזוי...

רבקה׳לע, וועלכע האָט די גאַנצע צײַט נײַגעריג געקוקט אויף איהר שוועגערין און מיט אָנ׳אָפענעם מויל צו אַלע איהרע ווערטער צוגעהערט, האָט די לעצטע ווערטער כמעט ניט געהערט, זי איז געבליבען זיצען מאָדנע פערטראַכט. אין איהר קינדיש האַרץ האָבען זיך פערשידענע געפיהלען ערוואַכט און מיט שטילע שטאַמלענדע ווערטער האָט זי זיך צו דער שוועגערין געווענדעט:

— איך פערשטעה דיך ניט, דבורה׳לע. דו זאָגסט, וואָס דו פלעגסט לייענען אין די פוילישע ביכלעך פון פערליעבטע חתן־כלה, וואָס זענען פון דערהיים אַנטלאָפען... פאַרוואָס, דבורה׳לע, זענען זיי אַנטלאָפען?...

— ווייל זיי האָבען זיך ביידע געליעבט...

— געליעבט?

דבורה'לע האָט זיך שטאַרקער צוגעטוליעט צו איהר שוועגערין און געשעפּטשעט:

— יאָ, יאָ, רבקה'שי... איך איך... איך האָב אין וואַרשאָ געליעבט...

רבקה'לע איז פון אָרט אויפגעשפרונגען, און וואַרפענדיג דער־שראָקענע בליקען אויף איהר שוועגערין, האָט איהר קערפער גע־ציטערט אין דער פאַרנאַכטיגע פינסטערניש פונ'ם צימער...

* *

*

און דרייסען איז די נאַכט צוגעפאַלען; רבקה'לע, אַבעאָונרו־היגטע פון פלוצלונגע שרעק, וואָס איהר שוועגערינס לעצטע ווערטער האָבען אויף איהר אָנגעוואָרפען, האָט זיך שטיל אויף די שפּיץ פינגער פון צימער אַרויסגעשאַרט.

דבורה'לע, פערשליסענדיג איהר קאָפּ צווישען די אָרעמס, איז געבליבען זיצען ביים פענסטער און געקוקט מיט שטאַרע בליקען אין דער ווייטער נאַכט־שטילקייט, אין וועלכער ס'האָבען זיך פון צייט צו צייט דורכגעטראָגען אָבגעריסענע קלאַנגען: אַ בעל־עגלה'שער „וויאָ" און אַ פּאַטשען פון אַ בייטש, טענער פון אַ גאַרמאָניקע און מיידעלשע געלעכטערס...

פאַר'ן פענסטער האָבען זיך די בוימער געוויעגט און געפאָכעט מיט זייערע בלעטער אויף דבורה'לעס פנים. זי האָט פעסטער איהר קאָפּ אין די אָרעמס איינגעשלאָסען און די אויגען פערמאַכט.

עס שווימען־אויף פאַר איהר היימישע בילדער פון דער נאָ־הענטער פערגאַנגענהייט.

אָט איז יענער אָווענד...

זי ליגט אין עס־צימער אויף דער סאָפע אויסגעצויגען און לייענט אַ פוילישע ביכעל, וואָס איהר חבר'טע ריווטשע ברוינשוויי'ג האָט איהר געגעבען... אוי, וואָס פאַר אַ שען ביכעל יענץ איז געווען!... חאַ־חאַ־חאַ, וויפיעל זי האָט דאָס דאַמאָלס געלאַכט פון דעם דאָזיגען נאַרישען, אוי, אוי, ווי האָט ער געהייסען? — יאָ, זי געדענקט, יאַנושעק, יאַנושעק האָט ער געהייסען... דער דאָזיגער יאַנושעק איז תמיד אַרומגע־גאַנגען מיט די געדאַנקען, ניט חתונה צו האָבען אַנדערש, נאָר פאַר

אינ'ם רבי'נס הויף *

א כלה מיט א סך געלד... און אז ער פלעגט זיין צווישן א „טאוואר־זשיסטווע" און דערזעהען א שען מיידעל פון נישט־רייכען שטאנד, האט ער געחאפט, יאנישעק, און איז אנטלאפען, מורא־האבענדיג, ער זאל זיך נישט אין איהר פערליבען... א שאד, זי האט דאס ביכעל נישט געענדיגט... די טיהר האט זיך דאמאלס געעפענט, זי האט זיך דערשראקען און געשווינד בעהאלטען דאס ביכעל אונטער'ן פארטוך... געמיינט האט זי, אז דאס געהט דער טאטע, באלד האט זי אבער איהר אומזיסטע שרעק דערזעהען, דאס איז גאר די מאמע אריינגעקומען, און די מאמע האט קיין פויליש ביכעל נישט געשטערט צו לייענען... „יודישע ראמאנען, פלעגט תמיד די מאמע צו איהר זאגען, איז א נ'עבירה צו האלטען, מחמת זיי פיהרען אראב פון גוטען וועג און זיי פערפאסקודען דעם קאפ מיט אויסגעלאסענע זאכען, טפוי! זאלען זיי דארט ווערען!... פון א פויליש ביכעל אבער, לערנט מען זיך אויס רעדען פויליש און די היינטיגע צייט פאדערט עס"... די מאמע האט געשמייכעלט און זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, עפעס א צייט גערעדט מיט איהר אזעלכע מאדנע ווערטער, זי קאן זיך בשום אופן ניט דערמאהנען, וואס האט זי דאס דאמאלס גערעדט אזוינס... דערנאך האט זיך די מאמע אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען נעהענטער צו איהר, געגלעט איהר איבער'ן קאפ, געקוקט איהר שמייכלענדיג אין די אויגען, האלב־פערשעמט איהר ארומגענומען און געזאגט: „טאכטערשי, סקומט דיר א מזל־טוב"...

וואס האט זי דערויף געענטפערט? ניין, זי קאן זיך גארנישט דערמאהנען, זי האט, דאכט זיך, גארנישט, גארנישט געענטפערט... דערהערענדיג די בשורה פון דער מוטער, דאס זי שטעהט אין א יחוס־שידוך, און א שדוך מיט א רבי'שען „הויף", האט זי דאמאלס, געדענקט זי, פון גרויס איבעראשונג קיין איין ווארט נישט ארויסגערעדט. צו דער מוטערס גרויס וואונדער האט זי נישט געפרובט איבערפרעגען קיין זאך... זי איז דאן געבליבען זיצען ווי צוגעשמידט צו איהר ארט, איהרע אויגען האבען שטאר געקוקט אויף דער מוטער, און איהר מוח, אין וועלכען ס'האט זיך א מבול פון געדאנקען געפלאנטערט, איז דאן פלוצלונג, גאר אינערווארטעט פאר איהר זעלבסט, ארויסגעשוואומען דער נאמען: דוד...

דוד... — אין אנפאנג האט זי זיך דאן אליין נישט געקאנט אבגעבען קיין גענויען בעגריף, וואס און ווען זי טראכט וועגען איהם...

אינ׳ם רבינ׳ס הויף

זי האָט דערנאָך, געדענקט זי, ווען זי האָט זיך אַ בּיסעל וּבערוּהיגט, אַליין גע׳חידוש׳ט, פאַרוואָס דער דאָזיגער נאָמען האָט זיך עפּעס איינגעגעסען אין איהר מוח און גיט איהר קיין רוה נישט...

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי דאַמאָלס קיין אויג נישט צוגעמאַכט. חיפּיעל זי האָט נישט געפּרוּבּט דעם דאָזיגען געדאַנק אָפּצוטרייבּען פון זיך, דאָס ווייטער האָט זי זיך צוגעוואָרגט צו אידם, אַליך מיט מעהר דרייסטקייט האָט זי גענומען טראַכטען דעריבּער. ס׳האָט איהר בּעהערשט אַ געפיהל, וועלכען זי האָט זיך געשראָקען אויף די ליפּען צו בּרענגען...

און אַט זיצט זי צו־מאָרגענס אין אָוונד ביי די ברוינשווייג׳ס.

בּרוינשווייג׳ס הויז, פלעגט זאָגען די מאַמע, איז אַ „פּאָסטעמ־פּאָוע" הויז, מחמת ר׳ בּרוך בּרוינשווייג אַליין איז אַ גאַנץ קאָפּעה חסיד, נישט איבּעריג פרום און בּכלל אַ שטיק היינטוועלטיגער. בּרוינ־שווייג׳ס טעכטער האָבּען געענדיגט פּענסיאָנען. די עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ „דייטש" און די יונגערע טאָכטער, ריוועטשע, שפּיעלט אויף פּאַרטעפּיאַן.

זי, דבורה׳לע, איז אַנאָפּטע אריינגעהערין געוועזען בּיי דער שכנות׳דיגער פאַמיליע בּרוינשווייג אין הויז; דאָרט האָט זי די פרייע אָוועדען פערבּראַכט. דאָרט האָט זי כמעט דאָס ערשטע בּיכעל אָנ־געהויבּען צו לייענען; מיט דער צייט איז זי דאָרט געוואָרען צוגע־וואָהנט צו דער גאַנצער שטוב, געפיהלט זיך דאָרט פריי און היימיש אַ דאַנק ריוועטשען, איז זי בּעקאַנט געוואָרען מיט פיעל חברשעס פון דער „פּאַסטעמפּאָווער" קלאַס, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענקו־מען אין אָוונד פערבּרענגען אין זאָרגלאָזע מעדעלשע שפּיעלערייען און שמועסען, שפּיעלען אויפ׳ן פּאַרטעפּיאַן און אונטערהאַלטען זיך מיט לאַבּעדיג־פרעהליכע ליעדער. צוזאַמען מיט זיי, אָהן איהרע על־טערענס וויסען, פלעגט זי, דבורה׳לע, געהן גאַנץ אָפט אין טעאַטער און אויף פערוויילונגען.

וואָס האָבּען דאַמאָלס די חבר׳טעס געטראַכט וועגען איהר?? דאַ־מאָלס, ווען זיי האָבּען געהערט, וואָס פאַר אַ שדוך זייער חבר׳טע דבורה׳לע האָט געטהון?... און די בּרוינשווייגס? און ריוועטשע?...

זי פיהלט, ווי איהר פּנים גליהט איצט פון רויטקייט...

אַט זיצט זי צו־מאָרגענס אין אָוונד ביי די בּרוינשווייגס.

ווען זי איז אריינגעקומען, האבען איהר אלע דארט אין הויז בעגעגענט מיט א ליעבען שמייכעל. ריוטשע האט איהר צוגעטראגען א שטוהל און געבעטען זיצען, מאדאם ברוינשווייג האט אנגעקלונגען אין קיך, מ'זאל אריינברענגען טהיי.

זי איז געזעסען ביים טיש און געשוויגען. זי האט אלע חיילע געווארפען א בליק אויף די ארומיגע פנימ'ער, פון וועלכע זי האט געוואלט לייענען: צי איז שוין פאר זיי דער סוד נישט ענטפלעקט... פארוואס קיקט אזוי מאדאם ברוינשווייג אויף איהר? וואס בעדייט דער שמייכעל, וואס רוהט אויף איהר פנים? און ריוטשע? און דוד? פארוואס האלטען זיי די אויגען אוועקגעקעהרט פון איהר?... אט האט זיך מאדאם ברוינשווייג געווענדעט צו איהר מיט עטליכע פראגען און האט געשמייכעלט דערביי און געלאכט... אלע זענען מיט אמאל געבליבען זיצען שטיל. ריוטשע האט געקיקט אויף איהר מיט פארשענדע בליקען... איהר הארץ האט האסטיג גענומען קלאפען, זי האט קיין ארט ניט געפינען, וואו די אויגען צו בעהאלטען, זי האט זיי געוואלט ערגעץ איינגראבען, פערשטעקען, נישט טרעפען זיך מיט קיינעם. איהרע באקען האבען געפלאמט... נישט-ווילענדיג האבען זיך איהרע אויגען אנגעשטויסען אויף דוד'ס און זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט... קיינער, אויסער זי, האט דאן נישט בעמערקט, ווי דוד האט נערוועז געציטערט און זיין פנים איז מאדנע בלאס געווארען... און פלוצלונג איז ער געשווינד אויפגעשטאנען פון דער שטוהל, אנגעהויבען ארומשפרייזען א צוטומעלטער פון איין ארט אויפ'ן צווייטען, פון דער שאנק צו דער קאמאד, פון דער קאמאד צום פענסטער, ווי ער וואלט דארט עפעס געזוכט... און ציטערנדיג איננאנצען פון אויפרעגונג, איז ער אונבעמערקט אין זייטיגען צימער אוועק...

וואס ווייטער איז געווען, קאן זי זיך גענוי נישט דערמאהנען... ס'האט זיך אלץ איננאיינעם צונויפגעגאסען אין א מיש-מאש פון צובראקעלטע, אבגעריסענע בילדער... ס'האט זיך די טיהר געעפענט און מיידלעך, חברטעס, זענען אריינגעקומען... און די מיידלעך האבען געלאכט, און מאדאם ברוינשווייג איז געשטאנען נעבען איהר און געשמייכעלט... ריוטשע איז געשטאנען הינטער די פארהאנג ביים פענסטער און געקיקט אויף איהר און מיט די הענד צו די מיידלעך געוויזען און געדראהט מיט די פינגער... און די מיידלעך האבען געלאכט און האבען איהר זייערע הענד אויסגעשטרעקט... די טיהר

פון זייטיגען צימער האט זיך האלב געעפענט און דודס קאפ האט זיך אין דער טיהר בעוויזען... „מזל־טוב!“... און אליך ארום האט געהילכט פון געלעכטער... ניין, ווייטער געדענקט זי נישט. דער קאפ איז איהר אזוי שווער, מעהר קאן זי זיך גארנישט דער־מאהנען...

זינט יענעם אווענד פלעגט זי שוין זעלטענער אריינקומען צו דער פאמיליע ברוינשווייג. און פלעגט זי ווען קומען, האט זי בעמערקט, ווי אלע אין הויז היטען זיך נישט ארויסצוחאפען זיך מיט א ווארט וועגען שדוך, די תנאים און דעה זמן־החתונה, וועלכע איז שוין גאר נאהענט...

און די תנאים... דער רבי דער מחותן, און די רביצין... וואס ביי זיי אין הויז האט זיך דאמאלס אבגעטהון!... ניין, זי געדענקט נישט, זי קאן בשום־אופן נישט צונויפשטעלען איין בילד צום צווייטען, זי געדענקט אפילו נישט גענוי, ווי אזוי די חתונה איז צוגעגאנגען... זי איז די גאנצע צייט געווען ווי בערוישט... אין הויז ביי זיי האט געקאכט און געפילדערט ווי ערב פסח, די טיהר האט נישט גע־רוהט... דער טאטע איז ארומגעלאפען א צוטראגענער און כסדר געשריבען מיט דער בלייפעדער, געצופט די באָרד און געמאכט חשבונות... די מאמע איז ארומגעשפרונגען פון איין צימער אין צווייטען מיט'ן בינטעל שליסעלעך אין האנד און געוואקסען פון נחת... און זי, דבורה'לע, איז שעה'ן־לאנג אבגעזעסען יעדען טאג ביים פענסטער און געטראכט, ניין — גארנישט, גארנישט געטראכט... זי איז געזעסען און געקוקט אין דרויסען, געקוקט סתם אין דער וועלט ארייז... איז געקומען די שניידערין, די נעהטארין, די פוצערקע און די מאמע האט זי אריינגערופען — איז זי א שווייגענדע, א געדארב־זאמע אריינגעגאנגען, זיך אנגעמאסטען, אנגעפוצט, געדרעהט זיך ביים שפיגעל, דא רעכטס, דא לינקס... נישט זי האט געזאגט עפעס א חסרון, נישט זי האט געמאכט עפעס א בעמערקונג. שווייגענדיג האט זי אליך געפאלגט און געטהון מעכאניש, אהן חשק, אהן ווילען. „די מאמעשי זאגט אזוי? — זאל זיין אזוי“... קיין זאך האט זי נישט אינ־טערעסירט. ווי א שאטען האט זי זיך גאנצע טעג ארומגעדרעהט...

ביינאכט נאר, ווען זי פלעגט ליגען אויפ'ן געלעגער, פלעגען דאן פאר איהר דורכלויפען איינצעלנע אבגעריסענע איינדריקען, וועל־כע זי האט אין פערלויף פון טאג איבערגעלעבט, און דאן פלעגט

זי וועגען איהר נאָהענטער צוקונפט טראַכטען... זי פערמאַכט די אויגען און גיט זיך מיה, ריכטיג צו זעהען דאָס געשטאַלט פונ'ם חתן... א מאָגערער בלאַסער יונגעל מיט א מאָגער פערגרינט פנים, וועלכעס זעהט זיך אַרוים פון די צוויי לאַנגע און ברייט־צופּלאָסענע פאות... זי גראַפּט־איין דעם קאָפּ אין קישען און צולאַכט זיך... חאַ־חאַ־האַ, חי־חי־חי — הילכט־אָב דער ווידער־קול פון דעם פערשטיקטען געלעכטער אינ'ם פינסטערען שלאָפצימער, און די מאַמע, וואָס שלאָפט אין דערבייאיגען צימער, דערשרעקט זיך און שרייט־אַריין מיט א ציטערדיגע שטימע: „דבורה'לע? דבורה'שי?"... נאָר זי, דבורה'לע, ענטפערט ניט, עפּעס האָט זי איצט הנאה, וואָס זי האָט די מאַמע איבערגעשראָקען, און עס ווילט זיך איהר, צו־להכעיס, נאָכאַמאָל לאַכען, נאָך העכער, העכער, מען זאָל אין גאַנצען הויז הערען און דער טאַטע זאָל הערען: חאַ־חאַ־חאַ, חי־חי־חי!... אינ'ם דאָזיגען געלעכטער, פיהלט זי, גיסט זיך אויס איהר נקמה, האַס און גיפט, וואָס האָבען זיך ביי איהר אין האַרצען צונויפגעקליבען; א האַס צו טאַטע־מאַמע, וואָס האָבען זי צוליעב „יחוס" פערקויפט, א שנאה צו פיעל, פיעל אַנדערע, וואָס זי ווייסט אַפילו ניט, ווער און וואָס זיי זענען...

און אָט איז דאָס לעצטע בילד. דער מאָמענט, ווען זיי האָבען זיך צושיידט...

אויף דער פּלאַטפאָרמע אַרום דעם וואָקזאַל האָט גערוישט פון די מחותנים און פיעל געסט, וועלכע זענען געקומען איהר בעגלייטען און געזעגענען זיך. די מאַמע, א שיינענדיגע פון פרייד, לויפט אַרום מיט אויסגעשטרעקטע הענד, חאַפּט אַלע ווײַלע אַרום אַנאַנדער קאָפּ, האַלזט איהם פעסט צונויף און קושט, ווישט די ליפּען און קושט... אָט איז א ראָד פון א געדיכטען עולם און אין מיטען ראָד פלאַטערען שטריימלען און פאות, און דער טאַטע איז אויך אין מיטען, קוקט אַרום זיך מיט גדלות און ציהט לאַנגזאַם די באָרד... זי, דבורה'לע, אויסגעפּוצט אין די נייע מלבושים, זיצט אין וואַגאָן און קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער... א געשריי רייסט זיך שיער ניט אַרויס פון איהר האַרץ... דאָרט אין ווינקעל, נעבען די שטאַכעטען פון וואָקזאַל, אונבעמערקט פון א זייטיג אויג, שטעהט ער... דוד... פערבערדאַפּט בלאָנדזשען אַרום זיינע אויגען צווישען די פיעלע אויסגעפּוצטע געסט און ציטערט פון אויפרעגונג... ער זעהט איהר... יאָ, זייערע אויגען האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען, ער געזעגענט זיך

מיט איהר, עפּעס, דאַכט זיך, זאָגט ער איהר עפּעס... דער צונג ריהרט זיך... זי זעהט איהם נאָך... ער שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, מיט'ן פֿינגער, דאַכט זיך, ווייזט ער עפּעס... דער צוג לויפֿט אַלץ שנעלער, שנעלער, זי זעהט איהם נאָך פֿון ווייטען... אָט איז נאָך אַ פּינטעלע, פֿון דער־ווייטען, פֿון דערווייטען...

— — — — — — — — — — —

— דבורה'לע, דבורה'לע...

דאָס איז די שוויגער, שרה'לע די רביצין, מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ אין האַנד אַריינגעקומען. דבורה'לע האָט דערשראָקען איהר קאָפּ פֿון די איינגעשלאָסענע אָרעמס אויפֿגעהויבען און אַ צומישטען בליק אַרום זיך געוואָרפֿען.

אין דער אָפֿענער טיהר האָט זיך געוויזען אַ פֿערשעמט פּנים פֿון לייבעלע דעם רבי'נס...

*   *

*

אונרוהיג האָט רבקה'לע פֿערבראַכט די נאַכט אויף איהר געלעגער און ניט געקאָנט איינשלאָפֿען.

— זאָל איהר גאָט ניט שטראָפֿען! — טראַכט זי מיט שרעק און בעהאַלט דעם קאָפּ אונטער דער קאָלדרע — אוי, וואָס פֿאַר אַ ווערטער זי האָט פֿאַרנאַכט דאָרט, אין צימער ביים פֿענסטער, פֿון איהר שוועגערין דבורה'לע געהערט!... די קורצע אָבגעהאַקטע ווערטער, אין וועלכע איהר שוועגערין האָט זיך פֿאַר איהר דאָס האַרץ אויסגעגאָסען און געשילדערט איהר לעבען און אויפֿפֿיהרונג אין וואַרשאָ... צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען הערט זי פֿון אַ יודישע טאָכטער — דערצו נאָך פֿון אַ יודיש ווייבעל! — אַזעלכע ווערטער!... זי, רבקה'לע דעם רבי'נס טאָכטער, האָט דאָך דאָ אין „הויף“ ביז איצט איהרע יאָהרען פֿערבראַכט; אין דער סביבה פֿון פֿרומקייט און קדושה אויסגעוואַקסען, ערצויגען געוואָרען, אַזוי ווי אַ רבי'נס קינד דאַרף ערצויגען ווערען, מיט יעדען שריט און טריט אָבגעהיט געוועזען און — גאָר אַזעלכע ווערטער!...

— איז דאָס אמת? — שרעקט איהר דער געדאַנק, איז דאָס טאַקי אמת, אַז דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט זענען יודישע, חסידישע

מערלעך אזעלכע זינדיגע?...

אונרוהיג וואַרפט זיך רבקה'לע דעם רבי'נס טאָכטער אויפן געלעגער, זי בעמיהט זיך אלע דבורה'לעס ווערטער צו דערמאָהנען און איהר פנים ווערט מיט א שעמעוודיגע רויטקייט בעגאָסען... צו לויפען-דורך אין איהר פאַנטאַזיע פערשיעדענע בילדער און פיגורען, וואָס צום ערשטען מאָל, דאַכט זיך, טראַכט זי וועגען זיי, צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען קומען אזעלכע בילדער אויף איהר געדאַנק אַרויף...

א ציטער לויפט-דורך איבער איהר קערפער — זי איז א זינדיגע... — שעפטשען שטיל איהרע ליפּען און זי הילט זיך איינגעצען איין אין דער קאָלדרע — זי איז א זינדיגע... דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט זענען אלע פול מיט עבירות... אלע מערלעך זינדיגען דאָרט...

שוין עטליכע שעה ווי דבורה'לע ליגט אויף איהר געלעגער און קאָן ניט איינשלאָפען.

א ביטערער אומעט נאָגט איהר האַרץ, זי פיהלט זיך איינזאם און עלענד אין דעם דאָזיגען הויז, וואו איף אלעם ארום איז אויסגעגאָסען פורכט און הייליגקייט, אויסגעמישט מיט א מין אונבעוואוסטזאַרע שרעק...

עס ציהט איהר אהין, דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט, אהין, צו דעם רוהיגען קאָכיגען לעבען, צו איהרע עלטערען, צו דער פאַמיליע ברוינשווייג, צו איהרע חברטעס, צו רוהטשען און צו...דודן... צו דער פאָרטעפּיאַן, צו די פרעהליכע אָווענדען, צו דעם גאָרטענשפּאַציר און די זומער-פאַרנאַכטען... און וואָס מעהר זי טראַכט איבער זיי, אלץ מעהר ערוואַכען זיי זיך אין איהר געדאַנק, און עס ציהט איהר אהין, אהין, דאָרט, וואו זי האָט ביז איצט איהרע מיידעלשע יאָהרען פערבראַכט...

און דבורה'לע שפּרינגט פּלוצלונג אַראָב פון איהר בעט, נעהמט אויף זיך ארום א לייכט שאַלעכעל איבער די אַקסלען, און א באָרוויסע לאָזט זי זיך אויף די שפּיץ פינגער אריין אין נאָהענטען צימער: לאַנגזאַם, פּאַמעליך געהט זי צו צום בעט, אין וועלכער רבקה'לע ליגט מיט פערמאַכטע אויגען, נאָך-וואָס איינגעשלאָפען, און בריגט

זיך איין איבער איהר, וועקענדיג זי מיט אַ שוואַכע שטימע און גלייכגילטיגע טענדיג דערבײַ צאַרט און ליעבליך איהרע הענד:

— רבקה'לע... רבקה'שי... דו שלאָפסט?... רבקה'שי!

רבקה האָט האַסטיג געעפענט די אויגען און מיט שרעק אַ צאַפּעל געטהון, און אַרומקוקענדיג זיך איבערן צימער און דערזעהענדיג נעבען זיך דבורה'לען אינגאַנצען כמעט אויסגעטהון, האָט זי ווי צומישט אַרויסגערעדט:

— אַך!... דאָס ביזטו?... אַזוי שפּעט בײַנאַכט?... וואָס איז געשעהען? וואָס זיצטו עפּעס דאָ אַזוי?..

— בערוהיג זיך, בערוהיג זיך — האָט איהר דבורה'לע געגלעט די אָרעמס און געשמייכעלט — ס'איז גאָרנישט... איך בין גלאָט אַזוי אַרײַנגעקימען צו דיר... ס'איז מיר אומעטיג דאָרט...

— אָבער, אָבער... — האָט רבקה'לע געשטאַמעלט און געקוקט אויף איהר מיט אונפערשטענדיליכע בליקען — אָבער... זעה נאָר, ווי שעמסטו זיך נישט... דו ביזט דאָך אַ נאַקעטע... און באָרפוס ביזטו... געה-אַוועק, כ'בעט דיך... דאָרט בײַ אייך אין דער גרויסער שטאָדט זענען אַלע מיידלעך זינדיגע... אַלע מיידלעך...

— חאַ-חאַ — האָט זיך דבורה'לע צולאַכט און זיך מעהר צוגעבויגען צו איהר — וואָס רעדסטו דאָס אַזעלכע מאָדנע ווערטער?... חאַ-חאַ!.. ס'האָט זיך דיר, ווייזט-אויס, אַ שלעכטער חלום געחלומ'ט איצט, איאָ, מיידעלע מיינס?... אוי ווער איז מיר, ווי בלאָס דו קוקסט אויס! וואָס עפּעס קוקסטו אויף מיר מיט אַזעלכע שטאַרע אויגען? זאָג מיר, רבקה'לע, וואָס איז מיט דיר?

אַ לאַנגע ווײַלע האָט רבקה'לע געשוויגען, קוקענדיג אַלץ אויף איהר מיט שרעק, פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעזעצט אויף איהר בעט און מיט אַ שעמעוודיגע מינע זיך געווענדעט צו איהר שוועגערין:

— אָבער זאָג מיך, דבורה'לע, כ'בעט דיך, איז טאַקע אמת, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט פאַרנאַכט, דאָרט בײַם פענסטער?...

— אַז וואָס?...

— אַז, אַז... דאָרט אין וואַרשאָ, דאָרט... איידער דו ביזט אַהערגעקומען צו אונז... ווען דו ביזט נאָך אַ מיידעל געווען... האָסטו געליעבט?... זאָג מיר...

דבורה'לע האָט אַ ציטער געטהון, איהר פריהערדיגער שמייכעל איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען, איהר פנים איז געוואָרען

ערנסט. אין אָנגעהמענדיגע רבקה'לען ביי דער האַנד, האָט זי זיך צו איהר געווענדעט מיט אַ ציטערנדע שטימע:

— רעד נישט מעהר, רבקה'לע, אַזעלכע ווערטער, דו ביזט נאָך אַ קינד... דו פערשטעהסט נאָך גאָרנישט, אַ קינד ביזטו נאָך... לאָמיר מעהר וועגען דעם נישט רעדען... כ'האָב זיך נאָר גלאַט אַזוי אַרויסגע־חאַפּט פאַר דיר... אָבער כ'בעט דיך, שלאָג דאָס דיר אַרויס פון קאָפּ, טהו מיר צוליעב, רבקה'לע, פערשאַף מיר נישט קיין שמערצען, טראַכט נישט מעהר דעריבער.....

זי האָט זיך צוגעבויגען צו איהר און צוגעטוליעט צו זיך איהרע וואַרימע אָרעמס. עטליכע מינוטען האָט אַ שטילקייט געהערשט...

פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט פון דרויסען רעדער־סקריפּעריי פון ברישקעס, וואָס האָבען זיך מיט שווערקייט געשלעפּט איבער דער שטילער איינגעשלאָפענער גאַס. דאָס סקריפּעריי איז געוואָרען אַלץ נעהענטער און נעהענטער, און מיט רעש זיך געשטעלט נעבען הויף.

באַלד האָט זיך פון הויף דערהערט אַ שטאַרקע בעוועגונג, אַ גערעדעריי און פרעמדע טריט פון פיעל פערזאָנען. דבורה'לע האָט זיך מיט געשווינדיגקייט אַ חאַפּ געטהון פון איהר אָרט, און ווינ־שענדיג דבורה'לען „אַ גוטע נאַכט", איז זי איילענדיג פערשוואונדען צוריק צו זיך אין צימער.

III.

דער פעטער.

צו די ברוינשווייג'ס אין הויז איז געקומען אַ גאַסט צופאָהרען. דער פעטער שמחה־הערש, דער האַטשינער שוחט, ר' ברוך ברוינ־שווייגס ברודער, וועלכען מ'האָט פרעהליך מקבל־פנים געווען:

— ברוך־הבא, פעטער שמחה־הערש! אודאי צום רבי'ן!...

וואָרום הגם ר' שמחה־הערש איז שוחט אין האַטשין, וואו עס וואוינט דער האַטשינער רבי, און הגם ר' שמחה־הערש איז גע־ווען אַ גאַנצער יוצא־ונכנס ביים האַטשינער רבי'ן אין הויז און פלעגט אפילו שבת אַריינקומען צום טיש זינגען אַ זמר, פונדעסטוועגען האָט ער זיך געהאַט „זיין" רבי'ן, דער רבי פון נ., וואוהין ער פלעגט פאָ־

בען א נסיעה עטליכע מאל אין יאהר. און ווען ער פלעגט פאהרען פון חאטשין קיין נ., פלעגט זיך דער פעטער שמחה־הערש אבשטעלען אויף אהאלבען טאג אין ווארשא, אבטרעטען ביים ברודער ברוך ברוינשווייג אין הויז. און דערפאר טאקי, ווי נאר ער פלעגט דעם ברודערס טיהר עפענען אין ברוינשווייג׳ס בני־בית האט איהם דער־זעהען, איז געווארען פרעהליך אין הויז, און נאכ׳ן ערשטען קבלת־פנים, פלעגט גלייך איינער ארוים מיט נישט קיין בעהאלטענע ליצנות־פראגע:

— וואוהין, פעטער שמחה־הערש?

דער פעטער שמחה־הערש האט זיך פערשטאנען דערויף און פלעגט גוטמוטיג צולעגען א פינגער צו דער נאז:

— ע־הע קינדס׳ס!... וואוהין? וואס הייסט, וואוהין? אודאי — אהין!... — און דערביי פלעגט ער אווייז טהון מיט׳ן פינגער: — „אהין“, דאס האט געהייסען קיין נ. צום רבי׳ן.

בעזונדערס פלעגט זיך תמיד משמח זיין מיט׳ן פעטער שמחה־הערש׳ס קימען, ברוינשווייג׳ס יונגערער זוהן, דוד.

דען זומער־צייט, ווען די פאמיליע ברוינשווייג פאהרט ארוים אויף דאטשע, פלעגט דאן דוד גאנץ אפט אריבערפאהרען קיין חאטשין צום פעטער, פערברענגען עטליכע וואכען אינ׳ם רוהיגען קליינשטעדטעלדיגען לעבען. אין חאטשין האט זיך דוד געפיהלט פאר א גאנצען חשוב; אלע האבען איהם שוין דארט געקענט, מיט יעדען געווען היימיש. די חאטשינער בחורים־אינטעליגענטען האבען געהאט גרויס אבשיי פאר דעם ווארשאווער גבירישען בחור, וועלכער געהט פאצעטיש געקליידט און איז א שארפער קענער אין די ביכער, און אין די זומער־פארנאכטען פלעגען זיך די דארטיגע בחורים־אינטעליגענטען גאר גרויסארטיג אויספוצען, די האר פערקעמען מיט „גרזשיוועס“ פון פארענט און ביכלעך האט מען גענומען אונטער די ארעמס — זאל ער וויסען, דער ווארשאווער בחור, אז זיי, חאטשינער, זענען עפעס אויך ניט אבי־ווער! — און די גאנצע חברותא מיט דוד׳ן אין דערמיט, פלעגען זיך לאזען מיט אויפגעהויבענע קעפ און שטאלצע טריט, שפאצירען־געהן אונטער דער שטאדט, וואו מ׳האט זיך אויפ׳ן גראז אויסגעלעגט, מיט די פנימ׳ער צום הימעל, און מ׳האט דיסקוסיעס גע־פיהרט און וועגען ביכער גערעדט און העברעאישע לידער געזונגען.

די חאטשינער אינטעליגענטען האבען איהם איינמאל, ביי־

השמשות-צייט, אָנגעוויזען אויפֿן חאַטשינער רבּינ׳ס בחור׳ל, מרדכי־לע, און דערביי האָבען זיי איהם אַ סוד אין אויער איבערגעגעבען: — „אַ משכיל... טאַקע אין גאַנץ אין די ביכער“... דוד האָט געשלאָסען מיט איהם בעקאַנטשאַפֿט, געוואָרען אַלץ נעהענטער און נעהענטער — ליעב-צוגעקניפּטע חברים! אַזוי, דאָס דוד פֿלעגט שוין דערנאָך אין וואַרשאַ פֿיהרען מיט איהם אַ געהיימע קאָרעספּאָנדענץ און די אונטערשריפֿטען אויף די בריעף, סיי דוד׳ס און סיי מרדכי׳לעס, זענען געצייכענט געוועזען מיט בלויזע ראשי-תיבות.

און דעריבער, אַז דוד פֿלעגט אין וואַרשאַ דעם פֿעטער שמחה-הערש דערזעהען, האָט ער זיך דערפֿרעהט, ווי איינער, וואָס בעקומט אַ גרוס פֿון זיין היים-שטעדטעל; אָבגעגעבען איהם אַ בריטען שלום-עליכם און אויסגעפֿרעגט זיך, פּונקט ווי אַ חאַטשינער תושב: וואָס הערט זיך עפּעס אין חאַטשין? וואָס מאַכט דער און וואָס מאַכט יענער?

איצטיגעס מאָל, ווען ברוינשווייג׳ס בני-בית האָט פֿרעהליך מקבל-פּנים געוועזען זייער פֿעטער: „פֿעטער שמחה-הערש, וואַיהין?“ — האָט ר׳ שמחה-הערש אַנערנסט פֿערטרויערטען שאָקעל געטהון מיטן קאָפּ און האָט פֿון דער בוזים-קעשענע אַ טעלעגראַמע אַרויסגענומען און געזיפֿצט:

— כ׳ווייס נישט וואָס איבערצוטראַכטען, היינט אין דערפֿריה האָב איך פֿון „דאָרט“, פֿון נ. אַ טעלעגראַמע ערהאַלטען: „דער רבּי דאַרף אייך האָבען“. וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

— אַ טעלעגראַמע? — אַלע האָבען זיך געחידושט דערויף און יעדער האָט זיך געפּרובט בערוהיגען דעם איבערגעשראָקענעם פֿעטער.

דער פֿעטער שמחה-הערש האָט זיך געוואַשען די הענד און אַוועקגעלעגט זיין רייזע-פּעקעל אין אַ ווינקעל; מאַדאַם ברוינשווייג האָט זיך דערווייל געפּאָרעט אין קיך צואיילען דעם מיטאָג לכבוד דעם גאַסט. מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש און דער פֿעטער שמחה-הערש האָט ניט אויפֿגעהערט צו זיפֿצען וועגען דער טעלעגראַמע, וואָס ער האָט ערהאַלטען. ער האָט געקנייטשט דעם שטערען און געפּרובט לערנען פּשט: טאָמער איז די מעשה אַזוי? און טאָמער — אַזוי? און איז יעדעס מאָל געקומען צום אויספֿיהר, אַז ווי אַזוי מען זאָל נישט פּרובען טייטשען, איז פֿאָרט דער גאַנצער ענין זעהר

קשה און דער שכל זיינער קאן דאס באין אופן ניט תופס זיין...

— און וואס מאכט אין נ. די יונגע שנור, דבורה׳לע, מיין שכנ׳טעס טאכטער? — האט זיך פלוצלונג מאדאם ברוינשווייג געווענדעט מיט א פראגע צו ר׳ שמחה-הערש׳ן.

— ווייס איך... זאגען זאגט מען, אז זי האלט זיך עפעס פון אלע ווי אבגעזונדערט, פון דערווייטען. זיצט גאנצע טעג ביי זיך אין צימער ביים פענסטער, ווייס איך... זי איז תמיד, זאגט מען, טרויעריג און פערבענקט, גיט זיך נישד אב מיט קיינעם, אויסער מיט׳ן רבינ׳ס טאכטער, רבקה׳לע... נארישקייטען... א יונג קינד, ארויסגענומען פון א ווארשאווער גביר׳ש הויז — איז זי שעמעוודיג, איז איהר שווער א ביסעל זיך צוצוגעוואוהנען מיט אמאל און פיהרען זיך אויפ׳ן רבי׳שען שטייגער, ווי די רבי׳שע קינדער...

און ר׳ שמחה-הערש האט גענומען שילדערען די התנהגות „דארט“, אין „הויף“, דערצעהלט מיט התלהבות, ווי אזוי עס פיהרט זיך די רביצין און ווי עס זענען זיך נוהג די קינדער, און דערצעהלענדיג האט זיין פנים געלויכטען פון גדלות, וואס אויך ער, ר׳ שמחה-הערש, געהער צו דעם דאזיגען „הויף“, אויך ער האט דארט א חלק; אנ׳עקסטרע טעלעגראמע שיקט מען נאך איהם!...

אלע ביים טיש האבען זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, וואס דער פעטער שמחה-הערש דערצעהלט; דוד איז געזעסען ערנסט פערטראכט, האלטענדיג דעם קאפ אנגעשפארט אויף דער האנד, זיין פנים איז געוועזען בלאס און אויפגערעגט און פון זיינע שטארקע אויגען, וואס האבען פערטראכט געקוקט ערגעץ אויפ׳ן סופיט, איז קענטיג געוועזען, דאס ער איז שטארק פערטראגען און זיינע רעיונות בלאנדזשען ערגעץ ווייט-ווייט אוועק...

פערברענגענדיג נאך א שטיקעל צייט ביים טיש, האט ר׳ שמחה-הערש געבענשט און זיך אויפגעהויבען פון ארט און א קוק-טהוענדיג אויפ׳ן זייגער, האט ער זיך אנגעהויבען צואיילען צו דער נסיעה.

דוד האט ווי ערוואכט פון זיינע פערטראגענע רעיונות און זעהענדיג, דאס דער פעטער האלט שוין גרייט דאס רייזע-פעקעל אין האנד און געזעגענט זיך, איז ער פלוצלונג אויפגעשפרונגען פונ׳ם ארט און א צוטומעלטער א זאג געטהון:

— פעטער שמחה-הערש, ווארט א ווייעלע, איך פאהר אויך...

— וואוהין? — האבען איהם אלע אנגעקוקט פערוואונדערט.

דוד האָט זיך געסטאַרעט צו בעהאַלטען זיין אויפרעגונג, אום ניט צו ערוועקען ביי קיינעם קיין חשד... און אַנגעהמענדיג אַרויסגעזאָגט ... אַ רוהיגע מינע, האָט ער מכלומרשט שמייכלענדיג און גלייכגילטיג געענטפערט:

— אַט אַזוי גלאַט, ס'האָט מיר עפּעס אָנגעכאַפּט אַ חשק... כ'וויל מיטפאָהרען מיט'ן פעטער שמחה=הערש... אַזעלכע הייסע טעג איצט... איך וויל זיך אַ ביסעל הרכפאָהרען און אַגב טאַקי אַ ביסעל צוקוקען דאָס פיהרונג ביי אַ רבי'ן... אַט אַזוי גלאַט...

די מוטער, מאַדאַם בראָנשווייג, האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט, נאָר דאָ האָט זיך אָנגערופען ר' שמחה=הערש:

נו, מילא, זאָל ער מיטפאָהרען, וואָס שאַדט עס דיר? צו אַ רבי'ן פאָהרען מאַכט קיינמאָל ניט קאַליע... און אָבהאַלטען דערפון איז אודאי נישט גלייך... — און אַ קלאַפּ=טהוענדיג דוד'ן איבער דער פּלייצע, האָט ער צוגעגעבען מיט אַ צופרידענעם שמייכעל:

— אַ־האַ! נישקשה, דוד, דו וועסט נאָך אַמאָל ווערען אַ חסיד...

מאַדאַם בראָנשווייג האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, דוד האָט אָבער געשווינד צונויפגעפּאַקעוועט די שבת'דיגע מלבושים זיינע און מיט אַנ'איילענדיגען: „זייט געזונד“ איז ער צוזאַמען מיט'ן פעטער, ר' שמחה=הערש, אַרויס פון שטוב.

אַ פערטראַכטער, אַ פערחלומ'טער איז דוד געווען דעם גאַנצען וועג, און ערשט נאָך האַלבע נאַכט איז ער מיט'ן פעטער, ר' שמחה=הערש, אָנגעקומען קיין נ.

.IV

אין הויף.

ס'איז דאָנערשטאָג שפּעט ביי נאַכט. דער גאַנצער „הויף“ איז נאָך וואַך. אין דער גרויסער קיך פון דער רביצינ'ס וואָהנונג זענען די דינסטען, אַלץ עלטערע יודינעס, פערוואָרפען מיט פיעל אַרבייט לכבוד שבת, די היץ איז גרויס, פון קוימען שלאָגט אַ געדיכטע פּאַרע. לייזער, דער משרת פון „הויף“, אַ מגושמ'דיגער יונ

פֿון אַ יאָהר 50, לויפֿט־אַרום ווי אַ צוטומעלטער און קאָן זיך קיין עצה ניט געבען. יעדער רופֿט איהם, יעדען דאַרף ער צופֿרידען שטעלען און — חאָטש צורייס זיך!

אין גרויסען געמויערטען בית־המדרש דרעהען זיך אַרום די נאָר־וואָס אָנגעקומענע חסידים, וואָס זענען, ווער פֿריהער, ווער שפּעטער, געקומען מיט דער באַהן אָדער מיט אַקס אַהער צום רבי'ן אויף שבת. איינער אָנגעהאַלטען אין צווייטענס גאַרטעל דרעהט מען זיך פֿאַרווייז אויף און אָב איבער דער לענג און ברייט פֿון בית־המדרש, אָנגעגורט אין ברייטע גאַרטלען און יאַרמעלקעס אין אַ נעבעל פֿון לולקעס און ציגאַרען־רויך און מען רעדט וועגען מסחר, וועלט־זאַכען און חסידות...

דער קליינער בית־המדרש'ל, וואָס פֿיהרט אין רבי'נס צימער, איז אָנגעפּאַקט מיט ווייבער, איינגעהילטע אין פּאַטשיילעס, צונויפֿגענורעט איינע אָן דער צווייטע.

ביים ברייטען טיש נעבען פֿענסטער זיצט ר' יודעל „קוויטעל־שרייבער", אויפֿ'ן טיש איז אָהן אַ סדר צוזוואָרפֿען ווייסע בויגעלעך פּאַפּיער, אַלטע קנוילען קוויטלעך, אַ טינטער און עטליכע פֿעדערס, מונדשטיקען פֿון פּאַפּיראָסען און שטיקלעך ציגאַרען.

בנעימות ציהט זיך ר' יודעל דעם ציגאַר, געלאַסען בלאָזט ער די בלויע רעדלעך רויך, טונקט־איין יעדעס מאָל די פֿעדער און שרייבט „קוויטלעך".

מיט פֿרומע צום הימעל־אויפֿגעהויבענע אויגען, שטופּט זיך יעדע יודענע נאָהענט צום טיש, קוקט זיך אַרום, צי די אַנדערע הערען נישט, און איינבויגענדיג זיך נעהענטער צום בויגעלע פּאַפּיר, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט נעבען ר' יודלען, דיקטירט זי איהם שטילערהייד, וואָס ער דאַרף פֿאַר איהר אָנשרייבען אינ'ם „קוויטעל". איהר שטימע ווערט וואָס אַמאָל ווייניגער; זי דערצעהלט איהם אַליך, וואָס עס פּרעסט אויף איהר האַרץ; אַלע צרות, אומגליקען, וועלכע האָבען איהר אַהערגעבראַכט זוכען הילף ביים צדיק... זי בעט פּרנסה פֿאַר איהר הויזגעזינד, געזונד פֿאַר זיך, פֿאַר דעם מאַן און פֿאַר די קינדערלעך; אַ שידוך פֿאַר איהר דערוואַקסענע טאָכטער; אַן עצה פֿאַר די פֿערפּלאָנטערטע עסקים, פֿון וועלכע זי, די פּראָסטע יודענע מיט איהר פּראָסטען שכל, זעהט ניט קיין אויסוועג... אָט פֿערגעסט זי זיך אַ ווייל, עפּעס, געדענקט זי, האָט אויף איהר האַרץ נאָך פֿיעל זאַכען גע-

פרעסט, זי געדענקט אָבער ניט אַקוראַט... זי קנייטשט דעם שטערן, אַט־אַט דערמאָהנט זי זיך עפּעס און הייסט אַריינשרייבען אין קוויטעל... יעדען, ווער ס'איז איהר נאָהענט און טייער, פאַר יעדען בעט זי אין קוויטעל צו דערמאָהנען...

און אַ שטרענגער יוד איז ר' יודעל דער קוויטעל־שרייבער, אַ קאַלטער גולן. רוהיג, לאַנגזאַם, ציהט ער די רינגעלעך רויך, קאַלט־בלוטיג הערט ער אויס יעדענס מעשׂות, אומגליקען און צרות, און קוקענדיג אויף זיין קאַלט רוהיג פּנים, איז קענטיג, דאָס די אַלע מעשׂות קריכען איהם אין דער לינקער פּאה נישט... פאַמעליך, נישט איילענדיג זיך, פיהרט ער אויף דעם בויגעלע פּאַפּיר אַ שורה נאָך אַ שורה, לאָזט יעדען מאָל אַרויס זיין שטרענגען: „נו, ווייטער!“ ביז די יודענע, וואָס שטעהט פאַר איהם, געפינט שוין מעהר ניט וואָס צו ענטפערען אויף דעם „נו ווייטער!“ טהוט ר' יודעל אויף איהר אַ שטרענגען קוק און זי חאַפּט זיך תיכף צו דער קעשענע, צעהלט אויס עטליכע מטבעות און אַנאַנדער יודינע פערנעהמט איהר פּלאַץ...

און צונויפגעטשליעט זענען זיי אַלע יודינעס איינע צו דער צווייטע, די אויגען זענען געווענדעט צו דער טיהר, וואָס פיהרט אין רבּינ'ס חדר, און ביי יעדען מינדסטען שאָרך, ביי יעדען קלענסטען ריהר פון דער טיהר, לויפט איבער אַלע דורך אַ ציטער. די פּנימ'ער ווערען נאָך מעהר ערנסטער, פרומער, הייליגער... אַט־אַט, וואַרטען זיי, וועט זיך די טיהר עפענען, איינציגווייז וועלען זיי אַהין אין הייליגען צימער אַריינגעהן, און זיך פאַר דעם צדיק די הערצער אויסגיסען...

אַט עפענט זיך די טיהר פון רבּינ'ס חדר און עס בעווייזט זיך לייבעלע דעם רבּינ'ס, מיט לויפענדיגע אויגען קוקט ער זיך איבער דעם בית־המדרש'ל אום, די דערשראָקענע ווייבער מאַכען איהם אַוועק, דריקען זיך צו דער וואַנד צו. איילענדיג, מיט די אויגען אין אַ זייט, לויפט לייבעלע דורך און דורך דער טיהר פון אַרויסגאַנג ווערט ער ערגעץ פערשוואונדען, אַרויסרופענדיג מיט זיין ערשיינונג יראת־הכּבוד און קנאה אין די הערצער פון די יודינעס, וואָס שעפּטשען ושטיל צווישען זיך:

— וואָס פאַר אַן אידעל קינד, די שכינה רוהט דאָך אויף זיין ליכטיג פּנימ'ל...

— אַ מתנה פון זיין ליעבען נאָמען! זעה איז דאָך דאָס, די מענטשען מיט בריליאַנטען...

— ערשט פאר פיער וואכען די חתונה געוועזען.

— און זוכה געוועזען צו אזא ליכטיגען אוצר, האט גראד ניט קיין „גוטער יוד", ניט קיין רבינ'ס טאכטער. אז זיין ליעבער נאמען וויל עמיצען בעגליקען, האט זיך דער הייליגער רבי דוקא מיט א חסיד, א גביר פון ווארשא משדך געוועזען. אז זיין ליעבער נאמען וויל — דאמט, זעהט איהר דאך, א פשוט ווארשאווער מיידעל, צו אזא גדולה דער־לעבט!...

— און לאמיך שוין אזא יאהר האבען, טאטע זיסער, וואס פאר א טייער און כשר קינד זי איז!...

— און ווי געשיקט זיך דען! אז די רביצין, זאל געזונד זיין האט זי פאר א שנור אויסגעקליבען, מן הסתם איז זי ווערט...

— אזוי ווי מען קאן נישט — דערצעהלט מען — אין די ליכטיגע זון קוקען, אזוי קאן מען נישט קוקען אין איהר שען, ליכטיג פנים...

— אנ'אידעל כשר קינד, א שוויינענדיגע — דערצעהלט מען — איז זי, די יונגע שנור, קיין איבעריג ווארט רעדט זי נישט, זי זיצט גאנצע טעג אין איהר צימער ביים פענסטער, איהרע ליפען שעפטשען עפעס שטילע, שטילע ווערטער און איהרע אויגען קוקען אין הימעל אריין...

— דאס טהוט זי — זאגט מען — תפלה, צום רבונו של עולם פאר די, וואס דארפען געהאלפען צו ווערען...

— אזא כשר פרום קינד! און זעהט איהר דאך, אזעלכעס האט זיך דוקא אין ווארשא, צווישען די ווארשאווער מיידלעך געפונען...

— ש־ש־ש!... דאכט זיך, די טיהר עפענט זיך דארט... אוי, טאטע זיסער!...

די ווייבער בלייבען מיט אמאל שטיל, די פנימ'ער ווערען ערנסט און פרום, די אויגען קוקען צו דער טיהר, פון וואנען ס'האט זיך עפעס א שארך דערהערט...

אין דרויסען, נעבען טויער פון הויף, דרעהט זיך ארום משה־מרדכי דער אלטער משמש מיט דער לאנגער לולקע אין מויל און ווארט־אב די חסידים, וואס דארפען אנקומען מיט'ן איצטיגען צוג.

משה־מרדכי איז שוין אויף דער עלטער, אין „הויף" האט ער שוין א פנים, ווי אנ'אויסגעדיענטער סאלדאט, א אינוואליד. אבגע־דיענט עטליכע און דרייסיג יאהר. צוואנציג יאהר ביים אלטען ז"ל

און צעהן יאָהר בײַם הײַנטיגען, טויג ער שוין איצט ניט מעהר צו זײַן עבודה, זײַן פּלאַץ פערטרעטען צוויי אַנדערע משמשים, אויסער אַ דריטען, וואָס זיצט בײַ נאַכט אין רבינ'ס צימער. משה־מרדכי נוצט נאָר צו אַ זײַטיגע אַרבײַט, ווי למשל, מיטגעהן מיט'ן רבי'ן אין „הויף", אַלטמאָנג געבען אין רבינ'ס מקוה, דערלאַנגען בײַם טיש, שבת, וואַסער צו וואַשען, א. ד. ג. אַ גאַנצע טאָג דרעהט זיך משה־מרדכי אַרום אין הויף, אין בית־המדרש, פּלאָנטערט זיך אין די רביצינ'ס קיך, וואו ער נאַשט אַרוים, ווען קײנער זעהט נישט, פון די טעפּ... אויף משה־מרדכי, זאָגען די חסידים, דאָס ער האָט אַ „שנאַל" מיט גאָלד... דעם עיקר קאַפּיטאַל האָט ער אָנגעזאַמעלט אין די פריהערדיגע יאָהרען, בעת ער איז נאָך געווען בײַ די כחות, געווען ממש די רעכטע האַנד איגווע־ניג, דאַמאָלס האָט ער טאַקי געפראַוועט ביד רמה. פּלעגט ער שטעהן בײַ דער טיהר, בשעת'ן „געזעגענען" — האָט ער בײַ די חסידים און איבער־הויפּט בײַ די יודינעס, די קעשענעס אָבגעריסען, די הויט האָט ער גע־שונדען!... איצט אָבער איז שוין ניט יענע צײַטען, בײַ דער טיהר שטעהט שוין אַנאַנדערער און משה־מרדכי מוז זיך בענוגענען מיט די „לעצט־געלדער", וואָס ער היט טאַקי זעהר שטאַרק... און יעדע נאַכט, בפרט דאָנערשטאָג, שטעהט ער און וואַרט־אָב פּאַכאַזשירען, שטעקט זיי אַרײַן דעם ערשטען „שלום־עליכם" און נעהמט דערווײַל אַ „קאָנטאָ"...

און אָט בעווײַזען זיך פון דערווײַטענס, אויף דעם לאַנגען פינ־סטערען וועג, וואָס פיהרט פון דער באַהן, צוויי בריטשקעס אָנגעפּאַקט מיט חסידים. משה־מרדכי קוקט זיך טיעף אײַן מיט זײַנע דורכדרינ־גענדע אויגען, די בריטשקעס לויפען מיט קראַזש, דערנעהענטערען זיך אַלץ אַהער, ביז זיי שטעלען זיך אָב פאַר'ן טויער.

משה־מרדכי שטעלט זיך אַוועק בײַם שמאָלען טיהרעל פון טויער, קוקט זיך גוט אײַן אין יעדענס פנים פון די אָנגעקומענע חסידים און טיילט „שלום־עליכם'ס":

— ר' בעריש נאָסטיניצער, דאָ? שלום־עליכם...

— אָ־האָ, שלמה'לע, ביזט אויך געקומען, דאָ?... שלום־עליכם...

— אַ! שלום־עליכם! ר' מענדעלי ראָטמישער, דאַכט זיך, דאָ?...

פ-ש-ש! פני מקום!... ר' שמחה-הערש, הא? שלום-עליכם...

— שלום-עליכם... עפעס אנ'אונבעקאנטער... צום ערשטען מאל אודאי, פון וואנען ביזטו דאס יונגערמאן?...

אריינגעהענדיג אין הויף האט זיך יעדער געלאזט אין אנאנדער וועג; וועד ס'איז אריין אין קליינעם בית-המדרש'ל „שלום" נעהמען, און וועד — אינ'ם גרויסען בית-המדרש. משה-מרדכי האט זיך פאמעלעך געלאזט געהן אין קיך, צעהלענדיג אויף די פינגער, וויפיעל חסידים ס'זענען שוין פארהאן, און וויפיעל „לעצט-געלד", אשטייגער, ס'וועט לויט'ן חשבון, אריינפאלען...

די טריט ווערען איינציגווייז ווייניגער און פערשוואונדען, שטיל און פוסט ווערט אין הויף, ווען-ניט-ווען ווערט די שטילקייט איבערגעריסען פון לייזער דעם משרת'ס גראב קול דארט אין קיך, פון ר' יודעל דעם „קוויטעל-שרייבערס" א שטרענגען „נו, ווייטער!", פון א חסידים א גמרא-ניגון דארט אינ'ם גרויסען בית-המדרש...

און ערגעץ אן דער זייט פון דעם פוסטען שטילען הויף, אין א ווינקעל נעבען דער פלומפ, שטעהט א יונגערמאן, וואס איז צוזאמען מיט די לעצטע אנגעקומענע חסידים אויף דער בריטשקע געקומען. זיין פנים איז אונגעוועהנליך בלאס, און מיט שרעקענדע אויגען קוקט ער זיך אויפמערקזאם איבער דעם הויף ארום, שטיל קוקט ער זיך איין אין יעדען בעלויכטענעם פענסטער, און זיינע ליפען ציטערען שעפטשענדיג:

— וואו?... וואו איז זי, דבורה'לע?...

V.

שרה'לע די רבי'צין.

דעם גאנצען וועג, ווען ר' שמחה-הערש איז דאנערשטאג ביינאכט געפאהרען קיין נ., איז ער געוועזען זעהר אומרוהיג.

— וואס קאן בעדייטען די דעפעשע, וואס דער „הויף" האט מיר ספעציעל געשיקט? — האט ער נישט אויפגעהערט צו טראכטען. פערשיעדענע רעיונות האבען איהם אויפ'ן וועג געמאטערט.

און ווען ער איז אראב פון דער ברישקע אין אריין אין „הויף", איז איהם גלייך, נאכ'ן „שלום נעהמען", אנטקעגען געלאפען שלום דער ערשטער משמש:

— שלום-עליכם, ר' שמחה-הערש! — האט ער מיט התלהבות אויסגערופען — בעלמוטשעט זשע נישט, די רביצין קוקט אייך אויס שוין א גאנצען טאג, שוין א שעה צוויי ווי זי האלט אין איין פרעגען אויף אייך, גיכער!...

אבער וואס איז געשעהען? — האט ר' שמחה-הערש נאך אלץ געהאט שרעק.

— זייט נישט אזוי צוטראגען, נישט חלילה קיין בייז... נו, בעלעמוטשעט זשע נישט.

ר' שמחה-הערש איז צוזאמען מיט'ן משמש אריין אין דער רביצינ'ס וואהנונג, אין א ווינקעל פון קיך האט ער אוועקגעלעגט דאס רייזע-פעקעל, געוואשען זיך די הענד און אריין אין דער גרויסער שטוב.

די שטוב איז א גרויסע און ליכטיגע, דאס מעבעל איז אלטמאדיש, נאר רייך בעל-הבתיש „אנגעבוצעוועט". אויף א הויכען און ברייטען שטוהל נעבען פענסטער, זיצט די רביצין, אין א הויכע הויב מיט סטענגעס אויפ'ן קאפ, אין קליידער און צירונג, פון וועלכע עשירות און צניעות שפיגלען זיך צוזאמען אב...

פאר שרה'לע די רביצין האבען אלע חסידים גרויס דרך-ארץ; כבוד גיט מען איהר אב כמעט גלייך מיט'ן רבי'ן. א חשוב, א חסיד, א מקורב וועט קומענדיג צופאהרען, פריהער אויף דער סטאנציע נים געהן, ביז ער זאל נישט, נאכ'ן „שלום" נעהמען, צו דער רביצין אריינגעהן און איהר אבגעבען א „גוט אווענד" און „וואס מאכט די רביצין?"... און אוועקפאהרען וועט ער נישט, אויב ער וועט זיך נישט האבען מיט דער רביצין געזעגענט.

ווארום די רביצין שרה'לע איז א בעריהמטע יחסנית, א בת-קדושים, דור-דורות ציהט זי א לאנגע „קייט" פון „גוטע-יודען" און רביים. איהר זיידע, דער רבי ר' שבתי'לע ז"ל האט מיט דער וועלט געהודערט. אויף נאהענט און ווייט האט זיך זיין נאמען געצויגען, גוים, להבדיל, פון ארומיגען געגענד האבען פאר איהם אימת-מות געציטערט... און אליין איז זי, די רביצין שרה'לע, פאר א גרויסע אשה צדקנית געריהמט. א סך לשון-קודש-פסוקים און גמרא- ווערט-

לעך קאן זי, שטענדיג אין מוסר־ספרים און אין חסידות פערטהון, פיעל חסידישע תורות „נאשען" פון איהר די חסידים... און הויבט זי אמאל אן דערצעהלען חסידישע מעשות, וואס זי האט זיך פון טאטען און זיידען אנגעהערט, שטעלען דערביי חסידים מויל און אויערען אויף...

דער רבי אליין, זאגט מען, אז ער דערזעהט איהר, הויבט ער זיך פון דער שטוהל אויף און גיט איהר כבוד אב, און איינמאל האט ער צו די חסידים, זיינע נאהענטע מקורבים געזאגט:

— מעהר פאר דעם רבי'ן איירען, — גיט אב כבוד מיין רביצין... דאס אלץ, וואס איהר זעהט דא — געהער דאס צו איהר...

און צו זיין מקורב, ר' אברהמ'לע פיטעוועצער האט ער אמאל געזאגט בזה הלשון:

— אברהמ'על, א קוויטעל לייענען קאן מיין רביצין ברוך השם, בעסער ווי דיין רבי... און זיי וויסען: „אויבען" — האט זי מעהר דעה פאר מיר...

א גאסט, ר' שמחה־הערש! זיצט, זייט מוחל — האט די רביצין מקבל פנים געווען ר' שמחה־הערשען ביי זיין אריינקומען. זי האט בעת מעשה אראבגענומען די ברילען פון איהר שטערען און זיי אריינגעלעגט אין אפענעם דיקען מוסר־ספר, אויף עברי־טייטש, וואס איז אויפ'ן פענסטער געלעגען, האט זיך בעקוועמער גלייך געזעצט אויף דער וויך־געבעטער שטוהל און נעהענטער צוגערוקט צו זיך דאס פוסען־בענקעלע.

— וואס מאכט איהר, ר' שמחה־הערש? שוין גאר א גאסט דא, א לאנגע צייט נישט געווען, וואס מאכט אייערע בני־בית?

— געלויבט דער אויבערשטער.

— און פרנסה?

— געלויבט דער אויבערשטער.

— טאקי מקנא צו זיין אייך, ר' שמחה־הערש, האט די רביצין געשאקעלט מיט'ן קאפ, א יוד האט זיך גארנישט וועגען וואס צו זשאלעווען...

— מילא, — האט ר' שמחה־הערש הכנעה'דיג געשטאמעלט— צום רבונו של עולם דערלעגט מען נישט... געלויבט איז דער

איבערשטער דערפֿאַר. כ׳האָב מיך נישט חלילה צו בעקלאָגען...

— אַזוי, אַזוי, האָט די רביצין געזאָגט מיט אַ מוסר־טאָן, אַזוי־אַזוי, ר׳ שמחה־הערש, אַז דער איבערשטער העלפֿט און מען האָט זיך נישט וועגען וואָס, חלילה, צו זשאַלעווען, פֿערגעסט מען שוין דאַכצאַלס אין רבי׳ן. צום רבי׳ן קומט מען נאָר קרעכצען וועגען פּרנסה, וועגען געזונד... אַנדערע ציַיטען, אַנדערע חסידים... צום זיידען זכרונו לברכה פֿלעגען אַנדערע חסידים קומען, מ׳האָט זיך וועגען גאָרנישט אַנדערש געזשאַלעוועט... יאָ, ר׳ שמחה־הערש, דאַמאָלס האָבען חסידים חוץ פּרנסה און געזונד, אויך וועגען אַנדערע ענינים גע־קרעכצט...

ר׳ שמחה־הערש האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פֿאַר דער רביצינ׳ס מוסר.

— שלום, — האָט זיך די רביצין געווענדעט צום משמש — זעה, ס׳זאָל זיין טעה. — און דאַן האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו ר׳ שמחה־הערש׳ן.

— פֿערשטעהט איהר, ר׳ שמחה־הערש, כ׳האָב געשיקט נאָך איַיך, כ׳דאַרף ביַי איַיך אַ שטיקעל עצה פֿרעגען, ס׳האַלט ביַי אַ שדוך וועגען מיַין רבקה׳לע... אַן־עצה, ר׳ שמחה־הערש, וויל איך ביַי איַיך...

— אַן־עצה? מהיכא תיתי, רביצין.

שלום דער משמש האָט דערלאַנגט טעה. די רביצין האָט זיך ביַים טיש אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען:

— פֿערשטעהט איהר, ר׳ שמחה הערש, מיַין מאַן, דער רבי זאָל געזונד זיַין, מישט זיך העניג אין אַזעלכע זאַכען. צו זיווגים — זאָגט דער רבי — איז אַן־אשה מעהר מסוגל... און פֿאַר איַיך, ר׳ שמחה הערש, וועל איך דעם אמת זאָגען: דעם שדוך, וואָס איך האָב מיט מיַין לייבעלע געטהון, איז מיר עפּעס נישט צום האַרץ... כ׳מיין ניט, חלילה, דאָס איך בין ניט צופֿריעדען מיט דעם ווילען פֿון זיַין ליעבען נאָמען... אודאי איז דאָס אַ זיווג מן השמים, און אַזוי איז דער רצון פֿון הימעל געווען. מיַין שנור דבורה׳לע איז, ר׳ שמחה הערש, אמת, זעהר אַ פֿרום, כשר חיַיבעל. כ׳זאָג איַיך דעם אמת, אַזוי פֿיעל צניעות און יראת־שמים פֿון אַ וואַרשאַווער מיידעל, האָב איך גאָר אַליין נישט געהאָפֿט... אַ פֿרום, כשר קינד, קיין איבעריג וואָרט געהט פֿון איהר מויל נישט אַרויס.

אין שטיל זענען די ווערטער, וואס זי רעדט, שטיל און ערנסט און אזוי ערהליך... זי טרעט ממש גאנצע טעג די שוועל פון איהר שטוב נישט אריבער, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין תהלים: „כל כבודה בת מלך פנימה", — „דער גרעסטער כבוד פאר א בת־מלך איז אינוועניג אין שטוב צו זיצען..."

יא, ר' שמחה הערש, אנ'ערהליך כשר קינד, כ'האב נישט חלילה קיין פרעטענזיע צום רבונו של עולם... נאר, צו וואס זאל איך פאר אייך לייקענען? ר' שמחה הערש — עס פעהלט איהר עפעס... און געה איך אמאל פארביי איהר שטוב און דערזעה איהר ביים פענסטער זיצען, דאכט זיך מיר דאמאלס, אז עס פעהלט איהר אינגאנצען... ר' שמחה הערש — עס פעהלט איהר דאס, וואס מיין טאטע און זיידע, זכרונם לברכה, האבען בירושה זייערע קינדער איבערגעלאזען... דער „הויף", ר' שמחה הערש, פעהלט איהר, זי איז נישט אין קיין „הויף" אויסגעהאדעוועט געווארען, זי האט נישט מיט אונזער לופט געאטהעמט, נישט פון אונזער מילך געזויגען... אויף א פרעמדען שטאם איז זי געוואקסען, אויף א פרעמדער שוים, מיט אנדערע קינדער זיך געחבר'ט... ר' שמחה הערש, א כשר פרום קינד איז מיין שנור, זי ציהט זיך אבער נישט פון אונזער „שנור", פון זונזער קייט, זי איז נישט קיין קינד פון „הויף"... זי געהער נישט צו אונז... דער זיידע, זכרונו לברכה, פלעגט זאגען, דאס עס טרעפט פיעל מאל, אז צוויי צדיקים קאנען זיך נישט צונויפקומען, דערפאר וואס יעדענס נשמה געהער צו אנ'אנדער שורש...

דער שמועס איז אויף עטליכע מינוטען איבערגעהאקט געווארען, עטליכע נאר־וואס אנגעקומענע חסידים זענען אריינגעקומען א „גוט־נ'אווענד" זאגען. דער זייגער האט אויסגעשלאגען האלב־דריי, די רביצין האט זיך אויפגעהויבען פון דער שטוהל און זיך געגרייט אריינצוגעהן אין איהר שטוב, ביי דער טהיר האט זי זיך ווי דערמאנט אן עפעס, זי האט זיך אפגעשטעלט און געווענדעט צו ר' שמחה הערש'ן:

— יא, ר' שמחה הערש, טאקי צוליעב דעם האב איך געשיקט נאך אייך, כ'וויל זיך משדך זיין מיט דעם חאטשינער רבי'ן, פון אייער שטאדט. א וואויל יונגעל, זאגט מען, האט דער חאטשינער רבי. נאר דער עיקר, ר' שמחה הערש, ער איז א גרויסער *חסן, און איבעלבעס וויל איך טאקי... יא, ר' שמחה הערש, אייגען בלוט

איז דאָס... יחוס מיט יחוס — ס'איז צוויי נשמות פון איין שורש... דער שדוך, ר' שמחה הערש, איז שוין כמעט ווי געענדיגט. זונטאג ביינאכט רעכענען מיר, מיט דעם הילף פון זיין ליעבען נאָמען, צו מאַכען תנאים. נאָר מיישב געווען האָב איך מיר, אז מיר האָבען יאָ אזא אלטען גוטען פריינד, א „שענער יוד", וואָהנען אין חאָטשין, פאַרוואָס זאָלען מיר טאַקי נישט א שיק טהון נאָך איהם?... מיר האָבען געשיקט א דעפּעשע נאָך איך, וואָרים דעם רבינ'ס רצון איז, אז איהר, ר' שמחה הערש, זאָלט זיך מיט אייער כבוד א ביסעל מטריח זיין אין דעם דאָזיגען ענין. עס שטעהט דאָך, ר' שמחה הערש, געשריבען: „צונויפפּאָרען א זיווג קומט-אָן אזוי שווער, ווי דעם ים צו שפּאַלטען..." א שווערע זאַך, ר' שמחה הערש, דער זיידע, זכרונו לברכה, פלעגט זאָגען... נאָר — א גוטע נאַכט. ר' שמחה הערש, דער רבי וועט שוין מן הסתם רעדען מיט איך, א גוטע נאַכט.

ווען ר' שמחה הערש איז נאָכדעם אַרויס אויפ'ן „הויף", האָט ער געטראָפען דוד'ן א פערטראַכטען אַרומדרעהען זיך הין און צוריק. ר' שמחה הערש איז נאָך אויפ'ן וועג פאָהרענדיג אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דוד'ס האַלטונג און זיין מאָדנע שטיל-שווייגעניש, נאָר ער האָט דאַריף נישט געלעגט קיין אַכט:

— ווייס איך, א בחור, קומט דאָס ערשטע מאָל צו א רבי'ן... נישט צוגעוואָהנט נאָך... פיהלט ער זיך א ביסעל שעמעוודיג, נישט היימיש.

— נו, דוד, — האָט איהם איצט דער פעטער א פרעג געטהון, אַרומגעהענדיג מיט איהם צוזאַמען פון הויף — האָסטו שוין גע-געבען „שלום"?

— „שלום"? — האָט דוד פערטראַכט איבערגעפרעגט, נאָר באַלד זיך א חאַפּ געטהון: — „שלום"?... אודאי, וואָס איז דאָס פאַר א שאלה, געוויס האָב איך געגעבען „שלום"...

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס אונזער רבי? — האָט דער פעטער געפרעגט מיט א שמייכעל.

— דער רבי?... נו, אודאי... סהייסט... וואָס איז דאָס פאַר א שאלה?... אודאי געפעלט ער מיר!...

זיי האָבען זיך געלאָזט געהן אין דערביי־איגען שמאָלען געסעל, וואָס פיהרט צו מנחם חסיד'ס אכסניה.

— איך האָב גאָר פערגעסען — האָט זיך דוד פלוצים ווי דער־מאָנט — נו, וועגען וואָס, פעטער, האָט מען דאָס אייך אזוי נויטיג ביים רבי'ן, דאָס מען האָט אייך אַזש מיט אַ דעפּעשע אַרויסגערופען?

— אָט אַזוי, היימישע ענינים, חסידישע זאַכען... מ'דאַרף זיך מיט מיר שואל עצה זיין וועגען אַ רבי'שע זאַך — האָט דער פעטער געענטפערט מיט גדלות, וועלענדיג דערמיט ווייזען דוד'ן, ווי גרויס און חשוב ער איז אין „הויף".

זיי זענען צוגעקומען צו דער אכסניה. די טהיר האָט זיי געעפענט דער בעל־הבית פון דער אכסניה, ר' נחום חסיד, אַ ייד אין אַ ברייטען שלאַפראָק און אַ לאַנגען טלית־קטן, וועלכער האָט זיי בעגעגענט מיט אַ ברייטען „שלום־עליכם".

אינוועניג, אין דער גרויסער שטוב, זענען חסידים געלעגען צעוואָרפען איבער די ברייט און לענג פון די בעטען און געחראָפּעט מיט אַ מידען שלאָף נאָכ'ן וועג, און אַ מיש־מאַש פון געפּלאָנטעגע הענד און פיס האָבען איבער די בעטען אַראָבגעהאַנגען. איין חסיד, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צופאָהרען, האָט זיך אויף און אָב איבער דער שטוב געדרעהט און געשווינד געדאַווענט מעריב, געכאַפּט און געשלונגען די ווערטער אָהן אָטהעם, קוקענדיג יעדעס מאָל אַרויס דורכ'ן פענסטער אין הימעל אַריין. וואָרום געשראָקען האָט ער זיך פאַר דעם דאָזיגען הימעל, וואָס האָט בּיסלעכווייז גענומען גראָה ווערען און זיך שאַריען אויף טאָג, נישט וואַרטענדיג, דער חסיד זאָל פריהער פאַרטיג ווערען מיט זיין מעריב, וואָס ער איז שולדיג דער נעכטיגער נאַכט...

VI.

ערב שבת אין „הויף".

ס'איז אַ שענער זומער־טאָג. די זון באַקט, די היץ איז גרויס. דאָס קליינע שטעדטעל נ. האָט ווי אויסגעוואַקסט פון איהר שטילען

אומעטיגען לעבען און אַ שטעל געטהון זיך אויף די פֿיס: ס'איז ערב שבת אין שטעדטעל!

דאָרט ווייט, אויפ'ן לאַנגען שאָסיי, ווייזען זיך יעדעס מאָל פֿוהרען, ברישקעס, בוידען, אָנגעפּאַקט מיט יודען חסידים, בחורים און יונגלעך, וואָס זענען געקומען צום רבי'ן לכבוד שבת. אינ'ם רבי'נס געסעל שטעהען די בעלי-אכסניות גרייט פֿאַר די טיהרען, מיט לאַנגע צעטלעך און בלייפֿעדערס אין די הענד און בייסען די שפּיץ-בערדלעך; זיי קאָנען נאָך אַלץ קיין ריכטיגען חשבון ניט צונויפֿשטעלען, אַ האַרבע „ואַראַטשע" ענבערט אין זייערע מחות, און זיי ווייסען זיך ניט קיין עצה צו געבען; אָט שטעהט אַ בעל-אכסניה, דאָס היטעל מיט דער יאַרמולקע פֿערררוקט אָן אַ זייט און מיט'ן שפּיץ פֿינגער וויל ער זיך די האַרבע שאלה פֿערענטפֿערען: „וואָס טהוט מען? זאָל ער ריזיקירען און צוקויפֿען נאָך אַ ביסעל פֿיש מיט פֿלייש, האָט ער מורא, טאָמער וועלען היינט נישט קומען אַזוי פֿיעל חסידים און די „פּאַרציעס" וועלען איבערבלייבען. און דרויסען איז די היץ גרויס — וועט מען דאָס זונטאָג מוזען פֿאַר די הינט אַרויסוואַרפֿען... זאָל ער אָנגרייטען ווייניגער — איז טאָמער העלפֿט אָבער דער אייבערשטער און עס מאַכט זיך גראָד „אַ שאַרפֿע נסיעה", די צייט דערווייל שטעהט נישט, ס'איז ערב שבת, ס'וועט ווערען שפּעט און ער וועט בלייבען מיט פֿערלעגטע הענד — נישטאָ מיט וואָס צום טיש צו געהן!....

און אָט שטעלען זיך אָב די פֿוהרען, בוידען און ברישקעס, חסידים קריכען אַראָב מיט זייערע רייזע-פּעקלעך פֿון זייערע געזעסען, פֿריי עטהעמען זיי אָב, אַרומקוקענדיג זיך אינ'ם רבי'נס געסעל. אָט איז עס, דאָס געסעל, וועלכעס שמעקט עפּעס אַזוי היימיש און ליעבליך. נישטאָ דאָ דאָס וואָכעדיגע, דאָס אומעטיגע, וואָס דאָרט אין דער-היים... אַ בעזונדער היליג וועלטעל איז דאָס, וואו ס'ווערען פֿערשוואונדען אַלע אומעטיגע רעיונות, די רעיונות פֿון דאגות-פּרנסה, פֿון די טאָג-טעגליכע זאָרג. דער גוף ווערט דאָ אַן אַנדערער, די נשמה — אַן אַנדערע... און אפילו אָט די זעלבע בעקאַנטע יודען פֿון דער איין און דער זעלבער שטאָדט, בעקומען איינער אין צווישענס אויגען גאָר אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער צורה — ס'זענען גאָר נישט די זעלבע יודען, וואָס דאָרט אין דער-היים!...

פֿון באַר-געסעל, אויף יענער זייט מאַרק, ווייזען זיך נאָסע,

אויסגעוויקטע חסידים, פון וועלכע סירינען נאך אראב לעבעדיגע טראפענס מקוה־וואסער. בנעימות, געלאסען, מיט ערנסט־פערקניטשטע שטערענס, צעהלען זיי די טריט איבער דעם ברייטען מארקוועג. פראנק און פריי געהט מען איבער דער גאס אין די יארמולקעס און שיך און זאקען. — פון אנטקעגענאיבערדיגען געסעל, דארט וואו ס'הויבען זיך אן דעם פריצ'ס לאנקעס, קומען אן יונגע חסידים און חסידים'לעך, מיט די צונויפגעקנוילטע העמדער אונטער די ארעמס. זיי קומען פון וואסער, פון נאהנטען טייך, וואו זיי האבען זיך לכבוד־שבת געבאדען, און אגב, מעשה־קונדס, א ביסעל א שטיף געטהון, געוויזען בריה'שאפט אין שווימען...

ס'ווערט פארנאכט, די זון זעצט זיך, דער מארק ווערט לעדיגער, פוסטער און רוהיגער, און די פענסטער הויבען אן פינקלען שבת־ליכטלעך.

אינ'ם רבינ'ס „הויף" זענען שוין אלע חסידים צונויפגעקומען. ארויף און אראב דרעהען זיך במנוחה די אטלאסנע און זיידענע קאפאטעס, און קוקען מיט פחד דארט, צום רבינ'ס שטוב, וואו ס'דארף זיך אט־אט די טהיר עפענען, און דער רבי וועט זיך ווייזען.

ערגעץ אין דער זייט פון הויף דרעהט זיך ארום ר' שמחה היר‍ש דער שוחט, איינגעטאנצען א שבת'דיגער, מיט א שבת'דיגען גלאנץ אויף זיין ברייטען ווייסען קאלנער פון העמד, וואס איז אריבערגעלעגט איבער דער אטלאסענער קאפאטע... האנד ביי האנד געהט מיט איהם צוזאמען דוד, א בלאסער, א פערמרה־שחורה'טער, מיט פערטראכטע אויגען, אין א פאצעטישער, זיידענער קאפאטע, אין א קליין, סאמעטען היטעלע, אויסגעפוצט אין קאלנער און מאנקעטען. אזוי, דאס יעדער חסיד, וואס געהט פערביי און דערזעהט איהם, ווייסט ער גלייך, אז דאס איז „א ווארשאווער פאצעטיש יונגערמאנטשיקעל"...

שווייגענדיג, מיט אנ'אראבגעלאזענעם קאפ, איז דוד נאכגעגאנגען זיין פעטער שמחה הירש. גלייכגילטיג האט ער זיך צוגעהערט צו די אלע ווערטער, וואס דער פעטער האט אין איהם אריינגערעדט.

— דער רבי געהט! — האט זיך פלוצים א קול איבער'ן הויף דורכגעטראגען.

און כהרף־עין האט זיך דער עולם חסידים אין צוויי שורות

צעפּילט. אַלע זענען ווי צוגעשמידט געוואָרען צו די ערטער, קיינער האָט מיט קיין אבר נישט גערירט. אַ שטילקייט האָט איבער׳ן הויף געהערשט. דער רבי אָנגעלעהנט אויף זיין זוהן לייבעלע און צווי משמשים, וואָס זענען אויף רעכטס און לינקס געווען אויסגעשטעלט, זענען אויף דעם וועג, צווישען די שורות חסידים, דורכגעגאַנגען און אַריין אין גרויסען בעלויכטענעם בית-המדרש.

באַלד איז דאָס בית-המדרש פול מיט חסידים. דער גאַנצער עולם איז צוזאַמענגעגאָסען, אַ ים פון אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך בעוועגט זיך און שאָקעלט זיך מיט אימה און הכנעה, אַלע אויגען זענען געווענדעט אַהין צום עמוד, וואו דער רבי מאַכט זיך אַ וועג און דרעהט זיך הין און צוריק איבער דער ברייט פון בית-המדרש, פון איין ווינקעל צום צווייטען...

און אַט איז דער חזן ביים עמוד מקבל-שבת. דאָס זיסע שבת-קול צוגיסט זיך אַרום, דער עולם נעהמט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער שאָקלען און שטיל אונטערזינגען. וואָס אַ מינוט — אַלץ גרעסער וואַקסט די התפעלות, די אינערליכע שבת-שמחה... דער רבי שטעהט אין אַ ווינקעל, די הענד אין דעם גאַרטעל פערשטעקט און שטיל פערטיפט אין זיך, שאָקעלט ער זיך פאַמעליך... און אַט טהוט ער זיך אַ חאַפּ און הויבט אָן פון איין ווינקעל צום צווייטען אַרומלויפען. דער עולם שטעהט און קוקט זיין מינדסטע בעוועגונג נאָך, און עס ווערט דער עולם פערצאַפּעלט, פול מיט שרעק און יראת-הכבוד.

צונויפגעפּרעסט איז דוד צווישען גרויסען עולם חסידים, אָנגעפילט איז איצט זיין האַרץ מיט פערשידענע אונקלאָרע איינדריקען און אַ בעגייסטערונג, וואָס ער פיהלט דאָס צום ערשטען מאָל. ער פערגעסט זיך, נאָך וואָס און צו וואָס ער איז אַהער געקומען... צונויפגעגאָסען איז ער מיט דער גאַנצער עדה חסידים, און צוזאַמען מיט דער עדה פאַלט ער אַריין אין עקסטאַז און התלהבות. פערטראָגען ווערט ער אין אַנאַנדערע וועלט, אין אַן עולם-האצילות, אין אַ וועלט, צו וועלכע ס׳זענען מסוגל אַנדערע מענשען מיט אַנדערע נשמות... אין אַ תהום פון מחשבות ווערט ער פערזונקען, איין מחשבה פערטראָגט איהם אויף אַ צווייטע. ער פיהלט שוין גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, ער שוועבט אַרום אין אַ וועלט פון אונענדליכע רעיונות און געדאַנקען — — —

און א דונער-קול טראגט זיך דורך איבער'ן בית-המדרש:
— גוט שבת! גוט שבת!

דוד ערוואכט ווי פון א פערטיעפטען חלום און פיבערהאפט לויפען זיינע אויגען איבער'ן גרויסען בית-המדרש ארום: אט האט זיך ווידער דער עולם אין צוויי שורות צונויפגעפרעסט. פון אלע פנימ'ער שטראהלט דער שבת ארויס. לאנגזאם, מיט שבת-טריט גערט דער רבי דורך דעם וועג צווישען די שורות. זיין פנים איז לויטער און גוטמוטיג, און גוטמוטיג בויגט ער דעם קאפ אויף רעכטס און אויף לינקס: „גוט שבת, גוט שבת".

און עס ווייזט זיך אויס, אז פון יעדען ווינקעלע הערט זיך געזאנגען: „א גוט שבת, א גוט שבת"...

ווי אויף א חוואליע ווערט דוד צוזאמען מיט'ן עולם געטראגען.

דער רבי איז שוין אין דרויסען — דער גאנצער עולם נאך. עס ציהט זיך דער עולם, ווי א לאנגע לויפענדיגע חוואליע פון דער טיהר אויפ'ן הויף און פון הויף אהין אינ'ם קליינעם בית-המדרש'ל, וואו דער רבי וועט באלד דעם טיש „פיהרען".

— צום קידוש!

שטיל איז געווארען. דער עולם האט זיך פעסט צונויפגעמוליעט אינאיינעם. מ'האט ליידיג געמאכט א וועג ביי דער טיהר, וועלכע פיהרט אין דער רביצינ'ס וואהנונג, און באלד האט זיך די דאזיגע טיהר פאמעליך געעפענט און דוד האט א שטארקען ציטער געטהון...

אין דער האלב-געעפענטער טיהר האט זיך בעוויזען די רביצין אין א גרויסען שבת-הויב, בעהאנגען מיט א ברייטען שטערן-באנד און שניר פערל, נעבען איהר, ביי איין זייט — איהר טאכטער, רבקה'לע, מיט א שעמעוודיגע רויטקייט אויף איהר נאזו-פנים בעגאסען; ביי דער צווייטער זייט — דבורה'לע...

שטיל איז געווארען אין בית-המדרש און אין דער שטילקייט האבען זיך די געצעהלטע פערל-ווערטער פון דעם רבי'נס קידוש מיט א זיסען ניגון צוגאסען. ערנסט האט יעדער חסיד די אויגען פערגלאצט און איטלעכס ווארט געשלונגען...

בערוישט איז דוד אויף זיין ארט געשטאנען, הענד און פיס האבען איהם געציטערט, געפלאמט האט זיין פנים, אונרוהיג האט ער זיך אויף די שפיץ פינגער געשטעלט און מיט פיבערהאפטע בלי-

קען צו דער טיהר געקוקט... פון דער האלב-אפענער טיהר האט זיך דבוהה'לעם קאפ געזעהען. זי האט פארזיכטיג מיט איהרע אויגען איבער דעם גרויסען עולם חסידים ארומגעבלאנדזשעט און זי האט זיך מיט דוד'ס בליקען צונויפגעטראפען.

מאמענטאל איז אנ,,אוי" געוועזען גרייט פון ביידענס הערצער זיך ארויסצוריסען, נאר דערפיהלענדיג, וואו זיי געפינען זיך, איז גלייך דער ,,אוי" אין זייערע הערצער פערשטיקט געווארען...

און עס האבען זיך ווי פערל נאך מיט א קלינגענדיגען ניגון דעם רבי'נס ווערטער געגאסען. לייבעלע, דעם רבי'נס זוהן, איז ביים טיש, נעבען רבי'נס רעכטע האנד געשטאנען, דאס בלאסע פנימ'על אין א גרויס הויך שטריימעל פערשטעקט... און זיך פרום, ערנסט געשאקעלט, האלטענדיג די הענד אין גארטעל פערשטעקט.

פרום און ערנסט האט זיך דער עולם מיטגעשאקעלט און די אויגען צום סופית געהויבען.

און צארט, פיל מיט שבת-חן האבען דעם רבי'נס לעצטע קדיש-ווערטער געקלונגען:

— ברוך אתה ה' מ—ק—ד—ש ה—ש—ב—ת..

— א—מ—ן — האט ארויסגעהילכט פון גאנצען עולם חסידים.

און קיינער האט נישט בעמערקט, ווי צוויי פאר אויגען האבען זיך טיעף איינגעגעסען איינע אין די צווייטע...

* *

*

ס'איז שפעט אין אווענד. דאס שטעדטעל איז שוין לאנג פערוויעגט אין א רוהיגען שבת-שלאף. א שטילקייט איז איבער אלע געמלעך אויסגעגאסען.

אינוועניג אין רבי'נס בית-המדרש ווערט נאך דער ,,טיש" געפיהרט. די בענק ארום טיש און די פענסטער זענען בעלעגערט מיט חסידים; יעדער וויל זיך נעהענטער צושטופען צום טיש, איינקוקען זיך אינ'ם רבי'ן און אין זיינע הנהגות; אט פערטראכט זיך דער רבי א ווייל'ע און הויבט-אן זאגען עפעס און באלד טהוט זיך דער גאנצער עולם א שטופ-צו צום טיש, אלע קעפ ווערען מיט איין מאל איינגעבויגען, די מיילער אפען, די אויגען ערנסט און די אויערען אויסגעשפיצט: איינער, וואס סטארעט זיך א ווארט נישט צו פער-לירען און א צווייטער, וואס וויל חאטש איין ווארט חאפען... אויך

אַלע זענען די העמדער פייכט, פון אַלע גיסען זיך אונאויפהערליך טראָפּענס שווייס..

אויבענאָן, אויף אַ ווייך־געבעטע פּאָטער־שטוהל, זיצט דער רבי האַלב־אויסגעצויגען אויף דער שטוהל־אָנלעהן און זינגט שטיל אונטער אַ ניגון, שטאַרק פערטראָגען אין רעיונות. נעבען איהם רעכטס, זיצט ליבעלע און וואַרפט יעדעס מאָל אונטערטהעניגע בליקען צום פּאָטער; לינקס — עטליכע רבנים, וואָס זענען געקומען צום רבי'ן אויף שבת; נאָך זיי — צוויי לאַנגע שורות מיט מקורבים און אָנגעזעהענע חסידים, וואָס האָבען זוכה געווען צו ווערען „טיש־זיצער“; אין דער הויך, אין מיטען דער באַנק, שטעהט יודעל דער „קוויטעל־שרייבער“ און טיילט דעם אַרומיגען עולם ווין, אויסרופענדיג יעדען ביים נאָמען.

אין דרויסען אויפ'ן הויף דרעהען זיך אַרום פערשוויצטע חסידים מיט שטריימלעך אין די הענד און פאָכען זיך איבער די פערשוויצטע פּנימ'ער און פייכטע שטערענס, און חזר'ן זיך אַ נייעם ניגון...

איינע אַליין זיצט דבורה'לע אין איהר צימער, אַריבערגעבויגען איבער דעם אָפענעם פענסטער. דורשטיג קוקען איהרע אויגען אין דעם פינסטערען וועג, וואָס ציהט זיך אַנטקעגען פענסטער; דער וועג ציהט זיך הינטער דער שטאָדט אַוועק, אַריין אין געדיכטע שורות בוימער, און פון דאָרט איז אַנ'אויסגעטרעטענער שטעגעלע אַהין, אין גאַרנאָווער וואַלד.

אַ שטילקייט הערשט אין דער רביצינ'ס וואָהנונג. אַליין איז זי, דבורה'לע, איצט אין איהר צימער. רבקה'לע איז שוין אין צווייטען צימער לאַנג איינגעשלאָפען. די רביצין איז אין לעצטען צימער און דרעמעלט ביים טיש. אין קיך ליגען אַלע יודענעס און דיענסטען אויף די בעטען און חראָפּען. לייזער דער משרת האָט שוין דאָס צימעס אויסגעטיילט און איז אַוועק צו זיך אַהיים; אַליין איז דבורה'לע דאָ ביים פענסטער, איהרע בליקען קוקען אויפ'ן פינסטערען וועג אַלץ דורשטיגער און דורשטיגער.

— וועט ער קומען? — טראַכט זי, און זי פיהלט, ווי ביי דעם דאָזיגען געדאַנק לויפט אַ שוידער איבער איהרע ביינער דורך...

— און אפשר, קלערט זי, הויבט ער גאָר נישט אָן צו וויסען דערפון... אפשר האָט ער גאָרנישט פערשטאַנען דאָס, וואָס איך האָב אין דער טיהר, ביים קידוש, געטראַכט?... און ווער ווייסט...

אפשר איז ער גאר גלייך, ווי די אלע אנדערע חסידים נאר צום רבי'ן אהער געקומען ?... ער האט גאר מיר נישט אין זינען, ער טראכט גארנים וועגען מיר ?...

— אונמעגליך, אונמעגליך, האט זי זיך באלד אליין אויסגעלאכט, אונמעגליך... עס קאן דארין קיין צווייפעל ניט זיין... צו מיר, יא, צו מיר איז ער דאס אהער געקומען... איך האב נאך פריהערע געוואוסט. נאך דאמאלס, ווען איך האב פון וואגאן ארויסגעקוקט און ער איז דאן אין א ווינקעל געשטאנען...

— אבער..., איז איהר פלוצלונג א מורא'דיגער געדאנק הורך, אבער... זינדיג איך ניט דערמיט ?... בעגעה איך דען נישט דעם גרעסטען פערברעכען, איך ?... איך האב א דאך שוין א מאן, צו א פרעמדען געהער איך דאך שוין... ווי מעג איך דען איצט וועגען דוד'ן טראכטען ? ווי מעג איך דען איצט ?... איך, א פרוי פון א מאן, שטעה איצט שפעט ביי נאכט און ווארט-אב א פרעמדען מאנספערשוין !... אח, ווי זינדיג איך בין דערמיט !... ניין, ניין, איך וועל נישט... דאס פענסטער וועל איך פערמאכען... איך וועל אריינלויפען דארט אין לעצטען צימער, צו דער שוויגער, צו דער רביצין... אוי, ווי איך ציטער, ווי עס שווידערט מיך...

האסטיג שפרינגט זי צוריק אב פונ'ם פענסטער און פאלט אנידערע אויף דער שטוהל, און אונטערשפארענדיג דעם קאפ אויף דער האנד, פערמאכט זי האלב די אויגען און אין איהר קאפ נעהמט ברויזען א חוואליע פון פערשידענע געדאנקען, ערינערונגען און רעיונות:

— דער טאטע האט מיך „צוליעב יחוס" פערקויפט. ער האט זיך געוואלט אין א רבי'שען „הויף" איינקויפען... די מאמע האט נאר אין זינען געהאט איהר כבוד, א רביצין האט זי געוואלט פאר א מחותנת'טע האבען... טאטע-מאמע האבען וועגען מיר, וועגען מיין גליק און צוקונפט א האר ניט געטראכט... זייער כבוד און יחוס האבען זיי געוואלט בעקרוינען און אום צו דערגרייכען דאס, האב איך דערצו נישט מעהר, ווי א שפיעל-צייג געדיענט... איך בין א פערמיטלערין צווישען געלד און יחוס געוועזן... מען האט מיך תתונה געמאכט, א מאן האט מען מיר געגעבען...

— מ'האט מיר א מ—א—ן געגעבען — צולאכט זי זיך — א מ—א—ן !... א דאר אויסגעמאגערט יונגעל, א אונוויסענד קעלבעל, אהן פערשטאנד און אהן שכל. א בהמה'לע... פרעמד און כאדנע

זענען מיר איינער צום צווייטען, ווי אויף אנ'אומבעקאנטע זאך קוקט ער נאך איצט אויף מיר... או ער בעגעגענט מיך בייטאג, לאזט ער די אויגען אראב און ווערט רויט... עפעס האט ער מורא פאר מיר...

איהרע געדאנקען ווערען אויף א ווײַלע איבערגעריסען. דארט פון הויף, פון די פענסטער פונ'ם בית-המדרש, וואו דער טיש ווערט „געפיהרט", טראגט זיך א הייליג שבת-געזאנג, אונטערגעהאלפען פונ'ם גאנצען עולם חסידים און ווערט וואס א מינוט אלץ העכער און העכער... דבורה'לע שפארט אונטער דעם קאפ אויף איהרע הענד, אנגעלעהנט מיט די עלענבויגען אויפ'ן פענסטער, זי הערט זיך איין אין דעם חסידישען געזאנג, וואס עס קלינגט-אב ארום ווייט אין דער נאכט-שטילקייט און איהרע ליפען שעפטשען:

— אוי, ווי עס פאלט אויף מיר א שרעק אן, אלץ איז דא הייליג, אין א הייליגען מאנטעל פערהילט... אבער מיר איז דאס אלעס פרעמד און ווייט, פרעמד איז מיר דאס אלעס... לעבען וויל איך, לעבען ווי מיינע חברט'עס אין ווארשא...

און ווידער קומט איהר דער נאמען דוד ארויף אויפ'ן גע-דאנק. מאמענטאל שפרינגט זי ווידער אויף פון דער שטוהל און בויגט זיך איבער'ן פענסטער ארויס.

— וואו איז ער? — קוקט זי אונרוהיג אין דער ווייטער ברייטקייט פון דער נאכט — וואו איז ער? פארוואס קומט ער נישט?...

— דו זינדיגסט... — פיהלט זי, ווי א שטרענגע שטימע ווארנט איהר, און זי טהוט אינסטינקטיוו א ציטער: — דו זינדיגסט דאך...

זי פערטראכט זיך א ווײַלע, איהרע אויגען קוקען מיט שרעק אין דער ווייטער נאכט-פינסטערניש, אין איהר מוח געהט איצט א הייסער געדאנקען-קאמפף פאר, און ווי אנגעהמענדיג א פעסטען בעשלוס, ציטערען שטיל איהרע ליפען:

— איך קאן ניט... איך וויל ניט... איך קאן אזוי ניט לעבען... יונג בין איך, איך וויל לעבען, לעבען... — — נאר גיין, קיין זינדיגע וויל איך ניט זיין, איך וועל קיין פערברעכען ניט בעגעהן... איך וויל נאר בלויז פאר א בעסערע צוקונפט קעמפפען. איך וויל צו-רייסען די קייטען, אין וועלכע טאטע-מאמע האבען מיך אהן מיין ווילען צוגעשמידט... איך וויל ניט זינדיגען, דוד וועט מיר נאר העלפען די דאזיגע קייטען צורייסען, און ביז דאן — ביז דאן וועל

איך אונטערטהעניג און שטום איבערטראגען מיין שיקזאל, דא אין צימער וועל איך איינזאם און אבגעזונדערט די טעג פערברענגען און וועגען א פרייער צוקונפט טראכטען... דוד וועט מיר נאר א טרייער פריינד זיין, א פריינד, וואס וועט מיר העלפען זיך צו דער פרייהייט דערשלאגען און דאן — —

זי האט א ווייל'ע אומגעקעהרט דעם קאפ אין צימער. דאס צימער איז וואס א מינוט אלץ טונקעלער און שאטענדיגער געווארען, דאס פייער פון טיש-לאמפ האט זיך גענומען ארבלאזען און צאנקען, און די פינסטערניש, וואס האט אנגעהויבען זיך אינ'ם צימער צו פערשפרייטען, האט צוזאמען דערמיט עפעס אנ'אומבעוואוסטע שרעק מיט זיך מיטגעבראכט... אין דרויסען צווישען די ביימער האבען זיך פלוצלונג פארזיכטיגע טריט געהערט, וועלכע האבען זיך לאנגזאם צום פענסטער דערנעהנטערט...

דבורה'לע איז מיט איבערראשונג אויפגעשפרונגען און זיך פונ'ם פענסטער ארויסגעבויגען...

— דוד... — האט זי ציטערנדיג ארויסגעשטאמעלט.

— היבשע עטליכע מינוטען זענען זיי ביידע איבערראשטע, שטילשווייגענדע, געשטאנען פנים צו פנים. זי — אין פענסטער מיט א האלב-ארויסגעבויגענעם קערפער און ער — אנטקעגען איהר אין דרויסען...

— ענדליך... — האט דוד פלוצלונג די שטילקייט איבערגעריסען — ענדליך איז מיר געלונגען דיך צו זעהען... אך, דבורה'לע, דו זאלסט וויסען ווי איך האב נאך דיר געבענקט... דארט, ווען דו ביזט מיט אונז צוזאמען געווען, ווען דו פלעגסט ביי אונז אין שטוב יעדען אווענד פערברענגען, דארט האב איך דאס נאך אויף אזוי וויים ניט געפיהלט... אין פלוצלונג האט מען דיך פון אונז אבגעריסען. וויים אוועק ביזט פון אונז, ביזט אוועק אין אנ'אנדער וועלט, אין א פערשלאסענע, א פרעמדע פערבארגענע וועלט, אין א נעבעל פון סודות... עפעס א שרעקליכער סוד שוועבט דא אויפ'ן „הויף" ארום און טיילט איהר פון וועלט און מענשען אב... אלץ וואר'פט דא אזא שרעק אן... אך, ווי איך האב געבענקט נאך דיר, ווי מיין הארץ האט צו דיר געצויגען... עפעס האט מיין הארץ אזוי געשראקען פאר דיר, ווי זי וואלט מיר געזאגט, דאס דו פיהלסט זיך איינזאם און פרעמד... איך האב ניט געקאנט רוהען, ווי א שאטען בין איך נאך

ווי נאכט ארומגעגאנגען און — איך בין געקומען צו דיר...

ער איז אנטשוויגען געווארען. פון „הויף" האט זיך ווידער א ניגון געטראגען, ארום אין דער טיפער נאכט-שטילקייט האט דאס געזאנג אפגעהילכט, טענער און אפגעהאקטע ווערטער האבען הויך אין דער לופט געקלונגען. דאס האט מען דארט, ביים „טיש" דעם „שיר המעלות" פאר'ן „בענשען" געזונגען...

עטליכע מינוטען זענען זיי אזוי געשטאנען, יעדער פערטיפט אין מחשבות. דוד האט זיך נעהענטער צום פענסטער און צו דבורה'לען צוגערוקט. און פערשטעלענדיג מיט דער האנד דאס געזיכט, האט דבורה'לע שטיל ארויסגערעדט:

— דוד... דער טאטע האט מיך צוליעב יחוס פערקויפט, טאטע-מאמע האבען נישט מיך, נאר זייער כבוד אין זינען געהאט... ענג איז מיר דא, פרעמד און איינזאם בין איך אינ'ם דאזיגען „הויף"... אך, ווי עס ציהט מיך, ווי איך בענק נאך ווארשא אהיים... און ריווטשע? וואס מאכט ריווטשע?... דוד, מיר איז שרעקליך ענג... ווען דו זאלסט וויסען ווי איך לייד... טאטע-מאמע האבען מיר א זיווג צוגעקליבען... מען האט מיך אין א פעסטונג פון הייליגקייט פערשפארט... אלץ איז דא הייליג און שרעקט... דוד, איך וויל ארויס פון דאנען...

זי איז שטיל געבליבען. אין הויף האבען זיך פילע טריט פון חסידים דערהערט, הויכע חסידישע שמועסלעך, אויסגעמישט און אונטערגעברומט פון חסידישע נגונים'לעך... דבורה'לע איז איילענדיג צוריק אין צימער אריינגעשפרונגען און זיך געגרייט דאס פענסטער צו פערמאכען. דוד איז א ווייל געבליבען שטעהן אויף זיין ארט ווי פערגליווערט, קוקענדיג מיט פערטראכטע אויגען. באלד האט ער זיך אבער ווי פון שרעק א חאפ געטהון

— זיי געזונד, דבורה'לע...

— דוד, דוד... מיר איז דא ענג... טאטע-מאמע האבען מיך צוליעב יחוס פערקויפט... דוד...

די טריט פון די חסידים האבען אלץ נעהענטער אפגעהילכט, יאמטיג האט זיך דאס פענסטער פון צימער פערקלאפט. מיט איילענדיגע טריט איז דוד אין דער פינסטערניש פון דער נאכט פערשוואונדען...

* *
*

אויף דער „סטאַנציע" איז דער עולם חסידים געזעסען און געטרונקען ביער און סאָדע־וואַסער, און די נייע זמר'לעך געחזר'ט; קעסט־יונגעלייט, ערשט נאָר־וואָס נאָך דער חתונה, וועלכע האָבען אַ צייט־לאַנג, זיצענדיג בחור־ווייז אין שטיבעל ביי דער גמרא, פאַנטאַזירט וועגען טליתים מיט זילבערנע עטרות, הויכע שטריימלען מיט סאַמעטענע קאַפּלען, און אָפטע „נסיעות" צום רבי'ן אויפ'ן שווערס חשבון... דרעהען זיך איצט אַרום גדלות'דיג אין זייערע שפּאָגעלנייע זיידענע קאַפּאָטעס, דרעהען קונציג מיט צוויי פינגער די נאָכגעלאָזענע עקען פון די זיידענע גאַרטלען, פּאַכען זיך מיט די שטריימלען איבער די פּנימ'ער און זאָרגלאָז, קונדסי'יש, שטיפען זיי אַרום און לאָזען קיינעם נישט לעבען; איז אַ חסיד אויפ'ן בעטעל איינגעשלאָפען — בינדט מען איהם צו מיט אַ גאַרטעל און מען גיסט איהם וואַסער אין די זאָקען; אָדער ווייזט עמיצער אָן, אַז דער אָדער יענער איז אַ פעטער העכט, און דאָס דער דאָזיגער וועט באַר בקרוב אַנאַלטען, רייכען שווער מקבר זיין, און וועט אַ פיינע „אפותיקי" נעהמען... שטעדט חברה צו איהם צו און מען נעהמט איהם מעלקען:

— העֶר נאָר, דו, זעקס פלאַשען „יאַסנע" זאָלסטו געבען...

און איז יענער אַנ'עקשן, וועט ער איין פאַנטאָפעל אין קאָפּ אַריין חאַפּען און אַ צוויטען, מ'וועט איהם מכבד זיין מיט אַ „וזרקתי" הינטער'ן קאָלנער, און אויב דער דאָזיגער איז נאָך אַליין אַ שייגעץ און שפּאַרט זיך איין: דוקא נישט! — חאַפּט מען איהם דאַמאָלס דאָס שטריימעל אַראָב און מען פער'משכונ'ט עס ביים ביער־שענקער, און איצט — געה דו, נאַרישער יונגערמאַן, און שלאָג דיר קאָפּ אָן וואַנד, נאָכאַמאָל זיי נישט קיין עזות־פּנים!...

אין אַ ווינקעל, איז דוד געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף אַ בעטעל און געקוקט מיט שטאַרע אויגען אַרום זיך. די שטילע און מאָדנע האַלטונג פון דעם „פּנים־חדשות", אין דער פּאַצעטיש־זיידענער קאַפּאָטקעלע און דאָס קליינע וואַרשאָווער היטעלע אויפ'ן שפּיץ־קאָפּ, האָט ביים עולם־חסידים אַ חשד ערוועקט, יעדעס מאָל האָט אַנ'אַנדערער חסיד אַ האַלב אויג פערמאַכט און געשיקט אַ שאַרפען דורכדרינגענדען בליק אַהין צום דאָזיגען יונגענמאַן, און נישט קאָנענדיג זיך

בערוהיגען פלעגט דער דאזיגער א פינגער אויסשטרעקען צו א צווייטען חסיד און א פרעג טהון: „דא, ווער איז'ס יענער?“.

— שמחה הערש חאשטינער קעהר איהם און א פעטער..

און די קעסט־יונגעלייט, די קונדסים, האבען זיך אלין איינאיינעם נעדרעדט ארום איהם, אבגעמאסטען איהם מיט זייערע אויגען און געקוקט פארשעמדיג אין זיין פנים, שושקענדיג זיך: „זאל מען אפשר נעהמען דעם פארשוין אין דער ארבייט?“ און מען איז אלין כסדר צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם און זיך מכין געווען צו „נעהמען דעם קליינעם אויפ'ן צימבעל“, נאר דער פעטער שמחה הערש פלעגט עס דערזעהען און א סטראשע טהון שטרענג מיט'ן פינגער צו דער חברה:

— שקצים!...

און די יונגעלייט האבען זיך פערשעמט אבגעטראגען.

דורכ'ן פענסטער האבען שוין גראהע פריהמארגען מאכען אריינגעשיינט, דער עולם האט איינציגווייז אנגעהויבען איינצושלאפען און די יונגעלייט האבען געקעהרט מעשים: מ'האט די איינגעשלאפענע חסידים פון די בעטען אראבגעשלעפט און זיך אויף זייערע ערטער געלעגט, מען ראנגעלט זיך; פיער חסידים שלאפען אין איין בעט און א פינפטער טאנצט אריין אין מיטען, יענע שרייען אויש פון וועהטאג און פון דערשטיקעניש, נאר דער דאזיגער האט זיך פעסט איינגעפלאכטען צווישען דעם בינטעל הענט און פיס, און — נישט צו רירען איהם פון ארט!...

אונרוהיג האט דוד די נאכט פערבראכט און נישט געקאנט איינשלאפען, און אויף צו־מארגענס איז ער ווי א שאטען ארומגעגאנגען און קיין ארט זיך נישט געקאנט געפינען. איין־קאלט איז ער אין בית־המדרש, ביים דאווענען און ביים טיש „פירען“, אין זיין נעכטיגען ווינקעל געשטאנען און זיך צוגעקוקט צו אלעם, וואס ארום איהם קומט־פאר, נאר דאס נעכטיגע התלהבות האט איהם שוין איצט געפעהלט, ער האט נישט אראבגענומען די אויגען פון לייבעלע דעם רבי'נס, נאכגעשפירט זיינע אלע בעוועגונגען און תנועות, און א שנאה האט זיך צו איהם דערוועקט אין הארצען, און מיט א שפאטישען שמייכעל אויף די ליפען האט ער אלע זיינע תנועות נאכגעקרימט.

— אָט מיט דעם דאָזיגען וועט דאָס דבורה'לע דאַרפֿען איהרע טעג און לעבען פֿערברענגען! — האָט ער געטראַכט מיט ערבּיטערונג, און שיער, שיער האָט ער נישט אויסגעשריען: פּרא־אדם!...

און דער פֿעטער שמחה הערש, וואָס האָט אויף זיך אַ חוב געשפּירט, דעם „קליינעם" פֿאַר אַ שטיקעל חסיד צו מאַכען, האָט יעדעס מאָל אויפֿגעזוכט דוד'ן און מיט אַ צופֿרידענעם שמייכעל געקוקט איהם פֿאָרשענדיג אין פּנים:

— נו, ווי געפֿעלט עס דיר?

און דוד פֿלעגט יעדעס מאָל מיט אַ פֿערבאָרגענע אונצופֿרידענהייט ענטפֿערען:

— וואָס איז דאָס, פֿעטער, פֿאַר אַ שאלה? ס'געפֿעלט מיר, אודאי געפֿעלט עס מיר...

און נאָכ'ן „טיש", ווען די חסידים זענען אויף די סטאַנציעס אַוועק, האָט זיך דוד געלאָזט געהן הינטער דער שטאָדט און געלעגט זיך אין וואַלד הינטער אַ בוים און איינגעשלאָפֿען, און ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין טונקעל געוועזען, פֿון רבינ'ס בית־המדרש האָבען זיך נגונים פֿון שלש־סעודות געטראָגען, און דוד האָט זיך הינטער'ן פֿענסטער פֿון דבורה'לעס צימער אַרומגעדרעהט און מיט אונגעדולד און אַ קלאַפּענדיג הארץ, האָט ער אַרויסגעקוקט, זי זאָל זיך אין פֿענסטער ווייזען, נאָר — אומזיסט.

און אונרוהיג האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין הויף, אין בית־המדרש האָט מען שוין נאָך הבדלה געהאַלטען. ר' יודעל דער קוויטעל־שרייבער איז ביים טיש אינ'ם קליינעם בית־המדרש'ל געזעסען, געראַוּוּבערט די לאַנגע לולקע און קוויטלעך פֿאַר די ווייבער געשריבען. חסידים האָבען זיך אַריין און אַרויס געדרעהט און זיך מכין געוועזען צו דער נסיעה אהיים.

און אַ שווערער טרויער האָט זיך אויף דוד'ס האַרצען געלעגט, פֿערצווייפֿעלט האָט ער זיך יעדעס מאָל, אונבעמערקטערהייד, פֿערקירעוועט צווישען די בוימער פֿון דער רביצינס וואָהנונג, געקוקט אין דבורה'לעס פֿענסטער און מיט האַרצווערטאָג האָט ער געטראַכט:

— מיט וואָס זשע בין איך אַהער געקומען און מיט וואָס וועל איך אהיים פֿאָהרען?...

VII.

שבת צו-נאכטס.

ביי מנחם חסיד אויף דער „סטאנציע“ איז א ושומערײַ און א געררויש. ארום דעם גרויסען טיש זיצען חסידים אין אטלאסענע קא-פאטעס און אין די יארמעלקעס און רויכערען און פופקען דעם נאך הבדלה-רויך, און עפּעס מיט אזא חשק, ווי איינער, וואס חאפט זיך צו צום עסען נאך א תענית... און דער רויך קײַקעלט זיך איבער דעם אויר פון דער ברייטער שטוב און פיהלט איהר אן מיט א בלא-הען געדיכטען נעבעל; מנחם-חסיד און זיינע הויז-לײַט לויפען ארום פערפּארעט, טראגען-אריין פולע גלעזער טעה און טראגען-ארויס לעדיגע גלעזער, און צוקאכט זענען זיי, ממש קיין עצה ניט צו געבען זיך, פון יעדענס בעפעהלען, פון יעדענס פערלאנגען:

— מנחם, טעה.

— מנחם, נישטא אין דער פושקע קיין צוקער.

— מנחם, האסט היינט געשווינדעלט מיט'ן קוגעל...

— מנחם — א „רעכנונג“.

— מנחם — לעבעדיגער!...

און אזוי אהן אויפהער, יעדער מיט עפּעס אנדערש. און מנחם מיט זיינע הויז-מענשען לויפען אריין און ארויס צוטומעלטע, שוויצען מיט סכנות נפשות, איין גאט זאל זיך אויף זיי מרחם זיין...

און חסידים זענען צולעגט אויף טיש און אויף בענק, אויף צוואַרפענע בעטען און סעניקעס שטרוי. א רעדעל יונגע לייט זיצען ביי אנ'אפענעם פענסטער און חזר'ן די נייע ניגונים, וואס מען האט געהערט ביים „טיש“; יעדעס מאל ווערט דער ניגון איבער-גע'חזר'ט, און יעדעס מאל מיט מעהר קולות בעגלייט פון די, וואס האבען שוין אין דער צייט א צוויי-דריי טענער געחאפּט און געדען אויך אין קאן... און האט זיך א יונגערמאן דעם ניגון נאך ניט אויסגעלערנט, ער פערשטעהט איהם נאך ניט כדבעי, פערקנייטשט ער טיעף דעם שטערען, פערמאכט די אויגען, דעם גראבען פינגער לאזט ער אין דער ליפּט קאמאנדעווען, נאכ'ן טאקט נאך, האלט-מיט דער „קאפעליע“ און שלינגט ערנסט יעדען טאן... אהיים קומען פון

רבי'ן און קיין נייעם ניגון ניט מיטברענגען — קיין שום יונגערמאַן זאָל מיט דעם עגמת-נפש ניט געפּרובט ווערן!...

די עלטערע חסידים זיצען ביים טיש, טרינקען טעה און פּיפּקען ציגאַרען און לולקעס, חאַפּען יעדעס מאָל אַ בליק צו די „קונדסים", די יונגע-לייט און פֿון צייט צו צייט האַלטען זיי אונטער מיט אַ קורץ-אָבגעהאַקטען בים-באָם...

אין צווייטען ווינקעל זיצען צוויי חסידים זקנים און פּיפּקען לולקעס. מיט אַ ווייכען מילדען טאָן חזרן זיי איבער די „תורה", וואָס דער רבי האָט געזאָגט ביים טיש און מיגעדענקען איבער אויף חסידישע מעשות פֿון אַמאָל, אַמאָל, וואָס מ'האָט אַליין מיט די אויגען געזעהען, אָדער פֿון אנשים נאמנים געהערט... בשעת איינער דערצעהלט, האַלט דער צווייטער אויס מיט קאָפּ, ערנסט, מיט אַ פֿרומע מינע, און שלינגט וואָרט נאָך וואָרט. און נאָך איידער עס ענדיגט דער ערשטער — האָט זיך שוין דער צווייטער אָן אַ מעשה דערמאָהנט. בלייבט דער ערשטער שטיל און האַלט מיט דער זעלבער ערנסטקייט דעם צווייטענס מעשה אויס...

עטליכע חסידים, סוחרים, וואָס שטענדיג זענען זיי פֿאַריאָגט און דער עול-מסחר לאָזט זיי ניט רוהען, זעהען זיך שוין מכין אין וועג אַריין, פּאַקען זיך די פּעקלעך און האָבען בדעה, דאָס בעלות, ווען סוועט נאָר אָנהויבען צו בלאָהען אויף טאָג, זאָלען זיי צו דער באַהן פֿאָהרען. אונגעדולדיג גערט יעדעס מאָל צו אַנאַדערער צום פֿענסטער, שטעקט די קאָפּ אין אָפֿענעם פֿענסטער אַרויס, און דערזעהט ער פֿון ווייטען עמיצען דורכגעהן, שרייט ער איהם נאָך:

— יונגערמאַן, יונגערמאַן, זייט זשע מוחל, מען „געזעגענט" זיך שוין „דאָרט"?

דאָס וואַרטען די חסידים-סוחרים, דאָס קוקען זיי אונגעדולדיג אויס די מינוט, ווען דער רבי זאָל זיך אָנהויבען צו געזעגענען מיט'ן עולם. אַ גרויסער עול איז ביי אַ חסיד, וואָס איילט זיך אַהיים צו פֿאָהרען, דאָס געזעגענען. שעה'ן-לאַנג, מאַכט זיך פֿיעל מאָל, אין „הויף" אָבשטעהן און זיך דערוואַרטען דערצו, און דערווייל איז מען ניט אויף קיין אָרט, נישט די קאָנסט זיך צולעהנען און אַ דרעמעל חאַפּען, נישט די קאָנסט אויף דער „סטאַנציע" זיצען און אַ גלאָז גלעזער טעה טרינקען, וואָרים טאָמער בעת-מעשה עפֿענט זיך איבער דער צייט די טיהר פֿון רבינ'ס חדר, ווער רבי געזעגענט-אָב, און בין

וואס־ווען, איידער דו קוקסט זיך ארום — האט זיך שוין די „טיהר״ פערמאכט און. שטעה ווידער אב עטליכע שעה — און אמאל א האל־בען מעת־לעת — און ווארט ביז עס וועט זיך ווידער א שעת־הכושר מאכען...

און טאקי דערפאר דארף א חסיד, א סוחר, וואס איילט זיך אהיים, זיין גרייט תיכף נאך הבדלה און היטען די צייט. דערנאך, אז דו וועסט זיך האבען אבגעזעגענט, קאנסטו טאקי טהון, וואס דיין הארץ גלוסט; קאנסט טרינקען טעה, קאנסט חאפען א דרעמעל, ווארוב דו ביזט שוין דאס שווערסטע שטיקעל ארבייט איבערגעקומען, וועט דיך פערגלוסטען — חאפסטו דאס רייזע־פעקעל, זעצסט זיך אויף אויף דער ערשטער און בעסטער ברישקע און פאהרסט צו דער באהן.

די טיהר פון דער „סטאנציע״ רוהט ניט. חסידים אריין — חסידים ארויס, און אלע געהען אויף איין וועג און אלע קומען פון איין וועג, — פון דער „סטאנציע״ אין „הויף״ און פון „הויף״ אין דער „סטאנציע״. מעהר אינטערעסירט מען זיך נישט, ווייטער געהט קיינעם די גאנצע שטאדט ניט אן...

און חסידים זיצען מיט גרינגע הערצער און וויילע געמיטער, קיין דאגה, קיין מינדעסטע טרויער־מחשבה איז אויף קיין פנים ניט צו געפינען, און דערצעהלען און שמועסען פון „גוטע־יודען״ און מעשות־פליאות, און פיין, ברידערליך איז מען איינער צום צווייטען צוגעלאזען, ניט מען עקשנ'ט זיך, ניט מען ברוגז'ט זיך, בנעימות און נאכגיעביג געהט מען פון איין „גוטען־יוד״ צום צווייטען אריבער, און עס וויקעלט זיך דער שמועס פון איין מעשה'לע אויף דער צווייטער. פון איינגענעם רבי'ן הויבט מען אן, און מען קרייזעלט ארום דור־דורות פון „גוטע־יודען״. מען שפינט א פאדים אין א פאדים, ביז מ'קומט צום איינגענעם רבי'ן צוריק...

און דער שמועס ווערט פלוצלונג ערנסטער און שטילער. וועגען דעם שידוך פון רבי'נס טאכטער הויבט מען אן שמועסען, וועגען דאס וואוילע בחור'ל, מרדכי'לע, דעם חאשטינער רבי'נס זוהן און וועגען די תנאים, וואס דארף בקרוב פערבונדען ווערען צווישען די צוויי „הויפען״.

— א וואויל יונגעל מרדכי'לע דעם חאשטינער רבי'נס — רופט זיך אן א חסיד, וועלכער איז ידוע פאר א מופלג אין חסידישע

מעשׂות און אין יחוסיקייט פֿון אַלטע רביים און „גוטע-ידען".

— אַ שאַרפֿע קאָפּ האָט ער, אויגען — חכמה שפּריצט פֿון זיי.

— יאָ, זאָגען זאָגט מען, דאָס ער איז גאָר קיין נאַר נישט..

— און מען שמועסט, דאָס ער איז גאָרנישט קיין „פֿערקנייטשטער" — מישט זיך אַריין אַלאָדוער ייד, אַ חסיד מיט אַ בייכעל, אין אַ געפּרעסט קעלנערל: — אַ שטיק „היינטוועלטיגער" — זאָגט מען אויף איהם, ער האָט, זאָגט מען, אַ שטאַרקע ידיעה אין מילי דעלמא, קען, זאָגט מען, פּויליש און רוסיש מיט די איבעריגע זאַכען נאָך אויסגעצייכענט.

— מילא, נישט קיין עולה... אַ רבינ'ס אַ קינד, מיינט דאָס חלילה נישט קאַליע...

— ס'אַ שאלה? די גרעסטע „גוטע-ידען" האָבען געקאָנט... ס'איז אַ כבוד-התורה. אַ „גוטער-ייד", וואָס האָט אַ ידיעה אין זייערע לשונות — האָבען גוים דעם גרעסטען דרך-ארץ פֿאַר איהם, און דער אויבערשטער זאָל אויסהיטען, מאַכט זיך חלילה ווען אַ גזרה אויף כלל-ישראל, דאַרף מען זיך טאַקי קאָנען „אויסשמועסען מיט'ן מלכות...

— אודאי איז עס אַ גלייכער שדוך. און דער יחוס, אַ קלייניגקייט? — פֿון די גרויסע גדולים שטאַמט ער דאָך.

— און קרוב לגמר, זאָגט מען, האַלט עס שוין, אַ ליאַדע טאָג, ריכט מען זיך, וועט דער „הויף" אַ טעלעגראַמע מיט אַ מזל-טוב" אהין קיין חאַשטין שיקען און תנאים וועט געשריבען ווערען.

און דערצעהלען דערצעהלט מען, דאָס איינער פֿון אונזערע חסידים, אַ גביר מפורסם, נאָר איך וויל נישט פּורש בשמו זיין, וועלכער האָט אַ יונגעל, גאָר אַ כלי מפואר, האָט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט געלעגט, חדשים-לאַנג האָט ער אויף אַלע דרכים געאַרבייט, כמעט אויף יעדען שבת איז ער געקומען אַהער צופֿאָהרען, געלאָזט זיך קאָסטען מיט אַ ברייטע האַנד און געוואָלט דוקא דעם רבינ'ס אַ מחותן ווערען, גרייט איז ער געווען צו געבען אַ הון-רב, וויפֿיעל דער „הויף" וועט נאָר פֿערלאַנגען, נאָר — נישט געפּועלט: דער רבי האָט ניט מסכים געווען, די רביצין האָט געזאָגט — פֿאַר כל הון דעלמא וועט זי נישט מרוצה ווערען. נישט מיט קיין עשירות וויל זי זיך מתחתן זיין, נאָר אַ רבינ'ס אַ קינד וויל זי, אַ „הויף"

מיט א „הויף", — יחוס וואלט זי, נישט אנדערש ווי א בן-גדולים!... איין שדוך — זאגט די רביצין — האט זי שוין מיט עשירות געטהון און — געגוג!...

— און דערצעהלען דערצעהלט מען, דאס אין פיעל-פיעל „גוטע-יודישע הויפען" איז איצט כמעט ווי געווארען במוסכם, מען זאל ווי ווייט מעגליך זעהען מהיום-והלאה די שדוכים מיט עשירות אויסמיידען, און זיך מיט „איינענע", צווישען זיך, „הויף" מיט „הויף" מתחתן זיין...

— און א סברה איז עס. ווארום דער תערובות, דאס אויסמישען זיך פון רבישע קינדער מיט די חסידיש-גבירישע קינדער האט אין די „הויפען" צופיעל עגמת-נפש גורם געווען...

— און מעשה שהיה מיט די שנור פונ'ם רב'ין הידוע — עס איז נישט גלייך פורש בשמו צו זיין — וואס האט איהר מאן, דעם רבינ'ס זוהן „איבערגעפיהרט", און אליין איז זי ממש לתרבות רעה ארוים... מעשות דערצעהלט מען נאך עד היום אויף איהר — השם ישמרנו!

דער עולם בלייבט זיצען א ווייל׳ע שטיל, עפעס טרויעריגע מחשבות האבען גענומען נאגען אין יעדענס הארץ, און גארנישט היימליכעס האבען די האזיגע טרויעריגע מחשבות אונטערגעזאגט, און מיט שרעק טראכטען טייל וועגען ווערמליך, וואס האבען זיך טיעף אין דעם גרויסען שטארקען בוים איינגעגעסען און לעכערען דעם שטאם...

א שטילקייט הערשט עטליכע מינוט אין דער גרויסער שטוב. די יונגע-לייט ביים פענסטער האבען מפסיק געווען זייערע ניגונים און הארכען זיך שטיל איין צו די שמועסען ביים טיש, קוקען מיט ערנסטע אויגען אהין צו די אלטע. א חסיד פערשטעקט די הענד אין די ארבעל און שאוועלט זיך, שטיל אונטערברומענדיג א תנועה פון א טרויעריגען נגון, א צווייטער שפארט די האנד אונטער אויף זיין שטערען און קוקט פערטראכט אויפ'ן סיפיט. — ס'האט זיך פלוצלונג א שטילער אומעט אהער אריינגע'גנב'עט און זיך אין דער חסידישער ברידערליכער סביבה פערשפרייט...

נאר אט האט זיך די טיהר געעפענט און תיכף איז דער אומעט פון דער שטוב פערשוואונדען.

— גוט וואך, ר' שמחה-הערש, גוט וואך! — רייסט זיך

א פרעהליכער „גוט-וואך" פונ'ם גאנצען עולם ארויס.

— גוט וואך! אט דא חעלען מיר הערען נייעס!... וואס הערט זיך ר' שמחה-הערש, פון וואנען קומסטו?

— אודאי האב איך אייך געבראכט נייעס — ענטפערט ר' שמחה הערש מיט גדלות, ציהענדיג לאנגזאם די באָרד און ארומדרעהענדיג זיך איבער דער שטוב — אודאי האב איך אייך געבראכט נייעס, און דוקא פרעהליכע... מנחם, גיב אריין א גלאז טעה.

— מאקי? פון וואנען קומסטו, שמחה-הערש!

— פון „הויף", איך בין „דרינען" געווען... עטליכע שעה מיטן רבין אבגעזעסען און געשמועסט... געווען אויך איינגעווייניג ביי דער רביצין. א שווער שטיקעל ארבייט אבגעטהון, א שווער שטיקעל ארבייט... נאר געלויבט דער אויבערשטער, דורכגעפיהרט דעם עסק בשלום... מנחם, גיעב אריין טעה.

— דערצעהל זשע, דערצעהל — ווערט דער עולם אונגעדולדיג.

נאר ר' שמחה-הערש איז ניט אזא מענש, וואס זאל זיך איילען, ר' שמחה-הערש האט צייט, ער דערצעהלט זיך ווייטער גאנץ לאנגזאם און דער עולם צאפעלט פון אונגעדולד...

און פאמעליך, בנעימות, זופענדיג די טעה, דערצעהלט ר' שמחה-הערש בפרטות וועגען דעם גאנצען ענין, וואס ער האט מיטן רבין „דרינען" ביחידות גערעדט און וואס ער האט מיט דער רביצין מכח דעם שדוך געשמועסט, און ווען ר' שמחה-הערש איז שוין צום עיקר צוגעקומען און דערצעהלט, מיט וואס ער האט דעם ענין געענדיגט, שפרינגט דאן דער גאנצער עולם אויף פון טיש מיט התלהבות און פרעהליכע פנימ'ער:

— מזל-טוב, מזל-טוב! געלויבט דער אויבערשטער! זאל זיין אין א מזל'דיגע שעה, מזל-טוב!...

— און ווען וועט מען תנאים שרייבען? — טהוט פלוצלונג איינער א פרעג.

— תנאים? — פרעגט לאנגזאם איבער ר' שמחה-הערש, און קוקט אויפ'ן עולם מיט א שמייכעל, שווייגענדיג א ווייל, ווי עס וואלט איהם א שאד זיין זיי מיט דער בשורה איבערראשען — תנאים?..

— מנחם גיב אריין בראנפען.

— ווען, ווען? — בעט זיך דער עולם...

— ס'האט נאר־וואס א טעלעגראמע אהין, קיין ראשטין געשיקט, און מארגען, רבותי, מארגען ביינאכט וועט פרעהליך און לעבעדיג זיין... מארגען וועט מען תנאים שרייבען, מנחם, בראנפען גיב אריין!...

— מזל־טוב, מזל־טוב! — הילכט די גאנצע שטוב — מזל־טוב! מנחם, בעלמוטשע ניט, בראנפען מיט אייער־קיכלעך צום טיש!...

און באלד איז די שטוב מיט אנ'אונגעוועהנליכע שמחה געווארען אנגעפילט. די יונגע לייט ביים פענסטער האבען א „פרעהליכס" אנגעהויבען און דער גאנצער עולם, אלט און יונג, האט מיט שמחה און פריוד דעם ניגון אונטערגעכאפט, א ווארשאווער יוד, וואס איז געדאט אין א ווינקעל געשטאנען און זיך דאס רייזע־פעקעל פערפאקט, האט תיכף דאס פעקעל צוריק אויפגעבונדען און די גרויסע פאטשיילע אין בוזים פערשטופט — ניין, ער פאהרט שוין נישט אהיים!... די חסידים־סוחרים, וואס האבען זיך אונגעדולדיג איבער דער שטוב ארומגעדרעהט, און מיט סוחריש־פערדאגה'טע פנימ'ער און סוחריש־וואכעדיגע מלבושים יעדעס מאל דורכ'ן פענסטער געקוקט — צי מען „געזעגענט" שוין... האבען יעצט, דערהערענדיג די בשורה, געשווינד פון זיך די וואכעדיגע מלבושים אראבגעווארפען, און צוריק אין די שבת'דיגע אריין, און אנ'אנדער צורה האבען פלוצלונג זייערע פנימ'ער מיט אמאל בעקומען, ס'האט זיך אויף זיי מיט אמאל דער קאליר געביטען... פערשוואונדען דער וואכעדיגער סוחר־זארג און צוריק שבת'דיגע חסידים געווארען. — מארגען איז תנאים. ניין, זיי פאהרען שוין ניט!...

די טיהר האט זיך געעפענט און א בלאס פערזארגט פנים האט זיך אין דער טיהר בעוויזען.

דוד איז אין שטוב אריינגעקומען און דעם פעטער שמחה־הערש אן א זייט אוועקגערופען:

— פעטער, ווען פאהרען מיר?

— פאהרען? אויב דו ווילסט דוקא — פאהר דיר געזונדערהייד, איך בלייב דא.

דוד האט דעם פעטער שווייגענדיג אנגעקוקט און אויף זיין פנים האט זיך א פראגע־צייכען בעוויזען

— פארוואס?

— פערשטעהסט, דוד, איך פאהר נישט, קיין איין חסיה

פֿאָהרט נישט, מיר אַלע בלייבען דאָ... מאָרגען וועט אין „הויף“ אַ יום־טוב זיין...

– אַ יום־טוב?

– יאָ, אַנ'אמת'ער יום־טוב. רבקה'לע, דעם רבינ'ס יינגסטע טאָכטער, וועט מאָרגען ביינאַכט תנאים שרייבען.

דוד האָט זיך אַ ווײַלע פֿערטראַכט. פֿלוצלונג איז עפּעס אַ מחשבה אין זיין קאָפּ דורכגעלאָפֿען און ער האָט אַ פֿרעג געטהון:

— אָבער, איך האָב אײַך גאָר פֿערגעסען צו פֿרעגען, פּעטער, צוליעב וואָס האָט מען נאָך אײַך אַ דעפּעשע געשיקט?...

—טאַקי וועגען דעם זעלבען ענין — האָט דער פּעטער מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט — דער חתן איז דעם האַשטינער רבינ'ס זוהן.

— מרדכי'לע? — האָט דוד מיט שרעק איבערגעפֿרעגט.

— יאָ. דו קענסט איהם דען?..

דוד האָט געשוויגען.

— פּעטער — האָט ער פּלוצלונג אויסגעשריען — איך בלייב אויך דאָ... איך פֿאָהר נישט!...

— טאַקי אויף אַנ'אמת? — האָט דאָס דעם פּעטער שטאַרק הנאה געטהון...

— יאָ, — האָט דוד איבערגע'חזר'ט שטאַרק צוקאָפּט — יאָ, איך בלייב דאָ, איך בלייב דאָ... כ'פֿאָהר נישט!...

VIII.

רבקה'לע דעם רבי'נס.

אַ שעגער זומערדיגער פֿאַרמיטאָג. דער „הויף“ איז אין אַ וואַרימער פֿרעהליכער ליכטיגקייט אײַנגעטונקען. ס'איז אַ זונטאָג פֿאַר מיטאָג און דאָך שוועבט איבער'ן „הויף“ אַנ'אמת יום־טוב'דיגע רוהיגקייט. און זעהסטו ווי רוהיג, בנעימות, עס געהען חסידים־איין, חסידים־אויס, ווי איבער'ן „הויף“ דרעהען זיך פֿאַרוויין חסידים אַרום, אין די שבת'דיגע סאַמעטענע היטלען און אין די וואָכעדיגע ציצאַרען און לולקעס — דאַכט זיך דיר, ס'איז אַ טאָג פֿון חול־המועד היינט,

ס׳איז יום-טוב מיט חול אויסגעמישט, און דאָך האַרמאָנירט עס צוזאַמען, אַ באַזונדער חן און שענקייט איז דערויף אויסגעגאָסען...

וואָרום ס׳האָבען נאָך די חסידים דעם נעכטיגען שבת-לבוש פון זיך ניט אַראָפגעצויגען, שבת-רוה איז אויף די פּנימ׳ער אויסגעגאָסען און שבת׳דיג זענען די שמועסלעך, וואָס ווערט צווישען זיי געפירט, שבת׳דיג — די תנועות און באַוועגונגען...

דען אין „הויף“ וועט היינט אַ יום-טוב זיין, רבקה׳לע דעם רבינ׳ס וועט תנאים שרייבען..

און רבקה׳לע דעם רבינ׳ס זיצט יעצט אין איהר צימער נעבען פענסטער, אויף וועלכען ס׳ליגט אַ שען קעסטעלע מיט נעה-געצייג, ווייסע ליינוואַנד און ניט-דערענדיגטע זאַכען, און זי נעהט קליינע קינדער-העמדלעך.

שוין לאַנג ווי רבקה׳לע האָט אויף זיך אַ מצוה גענומען: נעהען העמדלעך פאַר אָרימע קינדער יתומים פון שטאָדט. אַן אָרימע אלמנה, וואָס דאַרף איהרע נאַקעטע יתומים׳לעך באַקליידען, קלויבט זי זיך מיט דער צייט אַ שטיקעל ליינוואַנד צו אַ שטיקעל ליינוואַנד צונויף און טראָגט דאָס דער רביצינ׳ס טאָכטער אַוועק, און זי איז שוין, גאָט צו דאַנקען, מיט העמדעלעך און יאַקעלעך פאַר איהרע נאַקעטע נפשות׳לעך באַזאָרגט... קומט די אָרימע אלמנה אין עטליכע טעג אַרום און נעהמט די פאַרטיגע אַרבייט אָב, פאַלען דאַן דאָרטיגע ברכות אויף רבקה׳לעס קאָפּ. דאָס העמדעל אָדער דאָס יאַקעלע ווערט פון איין שכנ׳טעס האַנד צו דער צווייטער שכנ׳טע געוויזען, פון איין שטוב אין דער צווייטער ווערט דאָס מיט אַ שמייכעלע באַטראַכט און מען ריהמט די הענד, וואָס זענען פון גאָט געבענשט...

ס׳האָט זיך די טיהר פון צימער געעפענט און די רביצין איז אַריינגעקומען. זי האָט זיך ביי דער זייט אַנטקעגען רבקה׳לען אַוועקגעזעצט און מיט אַ צניעות׳דיג שמייכעלע אויף די ליפען, רבקה׳לעס אַרבייט באַטראַכט.

— פאַר וועמען, רבקה׳לע, וועט דאָס דאָזיגע העמדעלע זיין?

— ב׳ווייס ניט, מאַמעשי, אַן אָרימע אלמנה, וואָס וואָהנט דאָרט אַראָב אונטער דער שטאָדט, ב׳קען זי אַפילו ניט, ווער זי איז. האָט מיר יענע וואָך אַ פּעקעלע ליינוואַנד דורכ׳ן פענסטער אַריינגעשטעקט און געבעטען מיך: פאַר איהר אָרעם יתומ׳ל אַ העמדעלע אויפנעהען...

— און ווי אווי, רבקה'לע, וועסט דו דען וויסען, וואו אהין דאס פארטיגע אבצושיקען?

— פארנאכט, מאמעשי, וועט זי צום פענסטער צוקומען און זיך דאס איהריגע נעהמען...

— א, פארנאכט, רבקה'לע, וועסט דו מיט עפעס אנדערש זיין פערנומען — האט די רביצין מיט א שמייכעלע געזאגט, קוקענדיג אויף רבקה'לען.

— מיט וואס, מאמעשי, וועל איך דאס זיין פערנומען? — האט רבקה'לע בתמימות איבערגעפרעגט.

— פארנאכט, רבקה'שי, — האט די רביצין זיך געהנטער צו רבקה'לען צוגערוקט — וועסטו זיך דארפען אויספוצען, די שבת'דיגע קליידלעך אנטהאן און...

— וואס הייסט? — האט רבקה'לע די נאדעל אין ליינוואנד גע־לאזט און מיט פרעגענדיגע אויגען זיך צו דער מוטער געווענדעט — צו וואס?

— בכדי דו זאלסט חן געפינען... — האט די רביצין מיט א שמייכעל געזאגט, שטיל, ווי זי וואלט איהר א סוד פערטרויען...

רבקה'לע האט געשוויגען, מיט די הענד האט זי די ליינוואנד אויף איהרע קניען אויסגעגלייכט און בושה-פלעקען האבען זיך אויף איהרע צארטע רויזען-באקען געצייטעלט...

— יא, טאכטערשי, חן דארפסטו געפינען אין די אויגען פון דיין חתן... היינט ביינאכט וועט מען תנאים שרייבען, א כלה, טאכטערשי, וועסטו מיט מזל ווערען...

— און וואס שווייגסטו, רבקה'שי?... דו ווילסט, טאכטערשי, אודאי וויסען, ווער דיין בעשערטער איז...

רבקה'לע האט די שעמעוודיגע אויגען אראבגעלאזען, איהרע פינגער האבען ציטערדיג פאלדען אויף דער ליינוואנד געקנייטשט און שטארק-שטארק האט איהר נאאיוו יונג הערצעל געקלאפט...

— און געלויבט זיין ליעבער נאמען — האט די רביצין די אויגען צום הימעל אויפגעהויבען און פרום ערנסט געשמייכעלט — געלויבט זיין ליעבער נאמען, א טייער, כשר קינד האט דיר גאט בעשערט, יומם ולילה איז ער אין תורה ועבודה עוסק, א זייד עדעל פנים, פון וועלכען ס'שפראצט תורה און חכמה ארויס, טאטע-מאמעס בענשען זיך מיט איהם, ווי אנ'אבן-טוב ווערט ער דארט אין „הויף" געהיטען.

זיין געלויבט זיין ליעבער נאמען, וואס האט דיר א זיווג, ווי דו, טאכטערשי, ביזט ווערט צוגעשיקט...

די רביצין האט זיך אויפגעהויבען און ארויסגעהענדיג האט זי זיך נאך אמאל צו רבקה'לען אומגעקעהרט:

— זעה־זשע, רבקה'שי, דו זאלסט געשווינדער מיט דיין ארבייט פארטיג ווערען, היינט ביי־נאכט וועסטו תנאים שרייבען...

און א היבשע צייט נאכדעם, ווי די רביצין איז פון צימער ארויס, איז רבקה'לע אין דערזעלבער פאזע אויף איהר ארט געבליבען זיצען. די נאדעל איז פון איהר האנד ארויסגעפאלען, די ליינוואנד האט זיך פון איהרע קניהען אראבגעגליטשט, און נישט זי האט געזעהען נישט זי האט געפיהלט, איהרע געדאנקען האבען איהר וויט פערטראגען, אומזיסט האט זיך איהר פאנטאזיע געמאטערט דאס ריכטיגע בילד פון איהר קינפטיגען בעשערטען אויסצומאלען, אומזיסט!...

און ווען זי האט פלוצים פון איהרע פערטיעפטע רעיונות ערוואכט, האבען זיך ווי נישט־ווילענדיג איהרע ליפען בעוועגט און שטילע ווערטער האבען זיך איבערן צימער געטראגען:

— ווער איז ער?...

* *
*

און עס פלאמט רבקה'לעס געזיכט, איהר הארץ קלאפט, די אויגען האט זי ערגעץ אויף א פינטעל אנגעשטעלט און איהר פאנטאזיע רופט אין איהר פערשיעדענע בילדער ארויס.

איהר געדאנק מאטערט זיך דאס בילד פון איהר בעשערטען אויסצומאהלען...

א ווילע רייסט זיך פלוצים דער דאזיגער געדאנק איבער, זי טרוט זיך דאן א חאפ, קוקט זיך איבערן צימער ארום און עפעס ווי פערשעמט נעמט זי דאן דאס קינדער־העמדעל פון איהר שויס און נערוועז צעהלט די נאדעל א שטאך נאך א שטאך... זי פער־שעמט זיך: א יודישע טאכטער — ווייסט זי, — טאר וועגען אזעלכעס נישט טראכטען... זי פערטיעפט זיך אין קינדער־העמדעל און אין איהר ארבייט, א שטאך נאך א שטאך, און א געדאנק נאך א געדאנק שפינט זיך, פערטראגט איהר יונג־מיידעלשע פאנטאזיע וויט אוועק, ס'הויבט זיך איהר הארץ און ווי דער זייגער אויף דער וואנד קלאפט

דאָס אַ צאַפּעל נאָך אַ צאַפּעל... דאָס צימער ווערט זיך אין שטראָמען זונען־ליכט און זונען־פריידע. פון ארום און פון הויף אין גאַנצען טראָגען זיך פרעהליכע זומער־טענער און זומער־קלאַנגען... אין דרויסען פאַר'ן פענסטער גערען מיידלעך אַ ראָד און צאַרטע, יונגע קולות'לעך קלינגען אין דער לופט אַב:

די מאַמע איז געגאַנגען
אין מאַרק אַריין נאָך קויהלען,
האָט זי מיר געבראַכט
אַ יונגעלע פון פוילען.
אוי, איז דאָס אַ יונגעלע
אַ שיינס און אַ פיינס —
מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגעלעך,
ק—ע—ע—צעלע מיינס.

און די טענער צוגיסען זיך ווייט און דרינגען אַריין אין רבקה־לעס צימער און בעוועגען די סטרונעס פון איהר האַרץ... און ווידער לאָזט זי די נאָדעל פון האַנד אַרויס, מיט אַ צאַפּעלדיג האַרץ האָרכט זי זיך אין ליעדעל איין און אויף איהרע באַקען צוגיסט זיך אַ שעמעודיגע רויטקייט... עפּעס ווי די קינדער אין דרויסען האָבען זיך אומישנע פאַר איהר פענסטער געשטעלט און רייצען זיך מיט איהר...

און שטיל האָט זיך די טהיר געעפענט און דבורה'לע, די יונגע שנור, איז אַריין.

— דבורה'לע?

— יאָ, וואָס רבקה'לע, האָסט זיך דערשראָקען?

— דערשראָקען? וואָס פאַלט דיר עפּעס איין?..

— כ'ווייס... האָסט עפּעס אזא צאַפּעל געטהון... און ביזט אזוי בלאַס...

— ס'ווייזט זיך דיר נאָר אזוי אויס, דבורה'לע...

— ס'קאָן זיין... און פאַר וועמען, צדיקת'טע, נעהמסטו שוין ווידער אַ העמדעלע — האָט דבורה'לע געפרעגט מיט אַ שמייכעל, בעטראַכטענדיג רבקה'לעס אַרבייט.

— פאַר אַנאָרעם יתומ'ל. די אָרימע מוטער האָט מיר די ליינוואַנד דורכ'ן פענסטער אַריינגערלאַנגט: אַ העמדעלע זאָל איך פאַר איהר נאַקעט קינד אויפנעהען...

— אוי, רבקה'לע, פּאַסט דיין חתן אַ פרומע צדיקת'טע!..

רבקה'לע האָט פֿערשעמט די אויגען אַראָבגעלאָזען, און נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווײַגען האָט זי פּאַמעלעך איהרע שעמעוודיגע אויגען אויף דבורה'לען אויסגעשטעלט:

— דו ווייסט שוין?

— יאָ, די שוויגער האָט מיר פֿריהער די פֿרעהליכע בשורה אָנגעזאָגט... און איצט בין איך צו דיר אַרײַן דעם מזל־טוב אָבגעבען.

רבקה'לע האָט ניט געענטפֿערט.

— און פֿאַר־וואָס שווײַגסטו, רבקה'לע? פֿאַר־וואָס ביזטו אַזוי פֿערטראַכט, צוטראָגען? פֿרעהליך דאַרפֿסטו דאָך זײַן, דאַרפֿסט זיך דאָך מיט דײַן גליק פֿרעהען, אמת, רבקה'לע, ביזט גליקליך?... פֿאַר־וואָס פֿערבאָרגסטו פֿאַר מיר דײַן פֿרייד?... לאַכען דאַרפֿסטו, טאַנצען, שפּרינגען, אָט באַלד ועסטו זיך דאָך אין דײַן גליק באָדען, נישט אמת, רבקה'לע?

פֿעסט האָט זי איהר מיט בײדע הענד אַרומגענומען, צום האַרצען צוגעדריקט און טיעף פֿאַרשענדיג איהר אין די אויגען געקוקט:

— דו ביזט דאָך גליקליך. אָט באַלד ועסטו אַ כלה ווערען, מ'וועט דיר כלה־מתנות שיקען, מיט גאָלד און בריליאַנטען וועט מען דיך אויספּוצען, דו ביזט דאָך גליקליך, גליקליך, רבקה'לע, נישט אמת?...

רבקה'לע האָט בעמערקט די איראָניע, וואָס ס'איז אויף איהר שוועגערינס געזיכט אויסגעגאָסען בײַ די ווערטער, זי האָט זיך דערי־בער, עפּעס ווי מיט שרעק פֿון איהרע אָרעמס אַרויסגעריסען און געשטאַמעלט:

— עפּעס רעדסטו, דבורה'לע, אַזוי מאָדנע, נישט צום פֿער־שטעהן, אַזוי נישט צום פֿערשטעהן...

נאָר דבורה'לע האָט ווי נישט געהערט איהרע ווערטער, זי האָט ווײַטער מיט דעם איראָנישען שמייכעלע גערעדט:

— דו ביזט דאָך גליקליך, דו דאַרפֿסט דאָך גליקליך זײַן... נישט אמת, נאַריש קינד?... מ'וועט דאָך דיר אַ חתן געבען... דו וועסט מיט מזל חתונה האָבען, אַ ווײַבעלע וועסטו ווערען, מען וועט דיר דײַנע הערעלעך, אוי, דײַנע בלאָנדע הערעלעך, אָבשערען!... אַ קופּקעלע וועסטו אויף דײַן קעפּעלע אָנטהון... אַ יונג ווײַבעלע וועסטו זײַן, דו וועסט אַ מאַנעלע האָבען... דײַן מאַנעלע וועט דאָך אַזאַ עדעל כשר קינד זײַן... די שוויגער, די רביצין, זאָגט, דאָס ער

האט א טייערע כשר׳ע נשמה... אוי, ס׳איז א שען מאנעלע!... א דאר, אויסגעווייקט פנימ׳ל, גרין, ווי א אתרוג׳ל, מיט לאנגע, לאנגע פאות, און דאס פנימ׳ל ליגט טיעף-טיעף אין א הויך שטריימעל און קוים-קוים מען זעהט דאס בלאסע נעזעלע ארויס... און דו, יונג-ווייבעלע, וועסט דא ביים פענסטער טאג, טאג נאך טאג, טאג זיצען און פון פענסטער ארויסקוקען, און וועט דיין מאנעלע דיך דערזעהען, וועט ער געשווינד, געשווינד פון דיר אנטלויפען און אין בית-המדרש אוועק... ער וועט מורא האבען פאר דיר... דו ביזט דאך אזא שרעקליכע, אזא שרעקליך ווייבעלע... ער וועט מורא האבען מיט דיר צו רעדען... אוי, ווי א בייזע, ווי א שרעקליכע דו ביזט, נישט אמת? היינט וועסטו דאך א כלה ווערען, דו וועסט זיך אין גליק באדען, פאר-וואס שווייגסטו, רבקה׳לע, פאר-וואס פרעהסטו זיך נישט, לאכסט נישט, טאנצט נישט?... דו ביזט דאך ערשט גליקליך... האַ-חאַ-חאַ! נישט אמת, רבקה׳לע?...

זי איז שטיל געבליבען. רבקה׳לע האט שטארע שרעקעדיגע אויגען אויף איהר שוועגערין אויסגעשטעלט און איהר קערפער האט מאדנע געציטערט...

אין דרויסען פאר׳ן פענסטער האבען נאך מיידלעך אין דאר געשפיעלט און דאס ליעד גע׳חור׳ט:

איך האב גענעמען מאנדעלעך,
איך האב געטרונקען וויין,
איך האב געליעבט א יונגעלע,
ס׳גערט מיר גאר נישט איין;
אוי, איז דאס א יונגעלע,
א שענס און א פיינס,
מיט די שווארצע אויגעלעך,
קע—ע—צעלע מיינס...

IX.

רבקה'לע שרייבט תנאים.

אין קיך פון דער רביצינס וואָהנונג ברענט די אַרבייט אונטער די הענד. די פנימ'ער סמאַליען פון היץ און פייער: מען באַקט, און מען פּרעגעלט, מען קאָכט און מען בראָט. אויסער די שטענדיגע דינסטען פון „הויף", זענען פרומע ווייבער זיך צונויפגעקומען, יודענעס, וואָס רבקה'לע האָט פאַר זייערע קינדער העמדעלעך גע־נעהט, און כמה יודענעס פון שטאָדט, אויף רבקה'לעס תנאים זיך „פאָרען"...

מען וואַרט נישט אויף קיין כיבוד, אויף קיין בעפעהל: קומט א פרומע יודענע צולויפען, מיט א פרום שמייכעלע אויף די ליפּען, איז נישט זי פרעגט ביי קיינעם, נישט איהר עסק, צו מ'דאַרף זי יאָ דאָ האָבען, צו מ'קאָן זיך אפשר אָהן איהר בעגעהן... גלייך געהט זי צו דער קיך צו, שטעקט פריהער דאָס קעפּעל אַריין און דער־זעהט זי דעם טאַראַראַם, לאָזט זי זיך גלייך דער שוועל אַריבער, טוט־אויס די פאַטשיילע און פערשטופּט זי ערגעץ צווישען א קאַסטען. א רגע בלייבט זי שטעהן אין מיטען שטוב מיט פערלעגטע הענד און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען, פלאָנטערט זיך פאַר די פיס, שטעהט יעדען אין וועג... דערזעהט די יודענע, אין וואָס פאַר א משונה'דיגע פערלעגענהייט זי געפינט זיך, חאַפּט זי א בראָט־פענדעל, א שעפּ־וואַסער, א שאַר־אייזען, לויפט דערמיט איבער דער שטוב אַרום און „פאַרעט" זיך לכבוד רבקה'לעס תנאים... און אזוי נאָך א יודענע און נאָך א יודענע, און אין דער קיך איז שוין נישט א פוס אַריינצושטעלען...

יודענעס מיט קיישלעך אונטער די אָרעמס, און אין די קיישלעך איז כל־טוב פאַראַן, געהען אַריין און אַרויס, לעדיגען אויס די קיישלעך מיט כל־טוב אין מיטען שטוב, ווינשען דעם „הויף" אַלדאָס־גוטס, און מיט די לעדיגע קיישלעך אונטער די אָרעמס לאָזען זיי זיך צוריק אין מאַרק אוועק; א מאַרק־יודענע, וואָס האָט צווישען איהר'ע עופות א שענעם אינדיק דערזעהן, טראַכט זי נישט לאַנג, חאַפּט דעם אינדיק און לויפט מיט צושפּרייטע פליגעל אין „הויף" אַריין — לכבוד רבקה'לעס תנאים.

און עס האַט זיך, דער מאַרק, די שטאָדט, קרעמער און סתם יודען, האָבען אויף היינטיגען טאָג זייערע איינענע דאגות פֿאַר זיך און פֿאַר זייער הויזגעזינד אָוועקגעטריבען, און אַלע זענען זיי פֿער־נומען און „פֿאַרען" זיך לכבוד רבקה'לעס תנאים...

און אין „הויף" האָבען זיך די חסידים צונויפֿגעזאַמעלט, אַלע זענען פֿון די „סטאַנציעס" אַרויס, זיך די שבת'דיגע מלבושים אָנגעטהון און אין „הויף" אַהער: אַט נאָר וואָס דאַרף דער צוג אָנקומען און מען וועט די מחותנים אַנטקעגען פֿאָהרען.

לייזער דער משרת האָט דעם רבינ'ס קאָטש פֿון שטאַל אַרויסגעשלעפּט, האָט די אַרבעל פֿון העמד פֿערקאַשערט און גיעסט עמערס וואַסער אויף די רעדער.

דען וואָכען־לאַנג שטעהט די קאָטש אין ווינקעל שטאַל אַוועקגעשטעלט און קיינער בענוצט זיך ניט מיט איהר. וואָכען־לאַנג שטעהען די פֿערד אין שטאַל, פֿיטערען זיך טאָג־איין טאָג־אויס אין די קאָריטע, מעלה־גרה'ן גלאַט אין דער וועלט אַריין, און טרעטען די שוועל פֿון שטאַל ניט איבער... סיידען נאָר, ווען דער רבי דאַרף אויף עטליכע וויאָרסט צו אַ קבלת־פּנים פֿאָהרען, און אויך זעלטען ווען, אין אַ זומער־פֿאַרנאַכט, הייסט דער רבי די קאָטש שפּאַנען און מיט אַ משניות'ל אונטערן אָרעם פֿאָהרט ער אין וואַלד אַריין שפּאַצירען, גאָט'ס שענע וועלט אָנקוקען...

עס ווייזט זיך שלום משמש אין רבינ'ס פֿענסטער און אַ פֿערשוויצטער ווייזט ער מיט די הענד צום עולם:

— די קאָטש!...

ווערט אַ טומעל צווישען עולם. אַלע חסידים, אַלט און יונג, רינגלען די קאָטש אַרום. לייזער משרת ווערט אויף צעהן איילען ווייט אַוועקגעשליידערט, חסידים נעהמען די קאָטש שפּאַנען, קריכט איינער אויפֿן דישעל, דער צווייטער אויף אַ ראָד, ממש אויף די הענד ווערען די פֿערד פֿון שטאַל אַרויסגעטראָגען. חאַפּענדיג און איילענדיג ברענט די אַרבייט פֿון די הענד, און טוהען טהוט מען דאָס מיט אַזאַ האַרציגע ערנסטקייט, ווי אַ פֿרימער יוד, בשעת ער וועלגערט מצה־שמורה לכבוד פּסח...

ר' ירחמיאל דער דאָזער פֿון שטעדטעל, האָט געלאָזט זיין דראָזשקע שפּאַנען און אַהין געשיקט אין „הויף", פֿאַר דער רביצינ'ס וועגען, ענטקעגען דער מוטתנת'טע צו פֿאָהרען.

און פֿערמאָרגען איז אויך די רביצין זאָל געזונט זיין. פֿריע גוהרליכע יאַגעס, אין גאָלד און אין יחוס געקנעכטען, האָבן זיך אין דער רביצינס שטוב, און האָבן די זכיה מיט דער רביצין צו רעדן, זענען איצט אמת׳ע שטוב־מענשען געוואָרען, איינע שטייט די צווייטע איבער און פֿלײַסט זיך די רביצין בעהילפֿיג צו זיין, איהר אַלץ צו דער האַנד דערלאַנגען.

און די רביצין האָט זיך אין די שבת׳דיגע מלבושים, אינ׳ם שענסטען און בעסטען אָנגעקליידעט. פֿון אויבען ביז אַראָב אין צירונג בעהאַנגען. אין די רביצינס פּנים שטראַהלט פֿון פֿרייד און שמחה, און אַ גליקליך, זיס שמייכעלע איז אויף איהר אויסגעגאָסען: „געלויבט דער אייבערשטער, וואָס מען האָט דאָס דערלעבט!“.

און אין „הויף“ האָבען שוין די חסידים די איינגעשפּאַנטע קאַטש פֿאַר׳ן רבינ׳ס טהיר צוגעגרייט.

דער רבי מיט זיינע מקורבים, האָבען זיך אין דער טהיר געוויזען, און דער עולם האָט אַ וועג געמאַכט:

— דער רבי, דער רבי!...

דער רבי פֿאָהרט!

דער רבי מיט לייבעלען זענען איטוועניג אין דער קאַטש געזעסען. אין דער הויך אויף די קאָזלעס האָט לייזער משרת די פֿערד געטריבען און אַרום איהם האָבען זיך חסידים ביי די זייטען און אויפ׳ן דישעל נאָכגעהאַנגען, און נאָכגעלאָפֿען זענען חסידים פֿון פֿאָרענט און פֿון הינטען, יעדעס מאָל האָט חער זיך געפּרובט אויף די קאָזלעס חאַפּען, מיט איין האַנד זיך ביי אַ קאַנט אָנגעהאַלטען, איין פֿוס צווישען די איבעריגע פֿיס איינגעפּלאָנטען, דעם צווייטען פֿוס אויף דער ערד נאָכגעהאָפּצעט, אַזוי, אַז מען וויל, קאָן מען דאָס אָנרופֿען, ער פֿאָהרט אויך אויף די קאַטש, און אַז מען וויל דוקא, קאָן עס הייסען, ער געהט צו־פֿוס...

דער רבי פֿאָהרט!

קרעמער און יודען האָבען האַק און פּאַק אַוועקגעוואָרפֿען און נאָך דער קאַטש נאָכגעלאָפֿען, ווייבער האָבען זיך פֿאַר די טירען פֿון זייערע קראָמען געשטעלט און פֿרום האָבען די ליפּען געשעפּטשעט:

— אַז וואויל און ליכטיג, טאַטע זיסער, אין דעם, וואָס איז צו אַזאַ גדולה אויף דער וועלט זוכה...

און תיכף איז פון „הויף" די דראָשקע מיט די רביצין און פֿרימע מיוחסדיגע ווייבער אַוועקגעפֿאָהרען. אין פֿענסטער צום דרויסען זענען רבקה'לע און דבורה'לע געשטאַנען און שטיל-שווייגענדיג מיט די בליקען די דראָשקע בעגלייט...

— די רביצין פֿאָהרט!

און די ווייבער זענען פון די קראַמען אויף דער גאַס אַרוים און מיט קנאה געקוקט אויף די מיוחסת'דיגע ווייבער, וואָס האָבען די זכיה צוזאַמען מיט דער רביצין אין דער דראָשקע צו פֿאָהרען...

— אַז וואויל און לעבּיג, טאַטע זיסער, איז דעם, וואָס איז צו אַזאַ גדולה אויף דער וועלט זוכה...

די קאַטש מיט די דראָשקע זענען פון מאַרק אונטער דער שטאָדט אַרוים און פון דאָרט ווייט-ווייט אַוועק אויפ'ן שאָסיי, פון וואַנען מ'וועט באַלד אַ חתן פֿאַר רבקה'לען ברענגען...

און רבקה'לע איז נאָך אַלייך ביים פֿענסטער געשטאַנען, די אויגען טיעף אַהין אויפ'ן שאָסיי געווענדעט, דאָס יונגע הארץ האָט געקלאַפּט, געצאַפּעלט, אונגעדולדיג ערוואַרט: אַט באַלד, אַט באַלד, און זי וועט זעהען דעם בעשערטען, וואָס גאָט האָט איהר צוגעשיקט...

דער רבי מיט'ן עולם זענען שוין עטליכע וויאָרסט אָבגעפֿאָהרען. מען האָט דעם וואַלד דורכגעשניטען און אויפ'ן צווייטען שאָסיי אַריבער. דאָרט אויף יענער זייט שאָסיי האָט זיך פון דערווייטען אַ וואָלקען-שטויב דערזעהען, דער וואָלקען האָט זיך פון דער ערד אויפ־געהויבען און זיך אַהער דערנעהנטערט...

— דער רבי פֿאָהרט!

דער וואָלקען האָט זיך אָבגעשטעלט, דער שטויב האָט זיך אין דער לופֿט צושפּרייט און פון אונטער דעם שטויב-נעבעל האָבען זיך צוויי קאַרעטעס געוויזען, איינע פון די צווייטע ווייט אָבגערוקט: אין דער ערשטער קאַרעטע איז אין אַ ווייסען זיידענעם חלאַט דער האָשטשעווער רבי געזעסען, נעבען איהם — דער חתן מרדכי'לע, אַ שוואַרץ-חנ'עוודיג יונגעל מיט פֿערחלומ'טע אויגען און געקרייזעלטע פּאות; דער עלטערער זוהן און איידים, אַרום זיי — עטליכע מקורבים און משמשים, ביי די זייטען און אויף די קאָזלעס בעלעגערט; אין דער צווייטער קאַרעטע — די האָשטשעווער רביצין אין גאָלד און בריליאַנטען בעהאָנגען מיט איהר שנור און טאָכטער.

אויף א רגע זענען די קארעטעס שטעהן געבליבען. באלד האבען די משמשים פון ביידע צדדים איינער צום צווייטען א האנק געטהון, און אויף דעם וואונק האבען די בעלי-עגלות פון ביידע צדדים, וואס האבען די קארעטעס פון די נשים אנגעטריבען, א שמיים געגעבען זייערע פערד און זיך אן א זייט פערקירעוועט. די צווי קארעטעס, אין וועלכע ס'זענען די רביצינס געזעסען, זענען ארויס פון דער שורה און זיך אויף אנאנדער וועג געשניטען.

און פנים אל פנים האבען זיך די צווי קארעטעס מיט די רביים בעזונדערע און די צווי קארעטעס מיט די רביצינס בעזונדער אפגע-שטעלט.

דער רבי איז פון דער קאטש ארויס און צו זיין מחותנ'ס קארעטע צו:

— שלום-עליכם, מחותן.

— עליכם-שלום, מחותן, דאס איז דער חתן...

און באלד האט זיך דער עולם א לאז געטהון, א מבול פון הענד האבען זיך געצויגען, איינע אין דער צווייטער איינגעפלאכטען.

— שלום-עליכם, רבי.

און די הענד האבען זיך אויף צווי לאנגערען צוטיילט, די חסידים פון צווי צדדים און צווי שטעדט האבען זיך מיט די שלום-עליכם'ס געביטען, די חסידים פון איין צד האבען די הענד אויס-געשטרעקט צום רבי'ן פון צווייטען צד, און געדאכט האט זיך דא אויפ'ן ארומיגען פוסטען שאסיי, אז דאס האט גאט זיינע צווייטע און צושפרייטע קינדער פון צווי עקען וועלט צונויפגעבראכט, און דא, צווישען די צווי לאנגע שורות בוימער, וואס שטעהען ביי ביידע זייטען וועג, ווי די שטומע עדות, איז א שלום געשלאסען געווארען...

און ביידע „גוטע יודען" מיט דעם חתן זענען אין איין קארעטע אריין. אין דער צווייטער — האבען זיך די צווי צדדים חסידים אריינ-געשטופט, דער עולם האט א פרעהליכם אונטערגעחאפט און מיט שטורם און גערויש צוריק אויפ'ן וועג צו דער שטאדט געלאזען.

און דאס זעלבע איז דארט אויף דער צווייטער זייט שאסיי צווישען די צווי קארעטעס מיט די רביצינס פארגעקומען. ביידע רביצינס האבען זיך אין איין קארעטע אריינגעזעצט, מיט שטראהלענדע פנימ'ער, אויף וועלכע ס'איז אויסגעגאסען געווען: „געלויבט איז גאט, וואס מיר האבען דאס דערלעבט", און מיט נחת און גליק-

שמייכלעך, איינהערענדיג זיך אינ׳ם חסידישען געזאנג, וואס האבען זיך פון יענע קארעטעס געהערט און אין ביידע זייטען וואלד אפגעקלונגען — האבען זיי זיך צוריק אויפ׳ן וועג צו דער שטאדט געלאזען.

און די גאנצע שטאדט האט זיך אין צוויי לאנגע שורות אויסגעשטעלט אין א וועג פאר די מחותנים געמאכט, און רעכטס און לינקס האבען די צוויי לאנגע שורות שמייכלענדיג די קעפ געשאקעלט:

— מזל-טוב, רבי, מזל-טוב.

און דער רביצינס פענסטער זענען דבורה׳לע און רבקה׳לע געשטאנען און צאפלענדיג און גארענדיג, מיט רויט פארגאסענע פנים׳ער, אנגעשטעלט זייערע אומגעדולדיגע בליקען אויף די קארעטעס, וואס האבען זיך צום „הויף" דערנעהנטערט.

— דיין חתן, רבקה׳לע, דיין חתן פארט...

— וועלכער, דבורה׳לע... וועלכער איז עס?...

* * *

א שענע, ליכטיגע זומער-נאכט. דאס שטעדטעל האט טויער און לאדענס פערמאכט און אין טיעפען שלאף פערוויגט. שטיל איז אין די געסלעך, ווען ניט ווען ווערט דאס שטילקייט איבערגעריסען פון די שווערע טריט פונ׳ם נאכט-וועכטער, פון א שטיל שושקעריי צווישען א בחור און א מיידעל, וואס האבען זיך אין א זייטיג געסעל, אין דער שטילער נאכט, פערגנב׳עט און פערטרויען זיך דעם ליעבע-סוד, וואס נאגט אין די יונגע הערצער... ווען ניט ווען רייסט דאס שטילקייט איבער א הילכיג חסידיש געזאנג, וואס טראגט זיך פון רבינ׳ס „הויף" און צוגיסט זיך איבער׳ן שטעדטעל, דרינגט אין די שטילע געסלעך אריין, בלייבט דאן אויף א ווייל׳ע דעם וועכטער׳ס שווערע טריט אפגעהאקט, א פערגאפטער בלייבט ער שטעהן אויף זיין ארט, קוקט זיך אום אין אלע פיער זייטען פון דער וועלט, און הויבט מיט דער פלייצע: „וואס איז דאס פאר א שוועגטא, דארט ביים ראבין?"... און אויף א ווייל׳ע ווערט דאס שושקעריי פונ׳ם שפאצירענדען בחור און מיידעל איבערגעריסען, ביידע הערצער טהוען לייכט א צאפעל, מען קוקט זיך אויף אלע זייטען ארום, צו האט דאס נישט ווער זייערע פערגנב׳עטע טריט

ענטדעקט ?... נאר באלד דערזעהט מען די אומזיסטע שרעק און מען שמייכעלט ליעבליך:

— ס'איז גאר נישט... רבקה'לע דעם רבי'נס שרייבט איצט תנאים...

דער „הויף" איז אין א יום-טוב-מאנטעל פערהילט, פרייד און נחת שוועבט איבער אלעם און אויף אלע. אינ'ם גרויסען בית-המדרש זענען ברייטע, לאנגע טישען אויסגעשטעלט און אויף די טישען און ארום די טישען זענען חסידים צונויפגעפאקט, שטריימעלעך און סאמעטענע היטלען זענען אין א נעבעל פון ציגארען-רויך אויסגעמישט... אויפ'ן טיש זענען גאנצע שורות מיט שווערע זילבערנע לייכטער אויסגעשטעלט און בעגיסען מיט שטראמען ליכט דאס בית-המדרש. דער אויבענאן פונ'ם טיש איז מיט תורה און יחוס בעזעצט, ביידע „גוטע יודען", די מחותנים, זיצען דארט איינער נעבען צווייטען און רוהיג, שטיל, בעוועגען זיך זייערע לאנגע בערד און קורצע שמועסלעך, וועגען הויכע ענינים, ווערען צווישען די צוויי „גוטע יודען" געפיהרט, געצעהלטע דבורים, געצעהלט און איבערגערעכענט, ווי פערעל; זאגט איינער עפעס, מאכט דער צווייטער א בעמערקונג פון צוויי ווערטער, צוויי ,...רטער נישט מעהר, א רענדעל איז יעדעס ווארט...

פון צווישען די הויכע רבי'שע שטריימלעך און ווייסע זיידענע חאלאטען זעהט זיך קוים ארויס דער חתן, אין אנ'אטלעסען-קאפאטקעלע און זיידען גארטעלע. אויף דעם שווארץ-חנ'עוודיג פנים בעקרוינט מיט די צוויי געקרויזעלטע פאה'לעך, איז עפעס א שטילער אומעט און א בענקשאפט, א מין שבת'דיגע בענקשאפט, אויסגענאסען. נאר איין גאט ווייסט, וואס בעדייט דער דאזיגער אומעט, וואוהין ציהט די דאזיגע בענקשאפט...

און דארט, אין דער רביצינ'ס שטוב, טהוט איצט חסידות און נגידות פון אלע ווינקעלעך פינקלען. די רביצין, מחותנת'טעס, און פרומע, יחסנ'ישע יודענעס, פון וועלכע ס'האט גאלד און בריליאנטען געבלישטשעט, האבען זיך אין גליק און נחת געבאדען. אויבענאן זענען די מחותנת'טעס געזעסען, און קורצע שמועסלעך פון געצעהלטע ווערטער ווערען צווישען די צוויי יחסנ'ישע רביצינ'ס געפיהרט, געצעהלטע ווערטער, ממש עס פאסט גאר אזעלכעס נישט פאר קיין יודענעס... מעשות און קלוגע שענע מוסר-ווערטלעך דערצעהלט

מען זיך, פון טאטעס און זיידעס, וואס האבען מיט זייער חכמה און צדקות אויף דער וועלט געשמ'ט. פון מאמעס און באבעס, האט זענען מיט צנועות און גוט-הארציגקייט פון גאט געווען געבענשט...

צווישען די מחותנת'שעס זיצט רבקה'לע די כלה, אין א זיידען תנאים-קלייד און צירונג, וואס די מחותנת, די חאשטשנער רביצין, האט פאר דער כלה מיטגעבראכט, און אויף איהר בלייך 'נאאיוו פנים איז אנ'אומעט און א מין בענקשאפט אויסגעגאסען. נאר איין גאט ווייסט, וואס בעדייט דער דאזיגער אומעט, וואוהין ציהט די דאזיגע בענקשאפט...

אין דער קיך, ביי די שוועלען פון די טהירען און אין דרויסען ארום די אפענע פענסטער זענען ווייבער און מיידלעך געשטאנען און נישט דרייסט אין דער שטוב אריינגעקוקט, מיט די פינגער געטייטעלט און שטיל געשושקעט זיך. פרומע יודענעס האבען פרום די אויגען אין דער הויך אויפגעהויבען און מיט די קעפ געשאקעלט:

— זיי געלויבט הארציגער פאטער, אויף דער שטוב דא טהוט דאך דיין שכינה רוהען...

שפעט אין דער נאכט איז שוין געווען. אין בית-המדרש האט מען שוין נאכ'ן „בענטשען" געהאלטען, די מחותנים זענען אוועק אין א בעזונדער חדר. דער עולם חסידים, ווי ס'וואלט זיי א שאד זיין פון דעם יום-טוב ארויסגעהן און צוריק אין די וואכעדיגע מלבושים און צו די וואכעדיגע דאגות זיך אומקעהרען, האבען די טישען און די בענק אן א זייט פערריקט און א רקידה'לע געגאנגען, מען האט א פרעהליכס געזונגען און ווער ס'האט נאר א האנד געהאט, יא א חסיד, נישט קיין חסיד, האט זיך אן צווייטענס גארטעל אנגעהאלטען און די פיס מיט התלהבות געהויבען... וויין און ביער האבען זיך אויף די פאדלאגעס געגאסען, יונגע-לייטלעך, קונדסים, האבען ווי צו שמחת-תורה זייערע קונדסישע שטיק בעוויזען, דער עולם האט חדוה'דיג מיט די הענד צוגעפאטשט און איין זמר'ל נאכ'ן צווייטען אונטער-געכאפט:

דער רבי האט געהייסען פרעהליך זיין,
טרינקען בראנפען, נישט קיין וויין...

אין דרויסען, אויפ'ן „הויף" האט א פערשוויצטער עולם ארום-געשפאצירט, ציגארען געראויכערט און וועגען דעם חתן געשמועסט.

שאַרפֿע יונגעלײַטלעך, עלוישע אידעמלעך, וואָס הײַזען זײער גדלות אין פּשטלעך אַרוים, האָבען איצט דעם חתן אַרומגעוואַכט:

— וואו איז דער חתן? —

— אַוודאי דאָרט בײַם רבי׳ן אין חדר.

— די מחותנים זענען איצט צוזאַמען, אין תורה שמועסט מען.

— דער רבי, זאָגט מען, האָט איהם בײַם „טיש" אַ שאַרפֿען שמעל געגעבען, נאָר דער „קלײנער" האָט זיך נישט געלאָזט...

— וואו איז דער חתן?

דאָרט ווײַט אַראָב פֿונ׳ם „הויף", אויפֿ׳ן וועג, וואָס פֿיהרט אין טאַרנאָווער וואַלד, האָבען מרדכילע מיט דוד׳ן צווישען די בוימער שפּאַצירט און זיך די הערצער אויסגערעדט...

X.

צוויי חברים.

שמיל, מיט פֿאָרזיכטיגע טריט, האָבען זיך צוויי חברים געלאָזען אויפֿ׳ן וועג, וואָס פֿיהרט אין טאַרנאָווער וואַלד.

דורך די געדיכטע בוימער-צווײַגען, האָבען טונקעל-גרויע פּאַסען אַרײַנגעדרונגען און בעגאָסען דעם וואַלד מיט אַ גרויע פֿליסיגקײַט. טאָג און נאַכט האָבען זיך צונויפֿגעמישט און שטילערהײד האָבען זײ זיך געראַנגעלט און געקעמפֿט; אײנער איז אין צווײטענס גבול אַרײַן, ליכט און פֿינסטערניש האָבען צווישען זיך אַ מלחמה געפֿיהרט; דאָס האָט די וועלט אַרום זיך געוואָלט בעפֿרײַען פֿונ׳ם פֿינסטערען קאָשמאַר, וואָס האָט ווי אַ שווערע פּרעס אויף איהר האַרצען געדריקט...

און מיט אַזעלכע רעיונות זענען אויך איצט איבערפֿולט געווען די מוחות פֿון די צוויי חברים, וועלכע זענען שטילשווײַגענדיג מיט טיעף-פֿערטראַכטע אויגען געזעסען אײנער נעבען צווײטען אויף אַ בריטען אונטערגעזעגטען בוים-שטאַם און געוואַכט פּאַסענדע ווערטער זײער געשפּרעך אָנצוהויבען.

— אָבער אַזוי אומגערילט! — האָט דוד ענדליך איבערגעריסען

די שפיליקייט — אזוי אומגעריכט!... וואלטסטו מיר געוועזן חוזיש די ברייוועל שרייבען.

— אומגעריכט. כ'האב עס אליין נישט געוואוסט...

— און דו האסט גלייך מסכים געוועזן?

א ברירה האב איך געהאט? מ'האט אין „הויף" די קאטש געשפאנט און געהייסען, כ'זאל מיך גרייטען אין וועג אריין...

— און האסט געפאלגט?...

— ווערסט דאך...

— וואס הייסט?... און די פלענער דיינע, וואו זענען? און די ביכער? און דיינע פאנטאזיעס און שטרעבונגען?... געדענקסטו, מרדכי'לע, יענע זומער-פארנאכטען, ווען כ'פלעג דיך דארט אין חאשטשין אונטער דער שטארט אבווארטען, אינ'ם טונקעלען בין-השמשות פלעגסטו זיך פון בית-המדרש ארויסגנב'ענען, פערקירעווען דורך הינטער-גאסען און דארט אויפ'ן פעלד זיך מיט מיר בעגעגענען?.. געדענקסטו — און ווי לאנג איז עס דען? — מיט וואס פאר א ערביטערונג די פלעגסט דאן רעדען וועגען „הויף" און וועגען „הויף-לעבען", און די הארטיגע התנהגות... ווען דו פלעגסט פאר מיר דיין הארץ עפענען, ענטפלעקען דיינע אינערליכע ליידען און דערצעהלען וועגען דיינע שטרעבונגען אין דער צוקונפט, דיינע האפנונגען וועגען דער נאהענטער צייט, ווען דו וועסט מיט א מאל זיך בעפרייען פון די „הויף"-קייטען און לעבען מיט אייגענעם ווילען און אייגענעם פערשטאנד, געדענקסטו אט יענע זומער-פארנאכטען?...

— מאכסט מיר פאריוורפע? דו בעשולדיגסט מיך?

— ניין, כ'בעשולדיג נישט, נאר כ'בעדויער דיך, און נישט דיך אליין, נאר פיעל, פיעל אזעלכע, ווי דו. ס'איז דער גורל פון אונזערע מייסטענס פויליש-חסידישע בחורים... עס בליהט די יוגענד, מען קריכט ארויס פון די אייער-שאלעכטס, ס'עפענען זיך די יונגע אויגעלעך און מען קוקט זיך אויף גאט'ס ליכטיגע וועלט ארום... און די וועלט ווייזט זיך אזוי שען, די צוקונפט בלישטשעט פון דער-ווייטען אזוי ליכט-פארביג!... וויעגט זיך דאן די יוגענד אין זיסע ליעבע חלומות, שוועבט אין א וועלט פון שענע פאנטאזיעס, און פון די פאנטאזיעס ווערט אנ'אידעאל געבוירען... פאנטאזירט מען, חלומ'ט מען, לעבט מען מיט'ן שענעם אידעאל און מ'בויט זיך שלעסער אין דער הויך, ביז... א שרעק ווייזט זיך אין דער טהיר, מען

שפאנט-אײַן די בריטשקע און מ'פֿירט דעם יונגען פֿאנטאזיאָר איפֿ'ן מארק אַוועק, וואו עס ווערען צווײ ווילד-פֿרעמדע קינדערן פֿערשלײַערט, פֿערקויפֿט פֿאַר אַ ביסעל גאָלדענע צירונג, מיט לעקעך און בראַנפֿען פֿערביסען... און — פֿערשוואונדען די גאָלדענע יוגענד מיט אידרע זיסע חלומות, שענע פֿאַנטאזיעס און ליכטיגער צוקונפֿט... און אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומגעריכט!...

די צווײ חברים האָבען זיך פֿון זײער געזעס אויפֿגעהויבען און מיט לאַנגזאַמע טריט זיך געלאָזט געהן אין טיעפֿען וואלד. דער גרויער פֿרימאָרגען איז אַלץ העלער און קלאָרער געוואָרען.

דוד האָט ווײַטער גערעדט:

— און זעה, געליטען האָסטו, שטיל פֿאַר זיך די לײַדען איבערגעטראָגען. געליטען מיט דער האָפֿנונג, דאָס אַ מאָמענט וועט קומען און פֿון אַלעם וועסטו זיך מיט אַ מאָל באַפֿרײַען, אַ פֿרײַ זעלבסטשטענדיג לעבען אָנהויבען צו פֿיהרען, און איצט?... געקומען איז דער מאָמענט — און שוואַך מיט אראָבגעלאָזענע הענד ביזטו געבליבען שטעהן. געשוועבט האָסטו ביז איצט אין אַ וועלט פֿון שענע חלומות און פּלוצים ביזטו געבליבען מיט אונטערגעהאַקטע פֿליגעל... וועגען מוטה און העלדישקײַט האָסטו געטראַכט און האָסטו זיך מיט דער ווירקליכקײַט באַגעגענט — איז דאָן אַלעס צו נישט געוואָרען, פֿערשוואונדען. די הענד האָבען זיך בײַ דיר נישט געהויבען... אונטערגעגעבען האָסטו זיך, דער אײַזערנער ווילען פֿונ'ם „הויף" האָט דײַן אײַגענעם באַשרענקט. וואָס זשע שטעהט דיר איצט אין דײַן צוקונפֿט פֿאָר? אַ פֿערמאַסקירט לעבען, מרדכי'לע, וועסטו פֿון איצט מוזען פֿיהרען, געצוואונגען וועסטו זײַן צו שפּיעלען אַ „הויף"-ראָלע, אַזעלכע, וואָס איז דער היפּוך פֿון דײַנע איבערצײַגונגען, מיט אַ פֿרום כשר'ע מינע וועסטו רעדען אַזעלכעס, וואָס אין האַרצען טראַכסטו פֿערקעהרט... און ווער ווײסט? איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועסטו דאָך אויך מן הסתם די רבי'שע שטול ירשנ'ען: דו וועסט די „גאָלדענע קײט" פֿון דער דינאַסטיע צוהאַלטען פֿון נאָהענט און ווײַט וועלען חסידים קומען, אונטער דײַנע פֿליגעל זיך באַשיצען און אַ ברכה פֿון דיר נעהמען. ווײַבער וועלען דיך מטריד בעלעגערען מיט די „קוויטלעך" און „פּדיונות" און די הענד — דו זאָלסט זיי פּרנסה און קינדער געבען, אַ „גוטער יוד" וועסטו זײַן, און אײַנזעהן אין דײַן האַרץ?... אַלײן וועסטו אין זיך נישט

גלויבען און װעלען װעסטו, דאָס אַנדערע זאָלען אין דיר גלויבען... האָסטו דען אַלײן מיר נישט אַמאָל אָנגעװיזען אויף אַ גאַנצען צעטעל פון יונגע „גוטע יודען", װאָס אין דער יוגענד זענען זײ משכילים געװען, און אײנער פון זײ — האָסטו מיר דערצעהלט — האָט אין אַ געװיסען אָרט אַ פערשלאָסען שאַפקעלע מיט ביכער געהאַט... און איצט, נאָך דער פטירה פון זײערע עלטערען, האָבען זײ דאָס התמנות איבערגענומען און זענען די פאַסטוכער פון די שאָף געװאָרען... און דו? — װעט דען נישט דײן גורל, מרדכי'לע, דער זעלבער זײן?...

ער האָט שטיל געשװיגען. אַ שטיק צײט זענען זײ אַזוי אין די דאָזיגע שװער־שװײגענדע פאָזע געגאַנגען לאַנגזאַם, װאַלד־אויף, װאַלד־אַב. ענדליך האָט מרדכי'לע די שטילקײט איבערגעריסען:

— אַזוי האָט עס געמוזט זײן, דוד. איך האָב נישט געקאָנט אַנדערש. דו דאַרפסט מיר, דוד, פערשטעהן... געליטען האָב איך די לעצטע צײט, אומענדליך געליטען, געשראָקען האָט מיך דער שיקואל, װאָס דער „הויף" האָט זיך געגרײט אויף מיר אַרויפצולעגען. איך האָב געליטען, געגרײט האָב איך זיך פעסט געגענצושטעלען, געװען מאָמענטען, װען איך האָב אָנגענומען אַ פעסטען בעשלוס די קײטען צו צורײסען און זיך ניט אונטערצוגעבען... נאָר געװאַקעלט האָב איך זיך פאָרט צװישען יאָ און נײן... איך האָב ניט געװאָלט קײן בלינדער פאַנטאַזיאָר זײן: אײנגעזעהען האָב איך, אַז דער שריט, װאָס כ'װעל מאַכען, װעט מיר קײן נוצען ניט ברענגען. „װאָרום שטעל דיר פאָר, דוד: איך װאָלט אָנגעהויבען אַ קאַמפף... ע, און װאָס? און װאָס, מישטײנס־געזאָגט, װאָלט דער קאַמפף בעשטאַנען? אויף אַרויסצורײסען זיך פון „הויף" און אָנהויבען פיהרען אַ פרײ לעבען, לויט אײגענעם װילען און איבערצײגונג, דאָס, װעסטו דאָך מיר מודה זײן, דוד, איז בײ מײנע איצטיגע אומשטענדען, װען איך געפין זיך אין „הויף" און אין זײן סביבה, פשוט אונמעגליך. אַװעק־פאָהרען, זאָגסטו? אַנטלויפען? — װאוהין? און װאָס װעל איך אין דער פרעמדער שטאָדט טהון? — נעהמען זיך דאָרט צו בילדונג, צו קענטנים? פון װאַנען װאָלט איך אָבער, ראשית, די מיטלען דערצו גענומען? און צװײטענס, װײסטו דאָך, דאָס די השפעה פון מײן פאָטער איז אין אַלע גרעסערע שטעדט פון פוילען פערשפרײט. אומעדום זענען זײנע חסידים פאַראַן. תיכף װאָלט די זאַך מפורסם

געוואָרען, אונגעהויערע חרפּות און בושות וואָלט דאַן דעם „הויף“ און מיר פֿאַרגעשטאַנען, פֿערגרעסערט וואָלט דאָס נאָך מיינע שמערצען און די שמערצען פֿון מיין פֿאָטער, דער רבי. האָב איך דען געקאָנט טהון אַזעלכעס?

— היינט וועגען וואָס פֿאַר אַ „קאַמפּף“ רעדסטו? צו דען רעכענסטו פֿאַר אַ „קאַמפּף“ דאָס, וואָס איך וואָלט זיך איינגעשטעקט, דאָס איך וויל ניט דעם שדוך טהון?... איז וואָס וואָלט דערפֿון אַרויסגעקומען? איך וואָלט זיך אַרויסגערעדט און אָבגעשטופּט נאָך אַ האַלב יאָהר, צו אַ יאָהר, צו אַפּילו צוויי — וואָס דאָס איז גאָר אַפּילו לגמרי אין „הויף“ אונמעגליך — נו, וואָס וואָלט דאַן געווען? פֿריהער מיט אַ האַלב יאָהר, צו־שפּעטער, איך וואָלט דאָך פֿאָרט, ווען עס איז, זיך געמוזט אונטערגעבען און אין אַ „הויף“ אַריינפֿאַלען, וואָס זשע וואָלט איך פֿונ'ם „קאַמפּף“ אויסגעשפּיעלט?..

— און איך מוז דיר זאָגען, דוד, — האָט מרדכי'לע נאָך אַ קורצען שווייגען ווידער געווענדעט זיך צו זיין חבר — עטליכע מינוטען נאָך ווי איך האָב היינט דעם רבי'נס טאָכטער, רבקה'לע, געזעהען, און, דוד, ווי זי האָט אויף מיין האַרץ געווירקט! איך פֿיהל, ווי איך בין געוואָרען אין איין מינוט צו איהר פֿעסט צוגעבונדען...

די צוויי חברים זענען אַ ווייל'ע געבליבען שטעהן פֿערטראַכט, יעדער האָט זיך אין זיינע איינענע מחשבות פֿערזונקען... דער פֿריהמאָרגען איז שוין אַ העלער און ליכטיגער געווען. שטיל־שווייגענדיג האָבען זיך די צוויי חברים צוריק וואַלד־אויס געלאָזט געהן, ביים וואַלד־גרענעץ האָבען זיי זיך שטיל געזעגענט און פֿעסט די הענד געדריקט:

— ווי שען זי איז, דוד, ווי צאַרט!... איך ליעב זי...

XI.

..היים, אהיים...

דער עולם איז היינט, נאָך דער תנאים־נאַכט, אויפֿ'ן ווייסען טאָג פֿערשלאָפֿען, און האָט ווער די אויגען געעפֿענט, איז ער גלייך

מיט זריזות פון געלעגער אראב און אין „הויף" צוגיין, זיך צו דער נסיעה צו־אײַלען.

און אין „הויף" גערעדט ערשט אַלץ צו בחשוונדיג: ס׳איז אוועק די נעכטיגע מנוחה, פערשוואונדען די שמחה־שטראהלען פון די אויגען. א וואלקען פון דאגה איז שוין איצט אויף די פנימער צו בעמערקען. מהאט זיך איבערגעטהון פונ׳ם יום־טובדיגען מאנטעל און צוריק אריין אין גראָען וואכעדיגען לבוש, פערקנייטשט די שטערענס. אין די אויגען — עצבות, אויף די הערצער האט זיך א שווער געמיט צולעגט, און אין די מוחות ענגבערען קליינע וואכע־דיגע מחשבות. ווארום יעדער יוד, יעדער חסיד, בשעת ער איז פון דערהיים ארויסגעפאהרען און איז צום רבי׳ן אוועק, האט ער מיט זיך אויף דער נסיעה א שווער פעקעל מיט־גענומען, א פעקעל מיט דאגות, וואס עס האט זיך ביי איהם דארט אין דער־היים, אין קרענק, אנגעקליבען, צום רבי׳ן איז ער געפאהרען דאס פעקעל דאגות אויס־שיטען און א טרייסט, אנערלייכטערונג, אויף זיי צו געפינען. און איז נאר דער שבת מיט דער שבת׳דיגער מנוחה אוועק, איז ער פון עולם־האצילות, פון דער העכערער וועלט, צוריק אויפ׳ן עולם־השפל, אויף דער וואכעדיגער וועלט אראב — האט ווי א שווערע משא דער פאק דאגות גענומען אויפ׳ן הארצען דריקען... דער חסיד, וואס נעכטען [illegible] אייער־נעכטען האט איהם פשוט מקנא געווען; קע־נענדיג [illegible] זיין שיינענדיג פנים, אויף וועלכען ס׳איז די מינדעסטע זארג ניט קענטיג געווען, זעהענדיג זיין גאנצען יש, וואס האט זיך נעכטען און אייער־נעכטען אזוי לייכט און לוסטיג צו א טענצעל געהויבען, הערענדיג זיינע חסידיש־גלייכווערטעלדיגע שטעמלעך, — האט דאן אודאי געטראכט: ניט אנדערש, אז דער יוד, דער חסיד, איז מיט אלעם גוטען בעזארגט און ער מיט זיין ווייב און קינדער [illegible] זיך אין וואויל־טאג באדען... מהוי׳זשע נאר איצט א קוק: די שמחה־יתירה האט איהר נעכטיגע און אייער־נעכטיגע נעמט איינ׳ס חסיד פערלאזען, און פון איהם איז איצט א גל של עצבות געווארען... די התלהבות־חסידות פייערלעך וואס נעכטען און אייער־נעכטען האבען זיי זיך אין חסידים אויגען געלויכטען, זענען איצט פערלאשען געווארען, מיעד און מאט איז זייער איצטיגער בליק; א צובראכענעם גוף זעהסטו איצט פאר דיר — ניט צו גלייבען, דאס דער זעלבער שווערער, מיעדער גוף, האט נעכטען און אייער־נעכטען

אזוי לייכט און גרינגמוטהיג א רקודל געהאפקעט!... — שווער און מיעד זענען איצט די פלייצעס געבויגען, ווי אונטער א שווערען יאך געדריקט. און זעה נאר: אין זיין רעדען, אין זיינע שמועסען, אין דער טאן איצט אזא ערנסטער, אזוי קרעמעריש-וואכעדיג און אזוי פיעל עצבות איז אין זיי אויסגעגאסען...

און אויך אלין אין „הויף" און ארום איהם ליעגט איצט דער סטעמפעל פון וואכעדיגקייט: א וואכעדיגער תפלה-נגון, דרינגט פון די בית-המדרש פענסטער ארויס, חסידים אין טליתים און תפלין איינגעהילט, ליפען איילענדיג אויף און אב אינ׳ם בית-המדרש ארום און „יאגען" דאס דאווגען אב...

איילענדיג ליפען חסידים מיט די טלית-ותפלין-זעק אונטער די ארעמס אהין אויף די סטאנציעס אוועק, שטעהענדיג נעהמט מען עפעס אין מויל אריין, אט אזוי נאר בלויז טועם געווען, אבי יוצא צו זיין, און מען נעהמט זיך די פעקלעך מיט די קלימעקלעך אין וועג אריין פאקען.

ערנסט, פערדאגה׳ט, שטופט זיך איין חסיד נאכ׳ן צווייטען אינ׳ם קליינעם בית-המדרש׳ל אריין. ביי דער שוועל פון טהיר בינדט זיך יעדער ערנסט די גארטעל איבער, פרום רוקט ער טיעפער אראב די יארמולקע אויפ׳ן קאפ און גלייך לאזט זיך יעדער צום גרויסען טיש, וואס שטעהט נעבען פענסטער, נעהמט א ווייס ביינעלע פאפיער פון קעשענע ארויס, פערטראכט זיך, זאמעלט די מחשבות מיט דעם פעקעל דאגות צונויף און פערטיעפט זיך אין „קוויטעל" שרייבען... און נישט אזוי געשווינד קומט א פארטיג קוויטעל ארויס. ווארום געשריבען און געמעקט ווערט, געשריבען און צוריסען, ביז מען געפינט דעם ריכטיגען אויסדרוק, דאס פאסענדע ווארט, ביז דאס „קוויטעל" ווערט ראוי אין רבינ׳ס האנד אריין דערלאנגט צו ווערען.

און יעדער, וואס ווערט מיט׳ן „קוויטעל" פארטיג, שטופט זיך צו צו דער טהיר, וואס פיהרט אין רבינ׳ס חדר אריין, אונגעדולדיג ווארט ער ביז דער משמש וועט זיך איבער איהם מרחם זיין און פאר איהם די טהיר עפענען אין רבינ׳ס חדר אריין „געזעגענען" זיך און דאס הארץ אויסגיסען...

און אין רבינ׳ס געסעל, נעבען די טהירען פון די „סטאנציעס" שטעהען ברישקעס און פוהרלעך אויסגעשטעלט, חסידים מיט די

דיזע-פּעקלעך חאַפּען זיך פערקאַפּעטע אויף די בריטשקעס, טיילען לעצט-געלדער אַרום און פאָהרען צו דער באַהן...

חסידים איילען, לויפען, פערטאַראַראַמט, צוטראָגען, די בעלי-אכסניות שטעהען פאַר די טהירען גרייט, מיט די חשבונות און בליי-פעדערס אין די הענד, די הימלען אָן אַ זייט פערדוקט און קאָנען זיך אַליין ניט אויס'חשבונ'ען, שאַרף קוקען זייערע אויגען אויף די בריטשקעס מיט די חסידים, שטעלען זיך אָן אויף יעדען חסיד און טראַכטען נאָכאַמאָל דעם חשבון איבער...

עס ריהרען זיך די בריטשקעס. משה מרדכי דער אַלטער משמש, וואָס לעבט פון די „לעצט-געלדער", לויפט די בריטשקעס נאָך און זינגט זיך, האָט פּרעטענזיעס, וואָס מ'האָט איהם נישט גוט בע-פרידיגט...

און אָט לאָזט זיך פון „הויף" אַרויס אַ שען-געשפּאַנטע קאַ-רעטע, דעם רבינ'ס קאָטש. נאָך זיי נאָך עטליכע קאַרעטעס: דער מחותן, דער חאָשטינער רבי, פאָהרט מיט זיינע מקורבים און חתן אַליין, מיט די „הויף"-מקורבים בעגלייט, און חסידים לויפען די קאַרעטעס נאָך...

פונ'ם פענסטער פון דער רביצינ'ס צימער קוקען צוויי פּאָר אויגען אַרויס, ליידען און בענקשאַפט זעהען אין די דאָזיגע אויגען אויסגעגאָסען. דאָס זעהען די אויגען פון דבורה'לע און רבקה'לע, וואָס בעגלייטען מיט זייערע בליקען די, וואָס זעהען זיי נאָהענט און טייער...

אויף איינע פון די בריטשקעס, צווישען עולם חסידים געפּאַקט, זיצט דוד. זיין פּנים איז פערפלאַמט, די בליקען פון די אויגען וואַרפען זיך דאָ אויף געגענאיבערדיגער רבי'שער קאַרעטע, אין וועלכער ער בעגעגענט זיך מיט מרדכי'לעס אויגען, און דאָ — צום פענסטער, וואו עס זעהען אַ פּאָר וואַרימע בליקען אויף איהם אויסגעשטעלט...

— וויאָ!...

— זייט געזונד!...

— פאָהרט געזונטערהייט!...

און דאָס קליינע שבת'דיגע וועלטעל, אין וועלכען יודען האָבען מיט איין נשמה געלעבט, צונויפגעבונדען, צוגעטוליעט און איינס אין צווייטען בעהעפט, איז איצט צוריסען און דערווייטערט געוואָרען: יעדער מיט אַנדערע רעיונות, מיט אַנדערע מחשבות, יעדער אין אַנ-

אַנדערע הײם אַוועק, פֿרעמד און דערווײטערט, יעדער פֿאַר זיך, יעדער באַזונדער...

אַהײם, אַהײם...

* *

*

שטיל האָט דאָס לעבען אין די „הײפֿען" געפֿליסט. די בריטש־קעס האָבען חסידים פֿון דער באַהן געבראַכט און צו דער באַהן גע־פֿיהרט. אַלץ איז געגאַנגען מיט זײן נאַטירליכען וועג און געדאַכט האָט זיך: אַזוי דאַרף עס זײן, און אַזוי דאַרף זיך פֿיהרען... יודעל דער קװיטעל־שרײבער האָט אײן בױגעלע פּאַפּיר נאָכ׳ן צווײטען צושניטען און געשריבען אויף זײ די בקשות און פֿערלאַנגען פֿון די דערשראָקענע און נידערגעשלאָגענע ווײבער. געשריבען און געבײ־זערט זיך, געצויגען די לולקע און געקרעכצט, אַז ס׳איז נישט הײנט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַמאָל איז אַנדערש, גאָר עפּעס אַנדערש געוועזן... משה־מרדכי, דער אַלטער „אויסגעדיענטער" משמש האָט זיך טאָג נאָך טאָג אויף און אָב איבער׳ן הויף געדרעהט, געברומט און עפּעס אונצופֿרידענע חשבונות געמאַכט, אַרײנגעחאַפּט זיך יעדעס מאָל אין דער רביצינ׳ס קיך, געקוקט מיט זײנע דורכדרינגענדע שאַרפֿע אויגען און בײ יעדער סקריפּערײ פֿון אַראָד, וואָס ס׳האָט זיך געהערט פֿון דרויסען, פֿלעגט זיך משה־מרדכי אַ חאַפּ טהון, אַרויסלויפֿען פֿאַר׳ן טויער און קוקען אַרום זיך מיט מאָרנע הונגע־ריגע בליקען, צי זענען נישט קײן פֿרישע חסידים געקומען, און פֿלעגט ער דערזעהען, דאָס ער האָט אַ טעות געהאַט — איז ער בײז און צאָרנדיג געוואָרען, פֿערשטעקט די הענד אין די אַרבעל, און הין און צוריק, הין און צוריק, פֿלעגט ער איבער׳ן הויף אַרומגעהן און ברומען און צאָרנען און עפּעס אונצופֿרידענע חשבונות מאַכען...

און טאָג נאָך טאָג איז דבורה׳לע שעה׳ן־לאַנג בײם פֿענסטער געזעסען, געקוקט אויפ׳ן ווײטען ברײטען פֿעלד, וואָס פֿיהרט אין וואַלד אַוועק, און נאָכ׳ן וואַלד ציהט זיך אַ לאַנגער, לאַנגער שאָסײ, און געטראַכט און פֿאַנטאַזירט, פֿערטיעפֿט זיך אין נאָהענטע ערינערונ־גען און הײמישע בילדער און איהר האַרץ האָט געצאַפּעלט און גע־בענקט: וואָס וועט ווײטער זײן? וואָס וועט ווײטער זײן?...

און טאָג נאָך טאָג איז רבקה׳לע אין נאָהענטען צימער בײם צווײטען פֿענסטער געזעסען, גענעהט ווײסע העמדעלעך פֿאַר קינדער פֿון אָר־

מע אלמנות, און יעדעס מאל איז איהר נאדעל געבליבען שטעקען אין דער הויזער ליוואנד אין א מיטען נישט-דורכגעצויגענעם שטאך, און זיך פערטראכט, פערמאכט האלב די אויגען און געחלומ'ט אין דער וואך...

און געזעסען איז לייבעלע דעם רבינ'ס אין זיין חדר-מיוחד ביי אן אפענע גמרא, אדער א חסידיש ספר, געלערנט זיין שיעור און דאס קול איז שוואך און פיל מיט צער געווען, ווען-ניט-ווען פלעגט דאס קול פלוצלונג ווערען שוואכער, שוואכער און אינגאנצען אנט-שוויגען ווערען. לייבעלע פלעגט זיך דאן פאמעליך, ווי ראנגלענדיג זיך מיט די געדאנקען, אויפהויבען פון זיין ארט, בלייבען שטעהן א ווייל ווי פערצווייפעלט און צוגעהן צום פענסטער, לאנגזאם, פער-גנב'עט ארויסשטעקען דעם קאפ און חאפען א בליק אהין צום פענ-סטער, ביי וועלכען ס'זיצט זי... זיין דבורה'לע. דערנאך פלעגט ער זיך צוריק אויף זיין ארט צוזעקוועצען, אנשפארען דעם קאפ אויף דעם אפענעם ספר און אזוי ארויסלאזען: וואס ווערט ווייטער זיין? וואס ווערט ווייטער זיין?...

שטיל האט דאס לעבען אין די „הויפען" געפליסט.
ס'איז בין השמשות-צייט.

XII.

זלמן דעם מילנער'ס.

נאך דעם לאנגען הייסען זומער-טאג איז א קיהלער פאר-נאכט געקומען. די איינוואהנער פון שטעטעל חאשטשין האבען מארק און שטוב פערלאזען און זיך פאר די טיהרען געזעצט. אנגעהאר'ע-וועטע בעל-הבתים און בעלי-מלאכות טוליען זיך אין קרעכצענדיג צונויף, שטרעקען די בריסטען אויס, האלטען די מיילער אפען און זויגען „פרישע לופט"... חדר-יונגלעך דראפען זיך אויף ביימער, מעדלעך נעהמען זיך אן ביי די הענד און געהען רעדליך... דארט ווייט אינ'ם געסעל, וואס פיהרט צום וואסער אראב, שפאצירען יונגען", בעלי-מלאכות, מיט די וואולגארישע בעלי-מלאכה'שע הי-

טעלעך און לייכטע זומער-שטעקלעך און טשעפּען זיך צו די מיידלעך, וואָס געהען פאַר זיך אויפֿין געגענאיבערדיגען טראָטואַר און ווייסען נעבעך פֿון קיין זאַך ניט.

אין איינע פֿון די דאָזיגע געסלעך שפּאַצירט איצט מרדכי'לע דעם רבינ'ס זוהן, פֿאַרזיכטיג שפּאַנט ער איין טריט נאָך צווייטען, געהענדיג בעשיצט ער זיך אין די פֿינסטערע נאַכט-שאָטענס פֿון די ווענד, פֿון די בוימער. ער מיידט-אויס ניט צו בעגעגענען זיך מיט קיינעם, ער היט זיך פֿאַר אַ פֿרעמדער אויג... וואָרום וועה-וועה — ווייסט ער — וועט זיין, אַז מען וועט זיך דערוויסען, וואוהין ער געהט דאָס איצט, וואוהין ער געהט דאָס יעדען פֿאַרנאַכט און צו וועמען זיין וועג איז געווענדעט... דאָרט ווייט צווישען דריטען געסיל, סאַמע הינטער דער שטאָדט שטעהט אברהם מילנער'ס הייזעל, און אַ זוהן האָט אברהם מילנער, אַ בחור, הייסט ער זלמן, און אין שטעדטעל רופֿט מען איהם זלמן דער אפּיקורס... וואָרום זלמן איז אַ קענער, אַ היינטוועלטיגער, ליגט טאָג און נאַכט אין די ביכער, טראָגט אַ געפּרעסטען קאָלנער און טוט אָנגעטאָן אויף כפּרות — אַזוי זאָגט דאָס שטעדטעל. — נישט איין בחור האָט ער שוין פֿון דרך-הישר אַראָבגעפֿירט, ניט איין בית-המדרש'ניק האָט ער פֿון דער גמרא אַוועקגעריסען און אויסגעשטעלט איהם פֿאַר אַ „ליט“ — אַז זיין נאָמען מעג זיך שוין דערבאַרימען!... און דערפֿאַר טאַקי לעגט דאָס שטעדטעל אויף איהם די תוכחה, טאַטע-מאַמעס שעלטען איהם מיט טויטע קללות, אויף אַלע ווייסטע און פּוסטע פֿעלדער — אַזוי זאָגען די דאָרטיגע משכּילים — זאָל דאָס פֿאַלען!...

און זאָל אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע געוואָר ווערען, דאָס זייער קינד, זייער בחור, חבר'ט זיך מיט זלמנ'ען — וועה וועט שוין דאַן צו זיינע יאָהרען זיין!...

און זעהט איהר דאָך, דעם יצר-הרע'ס כח איז אַזוי גרויס, האָטש מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז טאַטע-מאַמע וועלען ניט שאַנעווען, און אַז די שטאָדט וועט געוואָר ווערען — וועט דאַן גאָר נישט הייםליך זיין. פֿונדעסטוועגען לאָזען זיך בחורים און בית-המדרש'ניקעס אויף קידוש-השם, און אין די טונקעלע זומער-פֿאַרנאַכטען, ווען עס ווערען די גמרות פֿערמאַכט, פֿערבלאָנדזשען זיי אַהין אין יענעם הייזעל, וואו עס זיצט זלמן דער אַפּיקורס ביים אָפֿענעם פֿענסטער אין אַ ביכעל פֿערטיעפֿט און ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿערברענגט

מען הערט, גאט ווייס אין וואס... ביכער לייענט מען, ליעדער זינגט מען און וכוחים פירט מען וועגען פאנאטיזם און פינסטערניש, וועגען ליכט און פרייהייט און וועגען די גרויסע שטערט, וואו עס לעבען גרויסע מענשען...

און א שאפקע האט זלמן דער אפיקורס מיט אסך ביכער. יעדע נאכט, ווען די חברים און זלמנ'ס הויז צושיידען זיך, טיילט זיי זלמן ביכער איין, געלעזען ווערען די ביכער אין דערהיים, אין די אלקערלעך, שפעט ביי נאכט, ביי קליינע לאמפ-פלעמלעך, ווען אויף אלע אין שטוב איז א טיעפער שלאף אויסגעגאסען, און פאר-טאג, אין די בעטען ביי דעם שיין פונ'ם אויפגעהענדען פרימארגען... פארנאכט ווערען די אויסגעלייענטע ביכלעך אונטער די פאלעס גע-טראגען אהין, צו זלמן אפיקורס'עס הייזעל, וואו זיי ווערען אויף נייע איבערגעביטען...

מרדכי'לע דעם רבינ'ס איז צום הייזעל צוגעקומען און און א שייבעל פון פענסטער אנגעקלאפט.

טיהר און פענסטער זענען אפילו געווען אפען, נאר א מנהג האט ביי די חברים, די בית-המדרש'ניקעס און בעהאלטענע משכילים עקזיסטירט, דאס ביים אריינגעהן צו זלמנ'ען אין הויז, זאלען זיי פריהער פארזיכטיג אין פענסטער אנקלאפען, צו דערוויסען זיך, אויב מ'געפינט זיך ניט אמאל דארט גראד עמיצער פון די שטאדט-לייט, וואס איז מכח געשעפט צו ר' אברהם מילנער געקומען, און דאס געהיימניס וועט — גאט זאל אויסהיטען! — ענטפלעקט ווערען...

און באלד האט זיך אין פענסטער מענדעל דעם שוחט'ס קאפ בעוויזען און פריינדליך געגריסט:

— גוט ג'אווענד, מרדכי'לע.

און אין דער טיהר איז שוין זלמן מיט נאך עטליכע חברים געשטאנען און זענען צוזאמען מיט מרדכי'לען אין אלקיר אריין.

אויפ'ן קליינעם טישעל, וואס איז געשטאנען נעבען פענסטער, אויף די שטוהלען און בענקלעך, און אויפ'ן בעטעל זענען בחורים געזעסען, ווער אינגאנצען אויסגעצויגען, ווער נאר מיט איין פוס אנגעשפארט און פערטיעפט געווען אין ביכלעך, אין א בלאט-צייטונג, וואס דריי האבען צוזאמען געלייענט.

אברהם דער מילנער איז געזעסען ביים פענסטער אין דער צווייי

טער שטוב אנטקעגען דער אפענער טיהר פון אלקיר, בנעימות א ציגאר געראַיכערט און זיך מיט דער קיהלער לופט געקוויקט.

א „נאַש-נראַט" איז אברהם מילנער, ער וועט קיינעם פון דער חברה נישט אויסגעבען. נישטא פאר איהם וואס מורא צו האבען, ער איז בחור-ווייז אויך נישט בעסער געווען, און אז ער האט צייט חאפט ער נאך היינט אויך אריין פאר'ן שלאף א פאר בלעטלעך פון א ביכעל...

אין אנפאנג האט זיך אפילו מרדכי'לע געשראקען פאר אברהם מילנער, א קשיא אויף א מעשה!... נאר אז דער מילנער האט דאס בעמערקט, האט ער געוואלט פון זיך יעדען חשד אראבווארפען, און אז ער פלעגט דערזעהען מרדכי'לען אריינקומען, פלעגט ער איהם גלייך בעגעגענען מיט דעם פיינסטען ברוך הבא...

— גוט נ'אווענד, מרדכי'לע — האט די גאנצע חברה, צווישען זיי אויך דער מילנער, איצט אויסגעשריען.

— ס'איז דא א בריעף פאר דיר.

— א בריעף? פון וועמען?

— פון ווארשא... פון דוד גלאזמאן...

— א בריעף?

מרדכי'לע איז אריין אין אלקיר, אוועקגעזעצט זיך אויף א שטוהל נעבען פענסטער און דעם דערלאנגטען בריעף פון קאנווערט ארויסגענומען:

ידידי היקר והנחמד, המשכיל והנבון, וכ"ו וכ"ו, שלום!

ראשית הידיעה, היא הבריאה וכ"ו. והנה איך האב נאר-וואס ערהאלטען א בריעף פון דיין מחותנ'ס „הויף". דבורה'לע דעם רבינ'ס שנור האט מיר דעם בריעף געשיקט, אין וועלכען זי גיסט פאר מיר אויס איהר האר'ץ אין בענקשאפט און איהר ווילען זיך ארויסצורייסען פון „הויף"-לעבען...

די צווייטע וואך קומט זי קיין ווארשא, און אום נישט צו דערוועקען אין „הויף" א חשד מיט איהר אומגעריכטער רייזע, ווייזט זי זיך די גאנצע צייט ווי שלאף און די רביצין אליין זאגט, דאס זי זאל קיין ווארשא פאהרען צו א דאקטאר, וואו זי וועט שוין אגב פערברענגען א קורצע צייט ביי איהרע עלטערען. בעגלייטען קיין ווארשא וועט זי די יונגע שוועגערין, רבקה'לע, דיין כלה...

מרדכילע אהובי, געוויס געדענקסטו דאך אונזער געשפרעך דאמאלס אין דער תנאים-נאכט, אין גארטנער וואלד, און מיין מיינונג, וואס איך האב לפי השערה געגעבען וועגען דיין צוקונפטיגער פרוי... איצט בין איך דיר מודה ומתודה, דאס איך האב א טעות געהאט. זי איז לגמרי גארנישט ענליך צו די, ווי איך האב זיך פארגעשטעלט א רבישע טאכטער... ווי נאאיוו און צארט! ווי ערליך און פערשטענדיג! זי טראכט תמיד וועגען דיר און גארט דיך צו זעהען.

ליעבער חבר! ווענדאן אלע מעגליכקייטע, די זאלסט די צווייטע וואך, דינסטאג, ביום שנכפל בו כי טוב, קומען קיין ווארשא, וואו די אונערווארטעטע בעגעגעניש וועט איך געניסען פיעל פרייד פערשאפען...

ובזה בשלום וכ"ו.

אוהבך הנאמן

הי"ד.

עטליכע מאל האט מרדכילע איבערגעלייענט דעם בריעף און א שמייכעל, אין וועלכען ס'איז געווען גליק און האפנונג אויסגעמישט, האט זיך אויף זיין פנים בעוויזען. ער האט דערנאך דעם צונויפגעלעגטען בריעף אריינגעלעגט אין בוזים און זיך א פערטראכטער פונ'ם פענסטער ארויסגעבויגען.

א טונקעל-שווארצער נעבעל האט דעם בריטען וועג אין פעלד איינגעהילט, ווייט אראב פונ'ם געדיכטען וואלד בלישטשעט דאס לעצטע ביסעל רויטע ליכטיגקייט און ווערט וואס א מינוט אינ'ם טונקעלען נאכט-נעבעל פערזונקען. זיינע זינגען זענען אין דער ווייטער אונענדליכקייט געווענדעט, צו'ס אונבעוואוסטע בענקשאפט, וואס ווייסט נישט נאך וואס און וואוהין, נאגט זיין הארץ. שטיל און פאמעליך בעוועגט זיך זיין ברוסט און קלאפט..

פערצווייפעלט איז ער די לעצטע צייט געווען. דריי וואכען זענען שוין פון זיינע תנאים אריבער. מעהר ווי תמיד האט ער זיך די לעצטע צייט איינזאם און עלענד געפיהלט: צו זיינע געוועהנליכע אינערליכע ליידען, איז נאך עפעס צוגעקומען, אועלכעס, וואס פרעסט זיין הארץ, מוטשעט און ערגערט און זאגט ניט וואס... און איצט? דאכט זיך, אז אין איין מינוט האט זיך פאר איהם געעפענט א נייער האריזאנט, א ליכטיגער...

פֿאָהרען... ער וועט פֿאָהרען קיין וואַרשא, אין דער גרויסער שטאָדט, וואו קיין הונדערטער פֿרעמדע אויגען קוקען דיך ניט נאָך, וואו דיינע טריט ווערען ניט געהיט. דאָרט וועט ער זיך מיט איהר בעגעגענען. דאָרט וועט ער פֿאַר איהר זיין הארץ עפֿענען און אַלעס, אַלעס ענטפּלעקען... ווירקען וועט ער אויף איהר, איהרע מיינונג און פֿאָרשטעלונג וועגען איהם וועט ער בייטען. דערצעהלען וועט ער איהר וועגען וואָס ער האָט די לעצטע צייט אַזוי געליטען, וועגען זיינע האָפֿנונגען און שטרעבונגען אין דער צוקונפֿט... אַלץ וועט ער איהר דערצעהלען, זאָל זי אין איהם קיין טעות ניט האָבען... ניעשט מיינען זאָל זי, דאָס ער איז אויך איינער פֿון די „הויף“-מענשען, דאָס אַזאַ לעבען, ווי זייערס וועט ער שפּעטער, שפּעטער פֿיהרען...

אַנאַנדער לעבען וועלען מיר שפּעטער אין אונזערע צוקונפֿט פֿיהרען, ווייט פֿון „הויף“ און פֿון זיין איינפֿלוס וועלען מיר זיין, אַלעס, אַלעס וועט ער איהר דערצעהלען און ער וועט ווירקען אויף איהר, אודאי וועט ער ווירקען.

ער מוז פֿאָהרען, ער מוז זיך מיט איהר בעגעגענען...

אָבער ווי אַזוי? און דער „הויף“? און אַז דער „הויף“ וועט איהם פֿרעגען, וואוהין ער פֿאָהרט, וואָס פֿאַר אַ „געשעפֿטען“ האָט ער דאָרט אין וואַרשא?

ער האָט זיך טיעפֿער אַרויסגעבויגען פֿון פֿענסטער און אין דער ווייטער נאַכט געקוקט. פּלוצלונג האָט ער בעמערקט, ווי אַנטקעגענאיבער דעם פֿענסטער שפּרינגט עפּעס געשווינד אַ שאָטען אָב און ווערט נעלם צווישען די בוימער.

עפּעס אַ בעקאַנטע פֿיגור, דאַכט זיך איהם.

ווער זאָל דאָס זיין?

XIII.

איציקעל דער שפּיאָן.

איציקעל דעם רבינ'ס — האָט מען איהם אין „הויף“ און אין שטאָדט גערופֿען. נאָר „געחאַפּטע“ יונגע-לייט, בית-המדרש-משכילים האָבען איהם געקרוינט מיט'ן נאָמען: — „איציקעל דער שפּיאָן“.

איציקעל איז דעם רבינ'ס עלטערען ברודער'ס אַ זוהן. זיין פאָטער איז געוועזען דער ממלא מקומו פון אַלטען רבי'ן ז"ל. נאָך דער פטירה האָט ער די רבישע שטוהל געירשענט און אָנגעהויבען צו „פיהרען". כמעט דער גאַנצער עולם איז צו איהם געפאָהרען. נאָר נישט לאַנג האָט ער געפיהרט. ער איז אין עטליכע יאָהר אַרום נפטר געוואָרען, איבערלאָזענדיג אַ בן־יחיד איציקעל, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס קיין צוויי יאָהר נים אַלט געוועזען, און דער „הויף" איז איבערגעגאַנגען צום ברודער, דער האַשטינער רבי.

די אלמנה האָט בקרוב חתונה געהאַט מיט אַ רבי'ן פון „יענע קאַנטען", פון וואָהלינער געגענד הייסט עס, נאָר איציקעל איז ערצויגען געוואָרען ביים פעטער אין „הויף" און דאָרט פערבליבען.

אַ „ממזר'יש" קעפעל האָט איציקעל אויף זיך, אַזוי ריהמט איהם דער עולם, אייגעלעך — שאַרפע און דורכדרינגענדע, וואו מען זיהט איהם נישט — דאָרט וואַקסט ער...

צו לערנען האָט איציקעל קיינמאָל קיין צו־גרויסען חשק נים געהאַט, דערפאַר אָבער האָט ער פאַר „חסידות" וועלטען געקענט, און ווען ער איז אונטערגעוואַקסען, איז ער אין „הויף" דער גאַנצער „קאָבלעפעל" געוואָרען.

און וואו איז ער נישט, איציקעל? ער קאָמאַנדעוועט אין בית־מדרש מיט'ן עולם, שאַנעוועט נים יונג און אַלט, איז מיט יעדען אויף „דו" און פאַר אַליאַדע עפּעס שייגעצט ער יענעם — זאָל גור זיין יונג, זאָל ער זיין אַלט — גוט אויס, דאָס יענער טראָגט זיך געשווינד אָב בפחי־נפש און קאָן זיך ממש קיין אָרט נים געפינען...

שבת ביים „טיש"־פיהרען איז איציקעל דער גלאַוונער מחלק, דער כבודים־טיילער, קאָמאַנדעוועט מיט די „טיש־זיצער": טוישט איבער יעדען דאָס אָרט, דעם רוקט ער אַרויף, יענעם — אַראָב, איינגעב נעהענטער צום אויבענאַן, דעם צווייטען הייסט ער מוחל זיין און נעהמען דעם וועג אַראָב־צו... אַ „טיש־זיצער", וואָס איציקעל האָט אויף איהם, צוליעב עפּעס אַ מעשה שהיה, אַ קרום אויג געוואָרפען, ווערט איהם שוין איציקעל די יאָהרען דערקוטשען...

און ווערט אַמאָל, ווען דער עולם איז גרויס, אַ שטופעניש אַרום טיש און יונגע־לייטלעך, קעסט־איידעמלעך, עקשנ'ען זיך, וואָס נעהענטער צום רבינ'ס שטוהל זיך דערשטופען, מאַכט דאַמאָלס איציקעל מיט זיי קיין גרויסע געשעפטען נים — שמייסלען און

סאַמעטענע היטלען נעהמען פליהען איבער די קעפּ, איבערן בית-
המדרש און אַ מהומה ווערט צווישען די יונגעלײַטלעך, וואָס האַל-
טען זיך מיט די הענט די הילע קעפּ און לויפען ווי אָבגעבריהטע
איבערן בית-המדרש אַרום, די אבידות אויפזוכען, און אַ געמורמלערײַ
ווערט, נאָר בייזערן וועט זיך חלילה קיינער נישט. קיינער וועט
איציקלען חלילה קיין מוסר ניט זאָגען...

בײַם ווײַן-טײַלען איז איציקעל; בײַם געזעגענען — איציקעל;
ער איז דאַן אינוועניג אין רבינ'ס חדר, לויפט יעדעס מאָל צו צו
דער טיהר, וואו עס קומט-פאָר אַ שטופּעניש צווישען עולם, און
וואַרפט היטלען... לאָזט אַרײַן פריהער דעם, וואָס איז מעהר נושא-
חן ביי איהם, און דאַקעגען יענער, וואָס איציקלען געפעלט ער ניט,
מעג ער שוין פון זײַנעטוועגען אָבשטעהן חאָטש אַ האַלבען מעת-
לעת, ביז מען וועט זיך איבער איהם מרחם זײַן און אַרײַנלאָזען...

און וואו איז איציקעל נישט דאָ? זאָלן איז אויף זײַן קאָפּ, אומע-
טום זענען זײַנע אויגען. אפילו אין דער רביצינ'ס קיך פעהלט ער
נישט... אויף אַלעם גיט ער השגחה, פון אַלע נעהמט ער אָב דין
וחשבון און די גאַנצע „קיך" ציטערט פאַר איהם אימת מות...

אַ יודיש וואָרט נעהמט דער דאָזיגער איציקעל גאַנצע טעג
ניט אין מויל אַרײַן; אין אַ שען געשפּריצטען שלאָף-ראָק, אין
לײַכטע שוואַרצע זומער-פאַנטאָפעל, אין אַ סאַמעטען, רונדיג רבניש-
קאַפּעלישעל און אַ פּאַפּיראָס אַרײַנגעשטעקט אין אַ בורשטינענעם צי-
גאַרען-שפּיץ אין מויל — שפּאַצירט ער זיך אַרום גאַנצע טעג אין
„הויף", נישטערט מיט זײַנע מויזים-אויגעלעך אויף אַלע זײַטען,
לויפט יעדעס מאָל שנעל דאָ אין בית-המדרש, דאָ אין רבינ'ס
חדר, דאָ אין קיך. און זײַט זיכער — ער לויפט ניט גלאַט אומזיסט,
סתם-הסתם האָט ער שוין עפּעס דערשמעקט אַזעלכעס, וואָס עס טויג
איהם צו זײַנע עסקים...

און אַז איציקעל שפּאַצירט אַרום איפּן „הויף", שפּאַצירט
ער אויך ניט אומזיסט: יעדען חסיד, וואָס קומט איהם גראָד אַנט-
קעגען, נעהמט איהם איציקעל אונטערן אָרים, געהט מיט איהם
אויף און אָב, הין און צוריק איבערן „הויף"; אַ שעה און צוויי
קאָן ער אַזוי דעם חסיד אונטערן אָרים האַלטען, אויסשמועסען
זיך מיט איהם, אַלע געשעפטען איהם אויספרעגען,
אויסשמעקען און דערוויסען זיך יעדעס פּיצעל.

און איציקעל האָט טאַקי יעדען חסיד איבּ׳ן קאָפּ, ווייסט צוליעמענס סודות, קען יעדען דורך און דורך. ער ווייסט אפילו, ווי יעדען חסיד׳ס ווייב און קינדער הייסען...

כּמאַ׳ איציקלען איז קיין סוד נישטאָ, אלץ ווייסט איציקעל און — פיהרט אינטריגעס...

וואָרום אַ גרויסער חשוב איז איציקעל ביים פעטער, ביים רבּי׳ן; פאַר איהם איז שטענדיג די טיהר פון רבינ׳ס חדר אָפען. „פריינען ארייננטרעט״ האָט ער. אַ שטענדיגער יוצא ונכנס. און דער רבּי — ווייסט דער „הויף״ — האַלט פון איציקלען אַנ׳עולם ומלואו... אפשר דערפאַר, ווייל ער ווייסט, ווי אַזוי דעם רבּי׳ן צו חנפנ׳ען, ווי אַזוי אויסצושטעלען אַ יראת־שמים פּנימ׳על און יראת־שמים אויגעלעך, און אפשר גלאַט דערפאַר, ווייל ער טויג זיך צום עסק...

אַזוי צי אַזוי — און איציקעל פיהרט שטענדיג אינטריגעס, מאַכט־אָן מחלוקת, טראָגט אָן רכילות פון חסידים צום רבּי׳ן און פון איין חסיד צום צווייטען, צונדעט אַ פייער... און נישט איין חסיד בּעקומט אַ פּסק און פאָהרט אַהיים פון „הויף״ מיט אַ צובראָכען האַרץ און שווער געמיטה...

זינט אַ קורצע צייט האָט איציקעל איך אַ קרום אויג געוואָרפען אויף מרדכי׳לען דעם רבינ׳ס און האָט איהם גענומען נאָכשפּירען...

שוין פון לאַנגע צייטען, ווי איציקעל האָט אין איהם געזעהען אַ פעררבּיטענעם שונא געגען זיך.

מרדכי׳לע איז בּטבע געווען פּונקט דער היפּוך, וואָס איציקעל, און זיין התנהגות און אויפפיהרונג אין „הויף״ האָט גאָרנישט געשטימט מיט איציקעל׳ס אויפפיהרונג.

שטיל, רוהיג איז מרדכי׳לע תמיד זיין וועג געגאַנגען; געווען איז ער, אמת, אַ מעורב בין הבריות, אָבער העפליך איז ער זיך מיט יעדען איינציגען בּעגאַנגען, נישט געמישט זיך אין קיינעמס געשעפטען, נישט אינטערעסירט זיך מיט זייטיגע זאַכען. ביים „טיש״ איז ער שטיל, ערנסט, מיט דרך־ארץ געזעסען, און האָט זיך דער „טיש״ געענדיגט, איז ער גלייך צו זיך אין צימער צוריק, וואו ער האָט אין זיינע ענינים עוסק געווען. בּכלל איז מרדכי׳לע געווען אַ יושב־אוהל, גאַנצע טעג איז ער בּיי זיך אין פערמאַכטען צימער געזעסען און פערטיעפט אין ספרים געווען. שפּעטער — ווען אין זיין

דאַרף האָבּען אַנדערע געפֿיהלען ערוואַכט, ער האָט אָנגעהויבּען אין ספרים חצונים צו קוקען... — דאַמאָלס איז ער נאָך מעהר ווי שטענדיג צוגעבּונדען געוואָרען צו זיין פֿערמאַכטען חדר, וואו אַרום דעם שטוהל היילינע ספרים, וואָס זענען אויף זיין טיש געלעגען, און אַנטקעגען די אָפֿענע גמרא, וועלכע איז נאָר למראית־עין אָפֿען געווען, האָט ער הוֹרשטיג געשלונגען די שורות פֿון אַ „פּסול"־בּיכעל...

און זינט דאַמאָלס איז זיין האַלטונג אין „הויף" געוואָרען נאָך ערנסטער, זיינע געשפּרעכען — זעלטענער, און צו אַלע „הויף" עסקים — כמעט דעם גאַנצען אינטערעס פֿערלאָרען. בּעצויגען זיך צו אַלעם גלייכגילטיג און פֿון אַלעמען געהאַלטען זיך פֿון דער־ווייטענס...

און דערפֿאַר טאַקי האָבּען איהם חסידים אַזוי שטאַרק בּכבוד געהאַלטען, געהאַט פֿאַר איהם דרך־ארץ און בּעצויגען זיך צו איהם מיט גרוים יראת־הכבוד.

איציקלען האָט דאָס שטאַרק געקרענקט. בּפרט נאָך, אַז מרדכי׳לע פֿלעגט זיך צו איהם בּעציהען מיט פֿעראַכטונג און שנאה. האָט איהם אויסגעווייזט און נישט געוואָלט מיט איהם האָבּען קיין נאָהענטע התקרבות, און אָפֿטמאָל צווישען גאַנצען עולם, פֿלעגט ער איהם אַ שטעכווערטעל אַריינוואַרפֿען, אינגאַנצען מבטל זיין און האַלטען איהם פֿאַר אַ צבועק...

איציקלען האָט דאָס שטאַרק נישט געשמעקט. ער האָט גע־נומען טראַכטען פֿלעגער, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אין זיין „געפֿעהר־ליכען" שונא, מרדכי׳לע. און טראַכטענדיג עפּעס אַ מיטעל, ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט איהם אָפּרעכענען, האָט ער זיך גענומען צו זיין געוועהנליכען דרך און מיט זיבּען אויגען אָנגעהויבּען נאָכשפּירען מרדכי׳לען און זוכען עפּעס אַ חטא אויף איהם...

איינמאָל, אין אַ הייסען זומער־טאָג, ווען אויף אַלעם אין „הויף" איז אַ רוהיגע שטילקייט געלעגען אויסגעגאָסען, ווען פֿון גרוים היץ און מידקייט איז אַליך אַנדרעמעלט געוואָרען, די „הויף"־מענשען זענען זיך יעדער אין זיינע עסקים פֿערטיפֿט געווען און איציקעל האָט זיך איבּער׳ן הויף אַרומגעדרעהט און געלאַנגווייליגט זיך, ניט געפֿינענדיג פֿאַר זיך קיין בּרעקעל אַרבּייט, — האָט ער זיך דאַן גע־לאָזט שפּאַצירען אינ׳ם גרויסען גאָרטען, וואָס איז נאָהענט צום „הויף" געווען און צום רבּי׳ן געהערט, און שפּאַצירענדיג אַזוי אויף און אָבּ

איבער די לאנגע גארטען-אלעען, האט ער פלוצלונג בעמערקט, ווי אנטקעגען-איבער, צווישען די געדיכטע בוימער, אויף א באנק נעבען רבינ'ס ווערַאנדע, איז מרדכי'לע געזעסען פערטראכט אין א קליין ספר'ל. פארזיכטיג האט ער זיך דאן געלאזט געהן צו יענעם ארט. מרדכי'לע, דערהערענדיג טריט, האט זיך ווי א צומישטער פלוצלונג פון ארט א חאפ געטהון און געשווינד דאס ספר'ל אין בוזעם פערשטעקט...

— איציקעל? א... וואס איז?... וואס האסטו געוואלט?...

— גארנישט...— האט איציקעל לאנגזאם די ווערטער געצויגען און איהם שארף אנגעקוקט. עטליכע מינוטען האבען זיי אזוי איינס אויף ס'אנדערע געקוקט אהן ווערטער.

— הא... וואס קוקסטו אזוי אויף מיר?...— האט מרדכי'לע שטרענג געשטאמעלט — וואס שטעהסטו דא?... געה גלייכער אהין אין קיך און גיב אכטונג אויף די דיענסטען...

איציקעל האט איהם גארנישט געענטפערט, ער האט איהם נאר שארף בעטראכט מיט זיינע אויגעלעך, געקוקט אויפ'ן בוזעם, פון וואנען מ'האט דאס בעהאלטענע ספר'ל ארויסגעקוקט און מיט א איראניש שמייכעלע, צו-ווינקענדיג מיט איין אויגעל, ווי ער וואלט זאגען: „מיך וועסטו נישט נארען"...— האט ער זיך געלאזט געהן צוריק אין „הויף", סטראשענדיג איהם פון דערווייטען מיט א פינגער:

— געדענק, מרדכי'לע, האסט דיך ביי מיר מפטיר געקויפט...

א גאנצע צייט דערנאך האט ער נישט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דעם ספר'ל, וואס מרדכי'לע האט אין בוזים אריינגעחאפט און וועגען דעם שרעק, וואס איז דאן אויף זיין פנים געוועזען אויסגעגאסען.

— די מעשה הויבט מיר גאר נישט אן צו געפעלען — האט געטראכט איציקעל — דער „קליינער" איז, ווייזט-אויס, אין „יענער זייט" פערקראכען, מ'דארף איהם נעהמען אין דער ארבייט...— און פלייסיגער האט ער זיך איצט צו זיין ארבייט גענומען: נאכשפיאנירען מרדכי'לען, „פאקען" איהם אין דער סאמע רעכטער מינוט, ווען ער וועט זיך אויף קיין זאך נישט ריכטען און היטען איהם די טריט...

און פארנאכט, ווען דער עולם האט אין בית-המדרש מנחה-

ומעריב געדאווענט און מרדכי'לע האט זיך פון „הויף" ארויסגעגנב'עט און דורך זײטיגע וועגען אהין, צו אברהם מילנער'ס הײזעל אוועק, איז איהם דאס מאל איציקעל נאכגעגאנגען פון דערווײטען, טריט-בײ-טריט, פארזיכטיג פון איהם קײן אויג נים אראבגעלאזען, און ווען ער האט דערזעהן, דאס ער געהט אין מילנער'ס הײזעל ארײן, האט ער זיך צווישען די אנטקעגענאיבערדיגע בוימער בעהאלטען, דורך די צווײגען אין אפענעם פענסטער ארײנגעקוקט און זיך שארף צו מרדכי'לען צוגעקוקט און צו אלע זײנע בעוועגונגען.

— אזוי, הײסט דאס, איז די מעשה'—האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ, נישט אראבנעהמענדיג קײן אויג פון מרדכי'לען — מרדכי'לע דעם רבינ'ס זוהן מיט זלמן דעם אפיקורס... איך האב אבער נאך דאמאלס געזאגט: דער „קלײנער" געפעלט מיר נישט... א עפעס לײענט ער דאך גאר א בריעף!... ער פירט שוין גאר געשעפטען מיט בריעף... וואס פאר א בריעף, א שמײגער, זאל דאס זײן?...

XIV.

קײן ווארשא.

אין דער רביצינ'ס וואהנונג, אין נ., איז די הכנה גרויס. אלע אין שטוב זענען פערפא'עט, די דיענסטען אין קיך זענען פערטהון, פערנומען און ליפען ארום צוטראגענע. מען באקט און מען בראט, מען פרעגעלט און מען פאקט, מען פערבינדט און מען גרײט אלעס צו אין וועג ארײן.

דען דבורה'לע, דעם רבינ'ס שנור און רבקה'לע דעם רבינ'ס טאכטער זענען שוין צו דער רײזע גרײט, אהין, אין דער גרויסער ווארשא פאהרען זײ.

בײדע שוועגערינס, דבורה'לע און רבקה'לע, זיצען איצט אין א זײטיגען צימער, אין שענע זומער-קאסטיומען אנגעטהון און ווארטען, ביז אלעס וועט פאר זײ גרײט און פארטיג ווערען און די אײנגעשפאנטע קארעטע וועט פאר דער טיהר צופאהרען.

און דערווײל זיצען זײ, די בײדע שוועגערינס און פאנטאזירען

פון דער גרויסער שטאָדט, וואו דאָס לעבען איז רייך און אינטערע-סאַנט, וואו עס בליהט און עס שפּראָצט די יוגענד, וואו אויף ברוי-זענדע חוואַליעס ווערען מענשען אינ'ם שטרעבען פון לעבען פער-טראָגען...

— אוי, דו זאָלסט זעהען דאָרט ביי אונז אין וואַרשא!... — האָט דבורה'לע מיט ענטוזיאַזם צו איהר שוועגערין אויסגערופען, אויסדריקענדיג שאַרף, מיט גדלות, די ווערטער: „ביי אונז אין וואַר-שא" — ווי שען דאָרט איז, די ליעבע זומער-פאַרנאַכטען!... אין זאַקסישען גאָרטען שפּאַצירט מען, אַלץ אַרום איז עלעגאַנט און רייך און די געשפּרעכען אַזוי צאַרט און מילד... דו זעצט זיך ערגעץ ווייט אויף אַ באַנק צווישען געדיכטע בוימער, וואו אַלץ אַרום איז אַזוי געשמאַק און ליעבליך... אין אַ ווייט גאָרטען ציהט זיך אַ ברי-טע אָזיערע, וואו דאָס וואַסער איז ווי קרישטאַל ריין און אַ פאָנטאַן שפּריצט און פערשפּרייט אַ ליעבען געשמאַק אַרום... און ווילסטו — געהסטו דיר אין די לאַזשענקעס שפּאַצירען און ביז טיעף אין דער זומער-נאַכט געהסטו דיר דאָרט אין די ווייטע שטילע אַלעען... און אַ בוקעט רויזען קלייבסטו דיר אויס ביים גערטנער, און פריי פיהלסטו זיך, אַ פרייע ברייטע וועלט איז אַרום דיר, וואו אַלץ איז אַזוי שען, אַזוי רוהיג און צום האַרצען נאָהענט... אַ פרייער פויגעל ביזטו, נישטאָ די שטרענגע אויגען, וואָס זאָלען דיינע טריט היטען און אויף אַלע דיינע בעוועגונגען אַכטונג געבען... ליעבע זומער-פאַרנאַכטען!! גאַנצע טעג זיץ איך דאָך ביים פענסטער אָב און די אויגען זעהען אַלץ אינ'ם זעלבען פינטעל, אין איין בעגרענעצט אָרט געווענדעט, אַלץ איז דאָ ענג, אפילו דער בליק פון די אויגען איז בעגרענעצט!... און דאָרט אין דער גרויסער שטאָדט!... ווילסטו, רבקה'לע, געהסטו דיר אין אָזענד אין טעאַטער און שעה'ן-לאַנג פערווײַלסטו, אַמוזיר-סטו זיך. דאָ ציהען זיך די שעה'ן לאַנג און אָהן אויפהער, און דאָרט — זענען זיי דיר אַזוי קורץ, אַזוי ווייניג, דו וואָלסט וועלען, דאָס מעהר און מעהר, זיי זאָלען קיין ענדע ניט נעהמען... ביזט שוין געווען אַמאָל אין טעאַטער?

— איך?... ווי קומט דיר אַזעלכעס אויפ'ן געדאַנק? יאָ, איינמאָל, פאַר-אַ-יאָהרען, דאַכט זיך, זענען פון ערגעץ ווייט דאָ אַהער „שפּילערס" געקומען, דאָרט אויפ'ן מאַרק האָט מען אַ הילצערנע בודע אויפגעשטעלט און אַלע מיידלעך פון שטאָדט האָבען בי-

לעטען געקויפט און אין די שבת׳דיגע קליידלעך זענען זיי אהין אין דער הילצערנער בודע געלאפען, און מיר האט עס אויך אזוי גע־צויגען אהין...

— ביזטו געגאנגען? —

— איך?...

— דערפאר ווערסטו שוין, נארעלע, זעהען דארט א טעאטער, ביי אונז אין ווארשא...

פאר דער טיהר איז די געשפאנטע קארעטע צוגעפארען, די דיענסטען האבען די פערפאקטע פעקלעך דעם בעל־עגלה דערלאנגט. ביידע שוועגערינס האבען זיך מיט אומגעדולד־צאפעלדיגע הער־צער פון זייערע ערטער אויפגעהויבען און איילענדיג גענומען אויף זיך די קליידער אין ארדנונג ברענגען. די טיהר פון צימער האט זיך געעפענט און די רביצין איז אריינגעקומען.

— איז, הייסט עס, פאהרט איהר, קינדערלעך, קיין ווא־רשא?

— וואוהין דען? אודאי שוויגער־לעבען, קיין ווארשא.

די רביצין האט זיך אויף א שטוהל אוועקגעזעצט, א ווייל שווייגענדיג דער שנור מיט דער טאכטער אנגעקוקט און ענדליך האט זי אנגעהויבען:

— עפעס שרעקט מיך, קינדערלעך, אייער אוועקפאהרען. אין א גרויסער שטאדט פאהרט איהר, דארט, וואו עס ברענט א פייער, וואו די וועגען פיהרען צום גיהנם... דארט, וואו דער יצר־הרע האט א גרויסע נעץ פון חטאים און זינד פערשפרייט. און, השם יתברך זאל אויסהיטען! אזוי לייכט איז אין דער דאזיגער נעץ אריינצופא־לען, אזוי לייכט... בפרט נאך פאר יונגע קינדער, וואס האבען ביז אהער אין קדושה געלעבט, אין „הויף" אויסגעהארעוועט געווארען. און געהען אזעלכע קינדער אויף דער וואכעדיגער וועלט ארויס, לאקערט דאמאלס, רחמנא ליצלן, די סטרא אחרא איפ׳ן וועג און די טומאה וויל, גאט זאל אויסהיטען, זיך אן די קדושה בעהעפטען...

— איהר פאהרט, קינדער, אין א גרויסע שטאדט אוועק, וואו דער וועג איז מיט שטרויכלונגען פול, און, אוי־וועה, יעדע מינוט, יעדע רגע, קאן זיך א נסיון טרעפען, און כח דארף א יודיש קינד האבען, צו קאנען דאמאלס דעם נסיון בייטשטעהן... ווארום דער וועג, קינדער, איז מיט נסיונות פול...

די רביצין האט אווילע געשוויגען און זיך פערטראכט און שטיל האט זי אנגעהויבען:

— דאס האט מיר דער זיידע, זכרונו לברכה, דערצעהלט, דיינט שטעהט עס שוין אין ספרים בעשריבען. — מיט'ן רבי'ן פון לובלין האט זיך די מעשה געטראפען, אין ווען איז ער דאמאלס געוועזען, צו־פוס איז ער פון לובלין קיין מעזריטש געגאנגען, צום רבי'ן, רבי בער, זכרונו לברכה.

— און א פינסטערע ווינטער־נאכט איז דאמאלס געוועזען, א געדיכטער שניי איז געפאלען, דער פראסט האט דעם אטעם פער־חאפט און דער וועג איז אלאנגער אין א פינסטערער. ארום און ארום זענען פוסטע פעלדער און וועלדער פערשפרייט. מייל נאך מייל געהט דער צדיק. דער גוף ציטערט פון קעלט, די פיס פערשטארט פון פראסט און די מחשבות זענען מיט גאט ברוך הוא און זיין תורה פערנומען...

— דערזעהט פלוצלונג דער צדיק, ווי נאהענט צו איהם שטעהט א קרעטשמע־הייזעל און פון פענסטער פינקעלט א ליכט ארויס, האט דער צדיק א שבח והודיה דעם אויבערשטען אבגעגעבען: דא וועט ער קאנען א ביסעל די ביינער אויסרוהען און כח אויפ'ן ווייטען וועג האבען. און ער איז אינעווייניג אינ'ם הייזעל אריין און זיך אויף א בענקעל אינ'ם נאהענטען חדר אוועקגעזעצט.

— און השם ישמרנו! באלד איז אין חדר אנ'אשה אריינ־געקומען, א יפת־תואר איז זי, די אשה געוועזען און גלייך האט זי זיך פאר די אויגען פון צדיק אוועקגעשטעלט און — א חצופה! — מיט'ן מויל דעם צדיק אנ'עבירה געמאהנט...

— גאט זאל אויסהיטען, אויף דער וועלט זענען אויך אזעלכע חצופות פארהאן!...

און געזעהען האט דער צדיק, דאס שווער וועט איהם זיין, שוין א תירוץ, זיך פון דער חצופה'ס הענד צו ווערען און ער האט זיך ביי איהר געבעטען:

— אשה, מ'טאר אזא גרויסע עבירה נישט טהון, דו ביזט דאך אנ'אשת־איש... מיתה קומט פאר אזעלכעס...

— איהר האט א טעות, רבי, — האט די חצופה געענטפערט — איך האב נאך קיינמאל קיין מאן ניט געהאט, א פנויה בין איך...

בּ פֿערגעס ניט, אשה, די הייליגע גמרא זאָגט: אפילו אָהן חופּה איז אָסור.

— וועל איך, רבי, גלייך פֿון דער קרעטשמע אמנין יודען צו־זאַמענרופֿען און מען וועט חופּה שטעלען...

און אַז דער צדיק האָט געזעהען, דאָס ער האָט פֿאַר דער חצופה קיין תחבולה נישט, האָבען אָנגעהויבען טרעהרען פֿון זיינע אויגען צו גיסען און ער האָט דער חצופה געזאָגט:

— אשה! מבטיח געווען האָב איך איינמאָל דעם רבונו של עולם, דאָס יעדע זאַך, וואָס איך וועל געהן טהון, זאָל איך פֿריהער בעטראַכטען, צי דערפֿון וועט גאָט ברוך הוא אַ נחת־רוח האָבען...

— נו, זאָג־זשע אַליין, אשה, אמת, דו ביזט מותר צו מיר און ס'איז דערביי קיין עבירה נישטאָ, אָבער וואָס פֿאַר אַ נחת־רוח וועט דען גאָט פֿון דער גאַנצער זאַך האָבען?...

— און דער צדיק טהוט פּלוצלונג אַ קוק: ער שטעהט אין מיטען וועג. אַרום איז פּוסט. נישטאָ קיין זכר פֿון קיין קרעטשמע... וואָרום אַ נסיון, קינדער, איז דאָס געווען, אַ נסיון פֿון זיין ליעבען נאָמען, דעם הייליגען צדיק אויסצופּרובען...

די רביצין האָט שטיל געשוויגען. דבורה'לע און רבקה'לע האָבען זיך נאָהענט איינע צו די צווייטע צוגערוקט און זיך פֿעסט צוגעטוליעט; אין צימער האָט געדריקט אַ שווערע שטילקייט און אויף די יונגע הערצער געפּרעסט. רבקה'לע האָט געפֿיהלט, ווי איבער איהר קערפּער ליפֿט אַ קאַלטער שוידער דורך.

— אַנדערע דורות, אַנדערע צייטען — האָט די רביצין ווייטער אָנגעהויבען — האַמאָלס, ביים זיידען, זכרונו לברכה, ביים טאַטען, זכרונו לברכה, האָבען טעכטער און שנורען אַלע זייערע יאָהרען אין „הויף“ פֿערבראַכט, ווייטער האָט עס נישט געצויגען, פֿון קיין אַנדערע לעבענס האָט עס ניט געחלומ'ט... פֿון קיין עצבות האָט עס נישט געוואוסט. וואָרום, קינדער, אויף עצבות קאָן די שכינה ניט רוהען... און גענוג ברייט, קינדער, איז דער „הויף“ געווען, קיינער האָט אין איהם קיין ענגשאַפֿט ניט געפֿיהלט. מען האָט ניט געטראַכט וועגען קיין „רייזעס“, וועגען פֿאָהרען אויף אַנדערע וועגען, אין אַנדערע וועלטען... וואָרום דער „הויף“ האָט יעדע נשמה אויפ'ן גאַנצען לעבען געשפּייזט, אַלע בעדערפֿנישען געזעטיגט... און פֿערקעהרט גאָר: מענשען פֿון די גרויסע שטעדט, פֿון דער ברייטער וועלט,

זענען יעדעס מאל אין „הויף“ געקומען זייערע נשמות שפּייזען, ווייל דאָרט אין די גרויסע שטעדט איז זיי ענג געווען, זייערע נשמות זענען פערטרוקענט געוואָרען... אמת, קינדער, היינט זענען אנדערע דורות, אנדערע צייטען. די מענשען פון די גרויסע שטעדט קומען נאָר אהער אין „הויף“ נאָך פרנסה, נאָך קינדער... מעהר דאַרפען זיי ניט, ווייטער פעהלט זיי ניט...

דער בעל-עגלה האָט אין פענסטער אָנגעקלאַפּט:

— רביצין, מ'וועט די באַהן פערשפּעטיגען...

די רביצין האָט זיך פון שטוהל אויפגעהויבען, נאָר ביידע שווענערינס זענען נאָך אַלין כמעט אונבעוועגליך געבליבען זיצען. דבורה'לע האָט די אויגען צו דער ערד אַראָבגעלאָזען און רבקה'לע האָט געציטערט.

— נאָר נישט טרויעריג, קינדער, א יודישע טאָכטער דאַרף שטענדיג בטחון צו גאָט ברוך הוא האָבען...

די שווענערינס האָבען זיך נישט-דרייסט פון זייערע ערטער אויפגעהויבען, די רביצין איז מיט זיי צוזאַמען פאַר דער טיהר אַרויס. און שטיל־שווייגענדיגע און מיט שווערע אומעטיגע רעיונות האָבען דבורה'לע און רבקה'לע זיך אין דער קאַרעטע אַריינגעזעצט.

די קאַרעטע האָט זיך גערירט פון אָרט און אָבשיעד גענומען פון „הויף“. די רביצין האָט זיי עטליכע טריט באַגלייט:

— געדענקט, קינדער, דער וועג איז מיט שטרויכלונגען פול. אויפ'ן וועג טהוען זיך, גאָט זאָל אויסהיטען, פערשיעדענע נסיונות טרעפען...

שנעל האָט זיך די קאַרעטע אויף איהר וועג געלאָזען און ווייט אויפ'ן שאָסיי פערשוואונדען. און פון ווייטען האָט נאָך אַלין אין די אויערען פון די יונגע פּאַסאַזשירקעס געקלונגען:

— געדענקט, קינדער... דער וועג איז מיט שטרויכלונגען פול ..

XV.

איינגעגעבען זיך.

זינט מרדכי'לע האָט ערהאַלטען דעם בריעף פון זיין חבר דוד, וועלכער האָט איהם אַזוי איבערראַשט, האָט ער ניט אויפגעהערט

צו טראַכטען פּלענער, ווי אַזוי און דורך וואָסערע מיטלען ער זאָל קאָנען פאָהרען קיין וואַרשא.

פערשידענע איינפאַלען און תחבולות האָבען זיך ביי איהם אין קאָפּ געוועבט, ווי אַזוי צו געפינען עפּעס אַ געלונגענעם אויסרייד, צוליעב וועלכען דער „הויף" זאָל איהם מיט'ן גוטען ווילען אַ הסכמה געבען אויף דער רייזע און דערביי דעם מינדעסטען חשד ניט דערוועקען. געמאַטערט האָט ער זיך, געזוכט עצות, געטראַכט פּלענער, נאָר — אומזיסט. ס'איז שוין דער בעשטימטער טאָג, דינסטאָג, געקומען, דער טאָג, אין וועלכען ער האָט געדאַרפט קיין וואַרשא פאָהרען און פון אַלע זיינע פּלענער האָט ער קיין איינעם פאַר קיין ריכטיגען נישט געפונען, און מרדכי'לע האָט זיך אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע געפיהלט.

— וואָס טהוט מען? „זיי" זענען שוין געוויס אין וועג... און גאַנץ מעגליך, זיי זענען שוין אין וואַרשא און קוקען אויף מיר אונגעדולדיג אַרויס...

און אַרומשפּאַצירענדיג דינסטאָג אין דער פריה מיט אַזעלכע פערצווייפעלטע געדאַנקען, איז ער גאָר אונגעריכט געוואָר געוואָרען פון אַ נייעס, פון וועלכעס ס'איז איהם פּאָזיט ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. אויף אַ בעסערע געלעגענהייט, ווי אַזאַ, וואָלט ער גאָר ניט געחלומ'ט: אין „הויף" איז אַ בריעף דערהאַלטען געוואָרען, דאָס דער רבי ווערט געבעטען צו קומען אין'ם זעלבען טאָג קיין וואַרשא אויף דער רבי'שער אסיפה וועגען אויסגלייכען דעם סכסוך, וואָס איז אַרויסגעקומען מכח ארץ־ישראל־געלד.

גלייך האָט זיך דער רבי גענומען גרייטען צו דער נסיעה. אין „הויף" האָט מען די קאָטש געשפּאַנט און דער משמש האָט אַלע נויטיגע הכנות אין וועג אַריין צוגעגרייט.

מרדכי'לע איז צום פאָטער, דעם רבי'ן, אין חדר אַריין.

דער רבי האָט זיך דאַן אויף און אָב אַרומגעדרעהט, איציקעל איז ביים שאַנק ספרים געשטאַנען און געהאַלטען עפּעס אין מיטען אַ שמועס מיט'ן רבי'ן. ביי מרדכי'לעס אַריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסען געוואָרען און איציקעל האָט מכלומרשט אין דער שאַנק גענישטערט, ווי ער וואָלט עפּעס אַ ספר געזוכט...

— טאַטע — האָט ער שטיל, אונטערטעניג זיך צום פאָטער געווענדעט — אפשר קאָן איך אויך קיין וואַרשא מיטפאָהרען?...

— קיין ווארשא? וואס פאר א עסקים האסטו מיט ווארשא?

— דער טאטע פאהרט דאך אהין אויף דער אסיפה, וואלט איך דעם טאטען דארט משמש געווען...

— און ביטול תורה?...

— די גמרא וואלט דאך — האט מרדכי׳לע געשטאמעלט רויט־ווערענדיג — דאס שימוש... איז גרעסער, ווי תלמוד תורה... און אגב וויל איך דארט אין ווארשא עטליכע ספרים קויפען. כ׳האב שוין לאנג בדעה געהאט זיי אויסצושרייבען...

— נו, מילא, — האט דער רבי נאך א קורצען ישוב־הדעת געענטפערט — לערן־אב פריהער דעם שיעור און זיי עפעס טועם...

מלא שמחה איז מרדכי׳לע פון רבי׳ן ארויס און צו זיך אין צימער אוועק. לאנג איז ער אזוי ביים פענסטער געזעסען און פאנ־טאזירט וועגען זיין נאהענטע בענגעניש... ביז די טיהר פון צימער האט זיך געעפענט און איציקעל איז אריינגעקומען, האלטענדיג אין האנד עטליכע מלבושים פאר מרדכי׳לען, ער זאל זיך איבערטהון אין וועג אריין.

— נו, וואס זיצסטו? די קאטש איז שוין געשפאנט, דער פעטער איז שוין גרייט. נא, די מוהמע האט דיר די מלבושים אריינ־געשיקט...

מרדכי׳לע האט איהם שארף אנגעקוקט, מ׳איז איהם שטארק קשה געווען, וואס איציקעל פארעט זיך אזוי פון זיינעטוועגען, בע־דיענט איהם, און אליין די מלבושים אריינגעטראגען...

— וואס שטעהסטו?

מרדכי׳לע האט גארניט געענטפערט. איציקעל האט איהם גע־האלפען אראבציהען די מלבושים און איבערבייטען זיי אויף אנדערע. און פארענדיג זיך, העלפענדיג איהם די ארבעל אראבשלעפען, איז איציקעל דערוויל שנעל אריין מיט דער האנד אין איינע פון זיינע בוזים־קעשענעס, פון וואנען ער האט א קאנווערט מיט א בריעף ארויסגעשלעפט און געשווינד צו זיך אין קעשענע פערשטופט...

— בקיצור, איל זיך צו, די קאטש שטעהט שוין פארן טויער — האט איהם איציקעל אונטערגעיאגט און איז געשווינד פון מרדכי׳לעס צימער ארויס.

דער רבי מיט מרדכי׳לען זענען פון דער טיהר ארויס און זיך אין דער קאטש אריינגעזעצט. די רביצין מיט די „הויף“־מענ־

שען זענען געשטאנען אין דרויסען און זיך פון דערווייטען מיט די אברייזענדע געזעגענט.

— דער „קליינער" געפעלט מיר נישט — האט איציקעל נישט אויפגעהערט פאר זיך איבערצוחזר'ן, בעגלייטענדיג מיט זיין בליק די קאטש, וואס איז שוין וויט פערשוואונדען אויפ'ן שאסיי, וואס פיהרט צו דער באהן, און תיכף איז ער אוועק אינ'ם רבי'נס גארטען אריין, וואו ער האט זיך אנ'ארט צווישען די ביימער אויסגעזוכט און דעם בריעף פון קאנווערט ארויסגענומען.

דורשטיג האט ער יעדעס ווארט געשלונגען, און ווען ער האט נאך רעכט ניט בעוויזען דעם בריעף צו ענדיגען, איז ער ווי א צוקאכטער פון ארט אויפגעשפרונגען:

— א-ווא, א-ווא! און ווען איך וואלט דאס וויסען מיט א צעהן מינוט פריהער, איידער די קאטש איז אוועקגעפאהרען!... ווען איך וואלט דאס פריהער וויסען!...

— און דערפאר האט ער דאס אזוי געחלש'ט נאך ווארשא פאהרען!... ווי א פרום יראת-שמים פנימ'על ער האט דאס פאר דעם רבי'ן אויסגעשטעלט!... ער וויל נאר פאהרען, זאגט ער, דעם רבי'ן משמש זיין!... אוי, א תכשיט, אוי, א כלי!... ער האלט שוין אויף א גוטען דרך... געמאכט דארט א בעשטעלונג אין ווארשא, א גוטען טאג צו לעבען... דארט וועט ער זיך מיט דער כלה זעהען...

— איך האב אבער געזאגט, אז דער „קליינער" געפעלט מיר נישט!... מען טאר גאר צו אזעלכעס ניט דערלאזען, א נ'אמת'ער חלול-השם!... נו-נו, ער האט זיך שוין ביי מיר געקויפט מפטיר... אזא חלול-השם! מען דארף תיכף צו דער רביצין אריינגעהן און איהר דעם בריעף פון איהר תכשיט ווייזען...

און א צוקאכטער איז איציקעל אין דער קיך אוועק און פון דארט אין דער רביצינ'ס שטוב אריין...

XVI.

אויף דער פריידויט.

איינם אזייגער ביי טאג איז געווען, ווען די צוויי שוועגערינס זענען אנגעקומען קיין ווארשא. ביי דער באהן האט זיי אבגעווארט

דבורה'לעס מוטער מיט די עלטערע אויסגעגעבענע טעכטער און שנורען.

און גרויס איז געווען די שמחה ביי דער בעגעגעניש און אין אנ'אויפהער דאס קושעריי. ביי דבורה'לעס מוטער האבען זיך פרייד־טרעהרען געשטעלט אין די אויגען, זעהענדיג צו וואס פאר א גרויסע מדרגה איהר טאכטער האט דערגרייכט, און אין הארצען האט זי א דאנק און א לויב צו גאט אפגעגעבען, פאר דעם נחת און גדולה, וואס זי האט דערלעבט. זי האט זיך גאר נישט געקאנט זאט אנקוקען פון דער „דינאמעריע", א היינטמאדיש רבי'ש־נגידיש שייטעל פון זיידענע גאזע, וואס האט דבורה'לעס קאפ צוגעדעקט און דערמיט אויף איהר א בעזונדערען סטעמפעל געלעגט, א בעזונדערען חן אויסגעגאסען. אזוי, דאס יעדער איינער, וואס וועט די גאס דורכגעהן און א בליק טהון אויף דעם יונגען ווייבעל מיט דער זיידענער „דינאמעריע", וועט ער גלייך וויסען, אז דאס איז ניט גלאט קיין אבי־וועער ווייבעל, נישט קיין אבי־וועער שנור. יחוס און קדושה וועט ער גלייך פון דער „דינאמעריע" דערקענען און וויסען, אז דאס איז א יונגע שנור, וואס זיצט אין א „הויף" צווישען הייליגע רביצינס, וואס איהר מאן איז א רבי'נס א קינד, אויף וועלכען ס'טהוט די שכינה רוהען און איבער הינדערט און צוואנציג יאהר וועלען חסידים נאך זיין קארעטע נאכלויפען...

אויף דער פלאטפארמע נעבען וואקזאל שטעהען יודען און יודינעס, פאטאושירען און פאטאושירקעס, און קוקען זיך נייגעריג צו צו די אונבעקאנטע געסט, אויף וועלכע ס'טהוט נגידות און חסידות שוועבען. און די גליקליכע מאמע בעמערקט דאס; זי זעהט ווי די גאנצע וועלט קוקט אויף איהר און אויף איהר טאכטער און זענען זיי מקנא, און זעהען זעהט זי, דאס נאהענט נעבען זיי שטעהט אנ־אלטע יודענע אין אנאלטען טשיפיק אויפ'ן קאפ און פרום שאקעלט דער קאפ און אונזעטיג קוקען די אויגען און אויף די אלטע פער־טריקענטע ליפען טהוט זיך א פרום שמייכעלע בעוועגען און די דאזיגע ליפען שאקלען זיך און שעפטשען עפעס, און די אויגען זענען דערביי צום הימעל פערגלאצט. וואס שאקעלט דער אלטער קאפ? וואס שעפטשען די אלט־פערדארטע ליפען?

דאס גיבען זיי א דאנק זיין ליעבען נאמען אב, דאס זענען זיי די גליקליכע מענשען אויף דער וועלט מקנא:

געליבט ביזטו, השם יתברך... אַז וואויל און גוט איז דעם מענשען, וואָס איז צו אַזאַ נחת אויף דער וועלט זוכה...

און די מאַמע בעמערקט, די מאַמע זעהט דאָס, און דער מאַמעס האַרץ וואַקסט פון גליק און פרייד אין איהר האַרץ איז פיל איבער די ברעגען...

און די איבערגעבענע טעכטער און די עלטערע שנורען קוקען אויף זייער שוועסטער און שווערין, וואָס לעבט אין אַנאַנדערע וועלט ווי זיי, אין אַנאַנדער אַטמאָספערע ווי זיי, און זיי קוקען אויף די יונגע רבי'שע טאָכטער, רבקה'לע, וועלכע איז צו דבורה'לען אַזוי נאָהענט, אַזוי האַרט צוגעטוליעט... און די „דינאַמעריע" אויף דבורה'לעס קאָפּ דערוועקט אין זיי אַ בעזונדערען עהרע־געפיהל און צוזאַמען דערמיט עפּעס אַ פערבאָרגענע קנאה...

און די גליקליכע מאַמע מיט איהרע שנורען און טעכטער זענען פון פלאַטפאָרמע אין וואָקזאַל אַריין און פון דאָרט אַרוים אויף דער ברייטער גאַס, וואו מען האָט זיך אין עטליכע דראָזשקעס אַריינגעזעצט און אַהיים פערפאָהרען. דאָרט האָט שוין דער פאָטער, ר' ברוך גלאָזמאַן מיט די נאָהענטע משפחה, די ליעבע געסט אָבגעוואַרט, די קעכינס האָבען זיך אין קיך געפּאָרעט און פון אַלעס גוטען צוגעגרייט.

און ווען די טיהר האָט זיך געעפענט און די געסט האָבען זיך בעוויזען, איז די שטוב מיט אַ אונגעדייגע שמחה אָנגעפולט געוואָרען, פריש האָט מען זיך צוקושט, און פרישע זענען די הערצער פון נחת און גליק געוואָקסען, און —

— וואָס מאַכסטו, טאָכטערשי?... און די יונגע כלה — די שכינה, קיין עין־הרע, רוהט דאָך אויף איהר פנים!... ווי האָט זיך דיר דאָרט אין „הויף" געלעבט?... אפשר אַ גלאָז טהיי מיט עטליכע מאַנדעל־ברויטלעך? רבקה'שי, טהו דיר אוים דעם מאַנטעל... אפשר אַ ביסשטיק מיט געהאַקטע פּאַרפעלעך?... וואָס זעהסטו, דבורה'שי, אַזוי שלעכט אויס? פון וועג אודאי מיעד... לאָ'מען זשע צום טיש גרייטען, דו וועסט עפּעס עסען, דבורה'שי, און פאַרוואָס זעצטו זיך נישט, רבקה'שי, צום טישי?... האָסט עפּעס געבענקט, דבורה'שי, אַהיים?... ווייז נאָר, וועלכעס קלייד האָסטו, דבורה'שי, אָנגעטהון?... זעה נאָר מיין לעבען, דאָס קלייד איז דאָך נאָך שפּאָגעל־ניי, ווי מען וואָלט דאָס ערשט פון שניידער אָבגעבראַכט!... גלייב מיר, קרוינע־

שי, האָסט עס אַדאי איצט צום ערשטען מאָל בעניט... טאַקי אמת? וואָס זאָגסטו! צום ערשטען מאָל!... נו, צוריק געשמועסט, וואָס איז דער חדוש? ביזט דאָך עפּעס, קיין עין־הרע, אַ רביצין איצט, וואו האָסטו דען דאָרט געדאַרט צו שפּאַצירען? איינמאָל פּאַסט טאַקי ניט פאַר אַ רבי׳שע שנור צו געהן שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט צו אין וואַלד, וואו „ס׳פעבעל“ געפינט זיך... און צווייטענס, לאָ׳מיך גאָט אין הימעל, מיין גאַנץ לעבען אַזעלכע גליקליכע יאָהרען האָבען, וואָס פאַר אַ נחת און תענוג ס׳איז אין „הויף“ צו פערברענגען... ווען גאָט בענשט — ס׳איז דאָך אַ גן־עדן דאָרט, ס׳יודישע מלכות שפּיגעלט זיך דאָרט אין יעדען ווינקעלע אָב... מיר וואָלט מען דאָך ניט ווערען צו זיצען גאַנצע חדשים מיט דער רביצין, ס׳הייסט מיט דער מחותנת׳טע, זאָל געזונד זיין, און איהרע קלוגע רייד אויסהערען!... און איך האָב דאָך גאָר פערגעסען. וואָס מאַכט עפּעס לייבעלע, זאָל געזונד און שטאַרק זיין? נעהם, דבורה׳שי, אַ בימעל איינגעמאַכ׳ץ... רבקה׳שי, לאָז דיך ניטש בעטען...

און אַזוי איז די פרעהליכע מאַמע אַלין נישט מיעד געוואָרען. פון האַרצען האָט זיך אַ שטראָם פרייד און גליק געגאָסען און פון מויל — ניין מאָס רייד...

די שנירען און טעכטער זענען איבער׳ן שטיב אַרומגעלאָפען און זיך פאַר די ליעבע געסט געפאָרעט. אַ טיש האָט מען מעהרירט און אויפ׳ן טיש האָט פון אַלדאָס גוטס ניט געפעהלט. אַ מיטאָג פון שענסטען און בעסטען האָט מען געבראַוועט. די בימ׳ער האָבען געשטראַהלט, די הערצער האָבען זיך פון פרייד בעוועגט, און אַלין לכבוד די ליעבע געסט, אויף וועלכע ס׳האָט דער „הויף“־יחוס און די „הויף“־קדושה געשוועבט און וועלכע זענען איצט ביי אַלע טייער און הייליג געווען...

און די ליעבע געסט? — אָהן אַפּעטיט האָבען זיי געגעסען, שוואַך האָבען זיי די שמחה געפיהלט, קורץ זענען זייערע ענטפערען אויף די ניין מאָס רייד געווען, דען ערגעץ אַנדערש־וואו האָבען זייערע פאַנטאַזיעס געשוועבט, וועגען אַנדערע — געטראַכט און געדענקט...

* *
*

טונקעל איז געווען אין צימער, וואו די צוויי שוועגערינס האָבען זיך נאָכ׳ן מיטאָג וועג אויסגערוהט, צוגעלעגט זיך אויף די

בעטען און זיס איינגעשלאָפען. געראָפּטענע אושור־ראָלעטען האָבען דאָס פענסטער פון צימער איינגעהילט, און די נאָכמיטאָג־ליכטיג־קייט פון דרויסען, וואָס האָט זיך אין צימער אַריינגעריסען, איז דורך די ראָלעטען־שלייער ווי פערשפּאַרט און פערהאַלטען געוואָרען און ווי דורך אַ זיפּ האָבען זיך געצעהלטע שטראַהלען דורך דעם שלייער אַריינגעגנב'עט, צולעגט זיך איבער'ן צימער און איסגעגאָסען אויף איהם אַ בעל־הבתי׳שען־נגידישען גלאַנץ...

חען די שוועגערינס האָבען די אויגען געעפענט איז שוין אין דרויסען אַ טונקעלער פּאַרנאַכט געשטאַנען. די טהיר האָט זיך לאַנג־זאַם עטוואָס געעפענט, און שטיל, נישט די קינדער אויפצוועקען, האָט זיך אין דער טהיר די מאַמעס קאָפּ בעוויזען און מיט אַ גליק־ליכען שמייכעל אין צימער אַריינגעקוקט:

—אַ גוטען אויפשטאַנד, טאָכטערשי, דו שלאָפסט שוין ניט?...

דערזעהען, אַז די קינדער שלאָפען שוין ניט, האָט די גליקליכע מוטער שוין ברייטער געעפענט די טהיר און אין צימער אַריין.

— דו ווייסט, טאָכטערשי, אַ גאַסט וואַרט דאָך אויף דיר אין עס־צימער. שוין מעהר ווי אַ שעה, אַז דער גאַסט קאָן פּשוט פון אונגעדולד נישט איינזיצען. עטליכע מאָל בין איך אַלין צו דער טהיר דאָ צוגעגאַנגען, נאָר איך האָב דיך ניט געוואָלט אויפוועקען.

— ווער, מאַמעשי, איז דער גאַסט?

— ווען דו זאָלסט מיך, דבורה'שי, פאָלגען, וואָלט איך דיר געזאָגט, דאָס דו זאָלסט זיך וואָס ווייניגער מיט דעם דאָזיגען גאַסט זיך געבען... „גוט־מאָרגען — אַ גוטען טאָג“ און — יוצא... נאָר פון דער־ווייטען זיך האַלטען, פערשטעהסט, דבורה'לע? נאָר פון דערווייטען!... די ביזט שוין היינט, געלויבט איז גאָט, נישט עפּעס אַבי־ווער. דאַרפסט זיך וויסען ווי אַזוי צו האַלטען, ניט אָפּגעבען זיך צופיעל מיט קיינעם, פערשטעהסט, טאָכטערשי?...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה... — האָט דבורה'לע מיט אַ איראָנישׁ שמייכעלע דער מוטערס ווערטער איבערגעריסען — אָבער ווער, מאַמעשי, איז דער גאַסט?

— דיין אַלטע חברטע, ברוינשווייג'ס.

— ריווטשע!

און ניט וואַרטענדיג אויף דער מוטערס ווייטערע ווערטער, און ניט בעאָבאַכטענדיג אפילו דעם שטרענגען בליק, וואָס די מוטער האָט

אויף איהר געוואָרפֿען, זעהענדיג ווי איהר טאָכטער איז פּלוצלונג
אַזוי איבערראַשט געוואָרען, דערהערענדיג דעם נאָמען פֿון איהר
אַמאָליגע חבר'טע, וואָס באמת כּמעט גאָרנישט אָפּגעלעבט פֿאַר אַ רבי'שע
שנור... — איז דבורה'לע גלייך אַרײַנגעלאָפֿען אין עס-צימער, וואו
די צוויי חבר'טעס זענען זיך אויף די העלזער געפֿאַלען, פֿעסט איינע
אין דער צווייטענס אָרעמס צונויפֿגעדריקט און לאַנג-לאַנג זיך ניט
געקאָנט פֿונאַנדערשיידען, ווען נישט דבורה'לעס מוטער, וואָס האָט
זיך באַלד אין עס-צימער באַוויזען, און זעהענדיג ווי הייס און שטאַרק
די צוויי חבר'טעס זענען צונויפֿגעטוליעט, האָט עס איהר גאָר ניט
געשמעקט. וואָרום געוואָלט האָט זי, דאָס איהר טאָכטער, די רבי'שע
שנור, וואָס טראָגט אַ „דינאַמעריע" אויפֿ'ן קאָפּ, זאָל וויסען איהר
שטאַנד, פֿערשטעהען איהרע פּליכטען, וויסען מיט וועמען יאָ און
מיט וועמען ניט צו רעדען. און אַז רעדען — נישט קיין סך, נישט
צופֿיעל, נישט אויסגעקאָכט זיין מיט קיינעם. וואָרום אַ רבי'שע שנור
מיט אַ „דינאַמעריע" איז זי, וואָס זיצט אין „הויף" מיט רבי'צינס
צוזאַמען... און ווי קומט איהר טאָכטער צו די ברוינשווייגס?... אַמאָל! —
איז אַמאָל, אָבער איצט?... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ „פּאָר"? ווי הייס זי
איז דאָס אַזוי צוגעפֿאַלען צו איהר!... — און די מאַמע, שיינדעלע, האָט
זיך מיט אַ שטאַך-שמייכעלע אָבגערופֿען:

— קיין עין-הרע, אַזאַ לאַנגער קוש-וואָך!... זאָל שוין זיין
גענוג... מיט דער מאַמעשי האָסטו זיך, דבורה'שי, גאָר נישט אַזוי
הייס צוקושט, ווי מיט דיין חבר'טע ריווטשע...

דבורה'לע האָט ווי נישט געמאַכט זיך הערען די מוטערס
שטעך-ווערטלעך. זי איז צוזאַמען מיט ריווטשען אין איהר צימער
אַוועק, וואו זי האָט זי מיט איהר שוועגערין רבקה'לע באַפֿריינדעט.
און אַלע דריי זענען זיי דערנאָך אויפֿ'ן באַלקאָן אַרויס, וואו די
דינסט האָט טהיי מיט געבעקס דערלאַנגט.

לאַנג זענען די חבר'טעס געזעסען און זיך אויסגעשמועסט וועגען
אַלץ, וואָס איז זיי נאָהענט און היימיש געווען. דבורה'לען האָט זיך
געדאַכט, ווי זי וואָלט שוין יאָהרען-יאָהרען לאַנג פֿון איהר היים
געווען אָבגעריסען און ערגעץ ווייט-ווייט געווען פֿערוואָרפֿען אויף
אַ ווייטען אינזעל, און, ווי דורשטיג נאָך יעדען היימיש וואָרט, האָט
זי איצט געהאַלטען אין איין שיטען מיט פֿראַגען, און איידער זי האָט
נאָך די גאַנצע תשובה אויף איין פֿראַגע באַקומען, האָט זי שוין

אַ צווייטע גרייט געדאַט: „וואָס מאַכט די חבר׳טע? און וואָס מאַכט יענע? און צי האָט שוין יענע תנאים געשריבען? זאָג פאַרוואָס איז ביי יענע דער שדוך אָבגעגאַנגען? און יאָ... וואָס איז געווען דער סוף פונ׳ם העלד יאַנושעק, האָרט אינ׳ם פוילישען ביכעל, וואָס זי האָט נישט געענדיגט. אַ שאָד, — ס׳איז אַזאַ שען ביכעל געווען!"...

רבקה׳לע דעם רבינ׳ס טאָכטער איז געזעסען שטיל און זיך צוגעהערט מיט נייגיעריגקייט צו דעם אַלעם, וואָס די צוויי חבר׳טעס האָבען צווישען זיך געשמועסט. און מיט ערנסט-פערטראַכטע אויגען האָט זי געקוקט אויף זיי און זיך צוגעהערט, צוגעהערט... און עפּעס אַזוי מאָדנע האָבען פאַר איהר זייערע ווערטער געקלונגען, אַזוי אונפערשטענדליך... „וואָסערע מאָדנע מיידלעך ס׳זענען אין די גרויסע שטעדט. צום ערשטען מאָל זעהט זי אַזעלכע, צום ערשטען מאָל הערט זי אַזעלכע שמועסען... מאָדנע מיידלעך, מאָדנע, מאָדנע!"...

און יעדעס מאָל האָט זיך אונטער דער גלעזענער טהיר געוויזען די מאַמע׳ס שיינדעלעכ׳ס קאָפּ, און דער קאָפּ האָט געשאָקעלט מיט פערוואונדערונג, אויפ׳ן פּנים האָט זיך אַ בייזע גרימאַסע צולעגט און די ליפּען האָבען מיט כעס געוואָרטשעט:

— ווי עס שעמט זיך נישט!... אַ רבי׳שע שנור מיט אַ „דינאַמערע"... אין „הויף", געלויבט ביזטו גאָט, מיט הניצנים צוזאַמען... און ווי זי האָט זיך האָס אַרומגעחאַפּט מיט דער דאָזיגער מויד... ווי עס שעמט זיך נישט! ווי עס שעמט זיך נישט!...

* *

*

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ ני׳עולם חסידים און אָבגעוואַרט דעם צוג, מיט וועלכען דער חאַשטינער רבי האָט געדאַרפט קומען. וואָס אַ מינוט איז אַלץ דער עולם געוואַקסען. חסידים-סוחרים האָבען אין מיטען העלען טאָג דעם מאַרק מיט די מסחרים אוועקגעוואָרפען, חסידישע בחורים האָבען אין די שטיבלעך די גמרות פערמאַכט, די סאַמעטענע היטלען אָנגעטהון, די פּאות מעהר בולטיע׳ר אויפ׳ן דרויסען אויסגעשטעלט און אַוועק אַהער — דעם רבי׳ן מקבל-פּנים זיין.

דער צוג האָט זיך בעוויזען. חסידים האָבען זיך נאָהענט צו די רעלסען צוגעשטופּט, די פּנימ׳ער מיט די הענד אויסגעשטעלט.

גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען דעם צוג איינהאַלטען, אַז איהם מיט די הענד פערהאַפּען...

דער רבי איז פון וואַגאָן אַראָב, חסידים האָבען זיך נאָהענט צו די טרעפּלעך דערנעהנטערט און ממש דעם רבי'ן בעלעגערט. אָנ'ענגשאַפּט און דריקעניש מיט אַ מבול אויסגעשטרעקטע הענה נאָך שלום-עליכמ'ס: שלום עליכם דעם רבי'ן און שלום-עליכם דעם רבינ'ס זוהן, מרדכי'לע, וואָס איז נעבען רבי'ן געשטאַנען, צוגעפּרעסט צום אָרט און ניט געקאָנט אין דער בעלאַגערונג קיין טריט שטעלען.

אין דרויסען נעבען וואָקזאַל איז שוין גרייט געשטאַנען אַ „גומקע", אין וועלכער דער רבי מיט מרדכי'לען און דער משמש האָבען זיך אַריינגעזעצט. צוזאַמען מיט זיי — אויך עטליכע מקורבים, גרויסע חשובים, חסידים-גבירים, וואָס ביי איינעם פון זיי וועט דער רבי „איינ-שטעהן" אין אַכסניה האָבען. נאָך דער „גומקע" האָבען זיך חסידים מיט דראָזשקעס געצויגען; מען מוז דעם רבי'ן נאָכפאָהרען, בעגלייטען איהם צו ר' יודעלע עסיגמאַן אין הויז, ביי וועמען דער רבי וועט „איינשטעהן".

און ר' יודעלע עסיגמאַן האָט איצט, לכבוד דעם רבי'ן, געגומען זיין הויז, אַלע צימערען מיט דער שענער ווירטשאַפט און עס ממש פאַר די חסידים מפקיר געווען: נאַט, טהוט, וואָס איהר ווילט, איצט איז עס פון מיין רשות אַרוים, איצט זענען מיר גלייכע מחותנים. נאַט, שטופּט זיך, שטויסט זיך, קריכט אויף טישען און שטוהלען, פער-שמירט די פּאָדלאָגעס, דראַפּעט זיך אויף די שענק, צילעגט זיך אויף די בעטען, גיסט-אָן קאַלוזשעס וואַסער אויף די גלאַנציגע פּאַר-לאַגעס, פערנעצט און פערברודיגט די וויס-קלאָרע האַנדטיכער... טהוט. וואָס איך געפעלט. דער רבי „שטעהט-איין" ביי מיר, איך בין איצט אוים בעל-הבית געוואָרען!...

און די חסידים ווייסען דאָס, די חסידים פיהלען דאָס: אַזוי, ווייסען זיי, דאַרף איצט זיין, און אַזוי טהוען זיי טאַקי...

אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, אין אַ פּראָסטען וואָכעדיגען טאָג, אַז אַ חסיד דאַרף צום גביר, ר' יודעלע עסיגמאַן אַריינקומען, וועט ער פריהער אין פאָרער-הויז דעם שטויב פון זיך אָבקלאַפּען, די שטי-וועל פון די בלאָטע אָבריינגען, און אַריינגעהן וועט ער מיט דרך ארץ, מיט הכנעה, זיך גוט פריהער אויסהוסטען, דאָס היטעל אויפ'ן קאָפּ אין אָרדנונג ברענגען, און קומט ער אַריין, וועט ער פריהער

אַ אונטערטעהניגען „גוט-מאָרגען“ מיט חניפה אויסרעדען, ביי דער טהיר פון עס-צימער וועט ער שטעהן און ווארטען, ביז ר׳ יודעלע וועט איהם בעטען: „קומט ווייטער“, וועט איהם אַ שטוהל אָנווייזען און דער חסיד וועט זיך אויף אַ האַלבע שטוהל זעצען און אונטערטעהניג, חניפה׳דיג וועט ער ר׳ יודלען אין די אויגען אַריינקוקען... איצט אָבער, איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש: דער רבי „שטעהט-איין“ און חסידים געהען פראַנק און פריי אַריין און אַרויס, דרעהען זיך אַרום אין די צימערען, רויכערען וואַרפען מונד-שטיקען מיט אַש אויף די פּאָדלאָגעס, היימיש און פריי, ממש ווי ביי זיך אין דער-היים...

דער רבי מיט מרדכי׳לען זענען געזעסען אין אַ בעזונדער צימער, צוזאַמען מיט עטליכע „שענע יודען“, חסידים און גבירים, וועלכע האָבען מיט׳ן רבי׳ן וועגען וויכטיגע ענינים געשמועסט און עצות גע-פרעגט. ביי דער טהיר איז געשטאַנען דער משמש און זיך דעם האַלז געריסען, ניט געקאָנט זיך קיין עצה געבען מיט׳ן גרויסען עולם, וואָס איז וואָס אַ מינוט אַלץ געדיכטער געוואָרען, און געשטופּט זיך אין דער טהיר אַריינצוגעהן „שלום“ נעהמען.

צווישען עולם האָט זיך אויך דוד געפונען; אין אַ ווינקעל אַנטקעגען דער טהיר איז ער געשטאַנען און געוואַרט, ביז ער וועט די געלעגענהייט האָבען, מרדכי׳לען צו זעהען און ערגעץ, אונבע-מערקט, מיט איהם אַ פּאָר ווערטער רעדען...

ווען מרדכי׳לע האָט די טהיר פון רבינ׳ס חדר געעפענט און דוד׳ן דערזעהען, איז ער אַ ווײַלע אין דער אָפענער טהיר געבליבען שטעהן און זיך אויפ׳ן עולם אַרומגעקוקט, און זעהענדיג, אַז דער עולם בע-מערקט ניט, האָט ער אַ וואונק געטהון צו זיין חבר דוד, און באַלד זענען זיי יעדער פאַר זיך, אַרויס אויפ׳ן גאַס, וואו זיי זענען אין אַ זייטיג געסעל אַוועק, דאָרט, וואו קיין בעקאַנט אויג זאָל זיי ניט בעמערקען.

— זענען „זיי“ שוין געקומען?..

— מן-הסתם. איך בין אַ גאַנצען טאָג אין דערהיים ניש׳ט געווען. אָבער, ווי אַזוי וועסטו זיך מיט איהר טרעפען?

— היינט, פערשטעהסטו דאָך, איז שוין שווער... מאָרגען וועט די רבי׳שע אסיפה פאָרקומען, דער טאַטע וועט דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט פערעסקט זיין און דאַמאָלס...

דאַמאָלס... — האָט דוד אונטערגעהאַפּט, נאָר בײדע האָבן זיך ווי געשעמט וועגן דעם „דאַמאָלס" צו רעדן...

— אַלזאָ, מאָרגען, מאָרגען...

די חברים האָבן זיך די הענד געדריקט און זיך צושיידט.

נאָך 12 אַזייגער אין אָוונד איז שוין געווען, ווען דוד איז אַהיים געקומען, און עפּענענדיג די טהיר איבעראַשט געוואָרען.

אין צימער זענען די צוויי שוועגערינס געשטאַנען, אין די מאַנטלען אָנגעטהון, גרייט געווען צו געזעגענען זיך און ברוינשווייג'ס הויז צו פֿערלאָזען.

דוד איז ווי אין אַ פֿערלעגענהייט געבליבען שטעהן, געקוקט, רויט-ווערענדיג, דאָ אויף דבורה'לען און אויף איהר שוועגערין, דאָ אויף דער מוטער און שוועסטער. אַלע זענען אויסגעקומען אנטקעגען איהם, און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען. נאָר דאָ האָט איהם די מוטער פֿון פֿערלעגענהייט אַרויסגעהאָלפֿען:

— ווייסט, דוד, דאָס איז דאָך... דערקענסטו זי נישט?... דאָס איז דאָך גלאָזמאַנ'ס טאָכטער, דעם רבינ'ס שנור...

— כּוועס... כּ'דערקען... — האָט דוד געשטאַמעלט, וואַרפֿענדיג אַ זייטיגען בליק אויף דבורה'לען און מאַכענדיג דערביי אַ גאַנץ אונשולדיגע מינע.

און די שוועגערינס האָבן אַ גוטע נאַכט געוואונשען.

— די פֿערשוואַרצט מיר דאָס פּנים, דבורה'לע!... ווי פּאַסט דאָס פֿאַר דיר, פֿרעג איך, אַוועקצוזעצען זיך ביז נאָך האַלבע נאַכט ביי די ברוינשווייגס דאָרט?... ווי קומסטו אין אַזאַ שטוב אַריין? חברין זיך מיט זייער טעכטער'ל, עפּעס אַ פּאַרלע שטיק דאָרט... דאָס שלעפּט זיך שוין אַרום, זאָגט מען, מיט אַ חתן אַ דייטש, אַ געגאָלטע מאָרדע... און די מאַמע איהרע איז דען בעסער? און דער טאַטע, און דער ברודער איהרער, דער תכשיט... די גאַנצע שטוב דאָרט טויג שוין היינט, זאָגט מען, אויף כּפּרות... יעדע נאַכט איז די שטוב אָנגעלאָפֿען מיט „קאָלעזשאַנקעס", חברטעס, איין „גויה" גרעסער ווי די צווייטע, און מען לאַכט און מען שטיפּט און מען זינגט און מען שפּיעלט, נאָר נישט ווי אין קיין יודיש הויז!... און דאָס מאַמעלע, די מאַדאַם ברוינשווייג, האַלט מיט מיט דער קאָמפּאַניע, זיצט זיך

אויף דער פּלושענער אָטאָמאַנע און וואַקסט פֿון נחת ציקוקענדיג...
ווי קומט דאָס צו דיר, פֿרעג איך? ווי קומסטו אין אַזאַ שטוב אַריין?
דיר דאַכט זיך אַליין, ס'איז נאָך יענע יאָהרען, ווען דו ביזט נאָך
אַ יונג מיידעל געוועזען און איך האָב אָוועקגעקוקט אין דער זייט...
נישט צופֿיעל אַכטונג געגעבען, געלאָזט דיך חבר'ן מיט וועמען דו
האָסט געוואָלט... און טאַקי, ווי מען האָט דאָס אַליין קיין שכל
נישט צו וויסען, וואָס פֿאַר אַ רבינ'ס שנור פּאַסט יאָ און וואָס עס
פּאַסט נישט!... שוין דערלעבט, דאַנקען גאָט, אַ שטיקעל נחת פֿון
אַ קינד, דאַרף מיר איצט — שונאים זאָלען דאָס גאָרנישט דערלע-
בען! — דאָס פּנים פֿערשוואַרצט ווערען, און צוליעב וואָס? צוליעב
מאַדאַם ברוינשווייג'ס מויד דאָרט!... נאָך דאָס דאַרף איך איצט
חלילה; מיין טאָכטער, דעם רבינ'ס שנור, זאָל אין בייזע מיילער אַריינ-
פֿאַלען!... איך פֿרעג דיך, וואָס פֿאַר אַ זינען האָט דאָס? קומסט,
געלויבט דער אייבערשטער, צופֿאָהרען אין פֿריידען אַ ביסעל צו די
עלטערען. די מאַמעס האַרץ פֿרעהט זיך פֿון שטיקעלע נחת, וואָס זיין
ליעבער נאָמען האָט געשענקט, דערלעבט, ברוך השם, צו אַ שטיקעלע
גדולה. איך פֿאָהר מיט מיין טאָכטער, דעם רבינ'ס שנור, די גאַס
דורך און איך זעה, ווי מענשען זענען מיך, קיין עין-הרע, מקנא.
גוטע-פֿריינד שמייכלען צו מיר. שונאים לאָזען אַראָב די נעז און
פּלאַצען פֿון קנאה... ביזט ביי מיר אַ גאַסט, דער אָנגעלעגסטער גאַסט,
איך געה נישט אַוועק אַ גאַנצען טאָג פֿון שטוב. ביי מיר איז אַ שמחה,
מיין טאָכטער, דעם רבינ'ס שנור, איז געקומען צופֿאָהרען!... אַלע
קינדער זענען היינט לכבוד דיר אַהער געקומען. איך האָב צוגעגרייט
אַ גרויסאַרטיגע וועטשערע — מעדני מלכים. אַ באַל האָב איך אָנגע-
גרייט, אַ באַל לכבוד דיר, לכבוד דעם רבינ'ס טאָכטער רבקה'לע,
לכבוד אַלע קינדער, און גאָר פּלוצלונג — פֿאַרנאַכט, לאָזטו אונז
אַלע איבער, דו הויבסט זיך אויף און ווערסט נעלם ביז נאָך האַלבע
נאַכט. און וואוהין? צו די ברוינשווייגס, צו איהר מויד מיט איהרע
„קאַלעזשאַנקעס"!... און אַז די רביצין, פֿרעג איך דיך, וועט געוואָר
ווערען, וואוהין דו פֿיהרסט איהר טאָכטער רבקה'לע, און וואָסערע
הייזער דו פֿיהרסט זי צו גאַסט ביז נאָך האַלבע נאַכט, מיט וואָס
פֿאַר אַ מיידלעך און חבר'טעס דו בעקענסט איהר!... איך פֿרעג דיך,
אַז די רביצין וועט געוואָר ווערען?!...

מיט אַזאַ הקדמה האָט בעגעגענט שיינדעלע גלאָזמאַן איהר

שטאָלטער דבורה'לע און רבקה'לען, שפּעט ביינאַכט, ווען די צווייּ שוועגערינס זענען געקומען אהיים פון זייער בעזוך ביי די ברוינ־שווייגס.

אויסהערענדיג דעם לאַנגען מוסר, זענען די צוויי שוועגערינס געשטאַנען אונבעוועגט אויף זייערע ערטער, די אויגען צו דער ערד אראָבגעלאָזען.

פּלוצלונג האָט דבורה'לע די מוטערס ווערטער איבערגעריסען און איז אַרוים מיט אַ שטרענגען טאָן:

— זאָל שוין אַמאָל גענוג זיין דער מוסר! כ'וויל דאָס ניט הערען, שוין גענוג, גענוג!.. כ'וואָלט געבעטען די מאַמעשי, אַביסעל ווייניגער צו זאָרגען זיך פאַר מיין נשמה... וואָס מענשען מיט בייזע צינגער וועלען רעדען—גערט מיך גראָד גאַנץ קנאַפּ אָן, איך וועל טהון דאָס, וואָס איך פערשטעה, און וואָס איך געפין פאַר אָרענטליך! איהר האָט שוין גענוג געזאָרגט פאַר מיר ביז איצט און, דאַנקען גאָט, שוין פערזאָרגט מיך!... דערלעבט שוין, דאַנקען גאָט, נחת. שוין גענוג, שוין גענוג!...

— אַנ'אומגליק איז מיר! — האָט שיינדעלע גלאָזמאַן ערשטוינט פון אָרט זיך אויפגעהויבען — וואָס רעדסטו דאָס אומגלעבעם?...

— דאָ? — האָט ר' פּנחס גלאָזמאַן אויסגעשריען — וואָס בעדייט דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער?...

אַלע זענען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען און געשראָקען האָט די שטילקייט; דער טאַטע און די מאַמע האָבען זיך מיט אונפערשטענדליכע בליקען איבערגעוואָרפען ווי זיי וואָלטען זיך פרעגען:

— הא, ווי קומט דאָס צו איהר?...

XVII.

עס ברענט!...

מוהמע! — איז איציקעל מיט אימפּעט אריינגעפאַלען צו דער רביצין אין שטוב — מוהמע! עס ברענט! אַ פייער ברענט אין „הויף“!...

די רביצין איז געזעסען ביים פענסטער אויף אַ הויכען ווייך־געבעטע שטוהל, די פיס אויף אַ פיסען־בענקעלע אונטערגעשפּאַרט

און הויך אַ תחינה געלייענט, צושאָקלענדיג ערנסט מיט'ן קאָפּ.

ביי איציקעלס אומגעריכטען אריינקום און אויף זיין פלוצלונגען געשריי איז די תחינה פון דער רביצינ'ס האַנד אַרויסגעפאַלען, איהרע פיס האָבען זיך פון פיסען־בענקעלע אַראָבגעגליטשט און אַ דערשראָקענע האָט זי זיך פון דער שטוהל אַ חאַפּ געטהון:

— עס ברענט?... טאַטע זיסער, גוואַלד, וועה איז מיר! וואו? וואו ברענט?... וואָס זשע שטעהסטו, לויף און...

— לויפט נישט, לויפט נישט... זייט נִיט, מוהמע, אַזוי דערשראָקען, כ'מיין ניט דאָס... נישט אַזא פייער, מוהמע, מיין איך...

— וואָס הייסט?

— אַנאַנדער פייער, מוהמע, ברענט אין „הויף"... אַ גהינם־פייער ברענט!...

— אַ גהינם־פייער? וואָס רעדסטו דאָס? וועה איז מיר, איך ציטער...

יאָ, מוהמע, איך ציטער אויך... אין „הויף" האָט זיך די קליפּה אריינגעהאַפּט!...

— וועה, וועה, רייד נישט מעהר! מיטאָר אַזעלכע ווערטער פון מויל נישט אַרויסברענגען! אויף אַלע ווּיסטע וועלדער, אויף אַלע פּוסטע פעלדער!... היט אונז אָב, גאָט, בעשיצם אונז! אין זכות פון מיין מאַן, דעם הייליגען צדיק!... ווי קומט צו דיר, איציקעל, אַזעלכע ווערטער צו רעדען. וועה איז מיר...

— הלואי, מוהמע זאָל איך ליגען זאָגען — האָט איציקעל מיט אַ פרום־ערנסטע מינע אַרויסגערעדט און צוגעהענדיג נעהענטער צו דער רביצין, האָט ער דעם בריעף פון קעשענע אַרויסגענומען.

— געה איך מיר אַזוי, מוהמע, אָט דאָ ערשט אַריין צו מרדכי'לען אין חדר, געוואָלט דאָרט אַ ספר נעהמען... דער רבי מיט מרדכי'לען זענען נאָר־וואָס געדאַט אַוועקגעפאָהרען. זוך איך מיר אַזוי אַ ספר, און פּלוצלונג דערזעה איך אַ בריעף אויף דער פּאָדלאָגע ליגען, הויב איך אויף דעם בריעף און בעטראַכט איהם, דעם קאָנווערט בעטראַכט איך, פון דרויסען נאָר, און איך וויל איהם צוריק פון מיינע הענד אַוועקלעגען; וואָרום, סאיז, מוהמע, אַ חרם דרבינו גרשום, פרעמדע בריעף נישט צו לייענען... לעג איך דעם בריעף אויפ'ן טיש אַוועק און וויל פון חדר אַרויסגעהן, נאָר ביי דער טהיר האָט עס מיך צוריקגעצויגען, כ'האָב, מוהמע, געפיהלט ממש ווי עפּעס אַ כח שלעפּט

מיך צום טיש, צום בריעף, כ׳קאָן בשום אופן ניט ארויסגעהן... און איך פיהל בחוש, אז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיג... איך זעה, אז דער בריעף ציהט מיר צו זיך, און ממש כ׳קאָן די אויגען נישט אוועקגעהמען, און אַ פחד בעפאַלט מיך און עפּעס אַזאַ אימה... ס׳איז מן השמים, זעה איך, דאָ איז נישט פּראָסט... און איך לויף־צו צום טיש און נעהם געשווינד דעם בריעף פונ׳ם קאָנווערט אַרויס און איך הויב אָן לייענען די עטליכע שורות... און, מוהמע, פינסטער איז מיר אין די אויגען געוואָרען! דער בריעף איז מיר פון האַנד אַרויסגעפאַלען, און איך פאַל אַנידער אויף דער שטוהל אָהן כחות, מיט די לעצטע קרעפטען האַלט איך זיך אָן ביים קאַנט פון טיש, אַלע איברים ציטערען אין מיר, און עס בעפאַלט אויף מיר אַזאַ פחד... און כ׳שטאַרק זיך. כ׳הויב דעם בריעף אויף און וויל ווייטער לייענען, נאַר — נישט מעגליך, כ׳קאָן נישט... מוהמע! וועה צו די אויגען, וואָס זעהען דאָס!...

די רביצין האָט זיך אָן דער שטוהל אָנגעהאַלטען, פון איהרע אויגען האָבען שרעק און פערוואונדערונג אַרויסגעקוקט און זי האָט געציטערט:

— אין זכות פון מיינע אבות הקדושים, און זכות פון מיין מאַן, דעם הייליגען צדיק! היט אונז אָב, גאָט!... וועה, וועה, און וואָס האָסטו האָרט, אין בריעף געזעהן? צו וועמען איז דער בריעף געשריבען?...

— צו מרדכי׳לען, מוהמע. פון וואַרשאַ איז דער בריעף, פון אַ חבר אַני... אַפּיקורס...

— מרדכי׳לעס חבר אַן אַפּיקורס?!... גאָט אין הימעל! וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער?... זיי געוואָרענט, איציקעל, געדענק, רב שפּיעלסט זיך מיט פייער!...

— איך ווייס, מוהמע, איך ווייס. יאָ, אמת, כ׳שפּיעל זיך מיט פייער; אַ פייער, אַ גהינם־פייער ברענט אין „הויף"!... גאָט ווייסט, ווי ס׳איז מיר נישט ניחא אַ שליח פון אַזעלכע בשורות צו זיין!... וועה איז — איך זאָל זאָגען, וועה איז — איך זאָל נישט זאָגען! מוהמע, ביז איצט האָב איך אין זיך דעם סוד געטראָגען, נאַר — מעהר טאָר איך נישט!... שוין זינט אַ קורצע צייט איז דאָס, און געזעהען האָב איך, ווי מרדכי׳לע איז פאַרנאַכט, ווען דאָ אין בית־המדרש דאַרט מען מנחה ומעריב געדאַוונט, איז ער דורך הינטער־טאָמען אַוועק אונטער דער

שטארט ארויס, אהין צום מילנער, צו זלמן דעם אפיקורס...!

— וועה צו די אויערען!... מרדכי'לע! מיין מרדכי'לע? גאט אין הימעל!

— פון וואנען, מוהמע, ווייס איך דאס?... ווייל שוין פון א צייט אהער, ווי מיר האט זיך אויף איהם א חשד דערוועקט. דאס האר'ץ האט מיר געוועהטיגט, און ממש ווען איך פלעג וועגען דעם דאזיגען רעיון טראכטען, זענען מיר די כחות געווארען אבגענומען; כדמעות שליש, מוהמע, האב איך געוויינט: אזא איידעל קינד געהט-אראב פון דרך הישר און גיט זיך איבער צו די חצונים אין די הענד... אוי חעה, במזיד פערקויפען זיך צו דער „סטרא-אחרא“, צום ס"ם רחמנא ליצלן!...

די רביצין איז אויף דער אנלעהן פון דער שטוהל אנידערגעפאלען, און איציקעל האט מיט א פרום יראת-שמים פנימעל וויטער גערעדט:

— פון וואנען, מוהמע, איך ווייס?... איך וואלט דאס טאקי ניט אנגעהויבען צו וויסען, דען ווען וואלט חלילה אזעלכע רעיונות אויפ'ן געדאנק געקומען?... זיצט מרדכי'לע יום-ולילה ביי זיך אין חדר פערמאכט, רעדט מיט קיינעם קיין איבעריג ווארט נישט, קיינמאל האט ער קיין צייט ניט. געהט ער איבער'ן „הויף“ — לויפט ער געשווינד, שטארק פערטהון אין מחשבות, שטעלט זיך מיט קיינעם ניט אב, בתמימות לויפט ער צו זיך אין חדר, וואו עס ליגט שטענדיג אויפ'ן טיש א שטוים ספרים מיט גמרות אנגעלעגט. וואס האט מען געמיינט? מען האט געמיינט, ער זיצט דארט און איז יום-ולילה עוסק אין תורה ועבודה, איז אין די הייליגע ספרים פערטהון... ווי זשע האט מען דען געקאנט אנדערש מיינען, ווי זשע האט מען דען געמעגט אנדערש טראכטען?... און ווער זאל זיך גאר ריכטען, ווען מען האט דאס געקאנט איינפאלען, דאס אין דער צייט, ווען ער איז ביי זיך אין חדר פערמאכט, דאמאלס, ווען אויפ'ן טיש ליגען הייליגע ספרים, דאמאלס איז גאר מרדכי'לע עוסק אין דער קליפה רחמנא ליצלן...

די רביצין האט א שרעקליכען געשריי ארויסגעלאזען.

— פון וואנען, מוהמע, איך ווייס דאס?... — האט איציקעל אין א מינוט ארום וויטער אנגעהויבען — דען איינמאל, ס'איז פאר עטליכע וואכען צוריק געווען, געה איך מיר אזוי פארנאכט דא איז

גאָרטען, נעבען „הויף" און איך חזר מיר איבער די תורות, וואָס איך האָב שבת ביים טיש פֿון רבין געהערט. איך האָב זיך אַזוי פֿערטיעפֿט דערין... מוהמע, פֿון יעדען וואָרט, וואָס איך האָב פֿון די תורות איבערגעחזר'ט, האָב איך אַזאַ מתיקות, אַזאַ זיסקייט אין אַלע מיינע איברים געפֿיהלט, כ'האָב ממש געשפּירט בחוש, האָט איך שוועב דאַמאָלס אין אַנדערע עולמות!... געה איך מיר אַזוי, מוהמע, איבער די לאַנגע וועגען אינ'ם גאָרטען אַהין און צוריק און איך לערן מיר בכונה וואָרט אָן וואָרט, און גאָר פּלוצלונג — און אַ מאָרטנער־שטילער ניגון דערגרייכט צו מיינע אויערען. דאָס קול, וואָס לערנט מיט דעם מאָדנעם ניגון איז מיר עפּעס בעקאַנט, שטאַרק בעקאַנט. נאָר דער ניגון אַליין, דער ניגון מיט די ווערטער וואַרפֿט אויף מיר אַ שרעקען: ס'איז נישט אונזער ניגון, ס'איז נישט דער ניגון פֿון „הויף"... די ווייסט דאָך מן הסתם, מוהמע, דאָס די הייליגע ספרים זאָגען, אַז ס'איז אַ „היכל־הניגון" פֿאַרהאַן... יעדער ניגון האָט זיך זיין שורש אויבען... זה לעומת זה האָט גאָט בעשאַפֿען, און יעדער זאַך, וואָס ס'איז פֿאַרהאַן ביי דער קדושה, איז להבדיל, אויך פֿאַרהאַן ביי דער טומאה... און דער מענש, וואָס איז אַ בעל־מדרגה, וואָס אין זיין מוח האָבען קיין מחשבות־זרות קיין אָרט ניט, בשעת ער דערהערט איינעם אַ ניגון זינגען און נישט נאָר אַ ניגון, נאָר אפילו אַ בלויזע תנועה, קאָן ער גלייך מבחין זיין און דערקענען, צו וועלכען היכל דער דאָזיגער ניגון געהערט און וואו זיין שורש איז...

— וואויל איז איהם און וואויל איז זיינע עלטערען... — האָט די רביצין שטיל געשעפּטשעט און זיך ערנסט צוגעהערט צו איציקעלס פֿרומע תורה־ווערטער — אַ כשר קינד איז דאָס, שוין אַ פֿאַרטיגער צדיק... נאָר מיר איז וועה, וועה... מיין מרדכילע איז, גאָט זאָל אויסהיטען, אַוועק, אַוועק...

— הער איך אַזוי, מוהמע, דעם ניגון, און די ווערטער, וואָס ווערען פֿונ'ם ניגון בעגלייט, און איך פֿיהל, אַז ס'איז פֿרעמד, אַז ס'איז וויט... אַז ער שטאַמט רחמנא ליצלן, פֿון יענעם צד, פֿון יענעם היכל, פֿון דאָרט ציהט זיך זיין שורש... און אַ פּחד בעפֿאַלט מיך: ווער זאָל דאָס זיין? ווי קומט אַזאַ ניגון אין „הויף"?...

— וועה איז מיר, ווער זאָל דאָס זיין? וואו קומט אַזאַ ניגון אין „הויף"?... — האָט די רביצין ציטערענדיג די ווערטער נאָכגעשעפּטשעט און מיט וואונדער־שרעק אויף איציקלען געקוקט.

און איך געה מיר אַזוי פּאַמעלעך צווישען די בוימער און דערנעהענטער מיך צום אָרט פון וואַנען דער ניגון מיט די ווערטער ציהען זיך און, אַלע איברים האָבען אין מיר אָנגעהויבען צו ציטערען. כ'טהו אַקוק: מרדכי'לע איז איבער אַ „ביכעל" אריבערגעבויגען און געשווינד האָט ער דאָס ביכעל אין בוזעם בעהאַלטען...

די רביצין האָט די הענד פערבראָכען און פון אירע אויגען האָט אַ קוואַל טרעהרען געגאָסען...

— איך האָב געשוויגען ביז איצט, איך האָב נאָך קיינעם פון דעם ניט דערצעהלט. געדענקט האָב איך אַלץ, טאָמער וועל איך איהם קאָנען מחזיר למוטב זיין... זיין געפאַנגענע נשמה פון דער נעץ אַרויסראַטעווען.. און היטען האָב איך איהם פון דאַמאָלס אָן אָנגעהויבען היטען די טריט זיינע, ביז איך האָב איהם געזעהען צווישען מנחה-ומעריב פון בית-המדרש אַרויסלויפען. איך בין איהם נאָכגעגאַנגען און געזעהען, דאָס ער איז צו זלמן דעם אפיקורס אין הייזעל אַריין... נו, און זאָל די מוהמע זעהען, וואָס אין דער בריעף רחמנא ליצלן שטעהט...

— לייען, לייען — האָט די רביצין שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ מיט אַ וויינענדיגע שטימע געזאָגט.

איציקעל האָט אַ פרומען זיפץ געטהון און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. און עפענענדיג דעם בריעף, האָט ער פריהער די אויגען אין דער הייך פערגלאָצט, נאָך עטליכע זיפצען געטהון און מיט אַן ערנסט-קלאָגעדיגע שטימע האָט ער לאַנגזאַם צוגעגעבענדיג יעדעם מאָל אַ פירוש, דעם בריעף פאַר דער רביצין געלייענט.

די רביצין האָט די קאָפּ צווישען די הענד אָנגעשפּאַרט, מיט שרעק יעדעם וואָרט געשלינגען און אַ אוי-וועה האָט די גאַנצע צייט פון איהר מויל ניט אויפגעהערט.

מיט אַ פרום ערנסטע תנועה האָט איציקעל דעם בריעף פאַר דער רביצין געלייענט, אָבשטעלענדיג זיך יעדע ווייל'ע, אַרויסלאָזענ-דיג אַ פּאָר האַרציגע זיפצען... וואָרט-ביי-וואָרט האָט ער געלייענט און יעדעם מאָל אַ בליק געוואָרפען אויף דער רביצין, אום צו זעהען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף איהר...

ער האָט געלייענט, ווי אַזוי מרדכי'לעס חבר, דוד, שרייבט צו איהם, דאָס ער האָט ערהאַלטען אַ בריעף פון מחותנ'ס „הויף", אין ב. פונ'ם רבינ'ס שנור, ווי אַזוי ד' גיסט פאַר איהם דאָס האַרץ אויס

אין זי קאן מעהר נישט איבערטראגען דאס לעבען אין „הויף" א. ז. ו.

און איידער ער האט גענומען לייענען די ווייטערדיגע שטעלע פונ'ם בריעף, האט זיך איציקעל אבגעשטעלט און א טיעפען זיפץ געטהון...

— וועה איז מיר, וועה איז צו די אויערען! — האט די רביצין געהאלטען די הענד פערבראכען און אהן אויפהער געזיפצט — אוי וועה, וואס נאך שטעהט געשריבען? וואס האסטו זיך, איציקעל, אבגעשטעלט?

— איך קאן ניט מעהר, מוהמע, — האט איציקעל א שטארקען זיפץ געטהון און דעם בריעף פון דער האנד אוועקגעלעגט — מוהמע, איך קאן ניט...

— לייען, איציקעל, וועה איז מיר, לייען.

— „די צווייטע וואך, דינסטאג, דאס הייסט היינט, קומט זי קיין ווארשא — האט איציקעל מיט א קלאגענדיגען טאן געלייענט די ווייטערדיגע שטעלע אינ'ם בריעף — „און אום נישט צו דערוועקען אין „הויף" קיין חשד אויף איהר אומגעריכטער רייזע, ווייזט זי זיך די גאנצע צייט, דאס זי איז שלאף און די רביצין אליין האט איהר שוין געמאכט א פארשלאג, דאס זי זאל פאהרען קיין ווארשא צו א דאקטאר, וואו זי רעכענט שוין אגב צו פערברענגען א קורצע צייט ביי איהרע עלטערען... בעגלייטען זי קיין ווארשא, וועט איהר די יונגע שוועגערין רבקה'לע, דיין כלה"...

— וואס־זשע הייסט דאס? וועה איז מיר, וואס־זשע הייסט דאס?

— „דיין כלה, מרדכי'לע, איז גאר גאנץ אנדערש, ווי איך האב וועגען איהר ביז איצט געטראכט, אונטער דעם איינפלוס פון איהר שוועגערין, דבורה'לע, הויבט זי אן אנדערש צו טראכטען און אנדערש אויפ'ן לעבען צו קוקען... זי טראכט נאר וועגען דיר און גארט דיך צו זעהען... ווען־אן אלע מעגליכע מיטלען, די זאלסט אויך אינ'ם זעלבען טאג, דינסטאג, קומען קיין ווארשא, וואו דו וועסט זיך בע־געגענען מיט דיין כלה און...

איציקעל האט די לעצטע ווערטער ניט געענדיגט. ער האט דעם בריעף א וואָרף געטהון אויפ'ן טיש און איז אויפגעשפרונגען פון דער שטוהל כלומרש'ט א צוטראגענער... ער האט ארומגענומען דעם

קאָפּ מיט ביידע הענד און ווי אַ שרעקליך־אויפגערעגטער, אַרומגעלאָפען איבער'ן שטוב:

— ווער זאָל זיך דאָס ריכטען! ווער זאָל גאָר אַזעלכעס גלויבען! אוי, אוי, אוי! אַ פייער, אַ גהינם־פייער האָט אַלע „הויפען" אַרומגעכאַפּט, אַלע, אַלע „הויפען"!... דער ס"ם ימח שמו האָט זיין נעץ פערשפּרייט. ער האָט זיך גענומען צו דער קדושה, צו די „גוטע־יודען" און צו די „הויפען"!... די קליפּה האָט בעקומען שליטה. זי איז אַריין אַהער אין אונזער תחום און איז זיך מתדבק אין די בנן של קדושים!... מוהמע! פאַר וואָס שווייגט מען, וואו זענען די „גוטע־יודען", וואו זענען די צדיקים, פאַר וואָס שווייגען זיי?... אוי, אוי, אוי! דער שטן ימח שמו פערשלעפּט די הייליגע יונגע נשמות פון די „הויפען" אַהין אין דער שאול תחתיה... אוי, אוי, אוי! וכל באיה לא ישובון... פון דאָרט קומט מען שוין ניט צוריק רחמנא ליצלן!... די יונגע נשמות ווערען געפאַנגען, דאָ — דעם רבינ'ס זוהן, דאָרט — דעם רבינ'ס טאָכטער און דעם רבינ'ס שנור!... מוהמע! וואו זענען די „גוטע־יודען"? וואו זענען די צדיקים? פאַרוואָס שווייגען זיי?...

די רביצין איז מיט פערבראָכענע הענד געזעסען אויף דער שטוהל אָהן שום בעוועגונג. זי האָט שוין מעהר ניט געוויינט, ניט געזיפצט, נאָר שטום מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט, קאַלט און שטאַר האָבען איהרע אויגען געקוקט אויף איין אָרט, אויף איין פּינטעל האָט זיך דער בליק אַ לאַנגע צייט אָבגעשטעלט און ווי פערגליווערט געוואָרען...

איציקעל האָט זיך הין און צוריק איבער'ן שטוב אַרומגעדרעהט, געזאַמעלט די מחשבות, געטראַכט פּלענער אויף ווייטער און אין הארצען האָט עס איהם שטאַרק הנאה געטהון:

— ס'געהט אַ גאַנג... דער „קליינער" וועט מיך האָבען צו געדענקען... זאָל ער וויסען אויף נאָכאַמאָל אָנצוהויבען מיט איציקלען!...

— מוהמע! — האָט איציקעל ווייטער אָנגעהויבען, צוגעהענדיג נעהענטער צו דער רביצין.

נאָר פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען צוריק און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— וואַסער! וואַסער!... גוואַלד, ראַטעוועט! די רביצין חלשט!...

באַלד האָט זיך אין „הויף" אַ טומעל אויפגעהויבען; פון קינד,

פון בית-המדרש איז מען געקומען צולויפען און דער רביצין גע-מינטערט.

איציקעל האט דערווייל געחאפט דעם בריעף פון טיש און גע-שווינד אין בוזים בעהאלטען...

די רביצין האט די אויגען געעפענט און קומענדיג א ביסעל צו זיך, האט זי א מאך געטהון מיט דער האנד און געוויזען, דער עולם זאל ארויסגעהן.

— וואס איז אזעלכעס פארגעקומען? וואס איז די סבה פון איהר חלשות? — האבען אלע פערוואונדערט געפרעגט.

— עט, ס'איז גארנישט..., האט איציקעל אלעמען בערוהיגט, א שוואך מענש, איז איהר עפעס ניט גוט געווארען... ס'איז גארנישט, גארנישט...

איציקעל איז געבליבען אליין מיט דער רביצין, וועלכע איז א לאנגע צייט געזעסען אויסגעצויגען אויף דער ווייכער שטוהל.

— איציקעל! — האט זיך די רביצין מיט א שוואך-ציטערענדע שטימע געווענדעט צו איהם — הייס איינשפאנען די קארעטע, איך פאהר צו דער באהן.

— וואוהין?

— אהין צו דער מחותנת'טע, צו דער רביצין אין נ. זאל זי אויך פון דעם אומגליק וויסען!...

— אליין וועט די מוהמע פאהרען?

— יא, אליין, אליין, קיינער וועט מיט מיר ניט מיטפאהרען, זאל קיינער חלילה ניט וויסען, ניט געוואהר ווערען... אפשר וועט גאט רחמנות האבען, אין זכות פון מיינע אבות הקדושים, אין זכות פון מיין מאן, דער הייליגער צדיק!...

און נאך אינ'ם זעלבען טאג איז די חאשטינער רביצין אנגעקו-מען קיין נ., און ווען זי איז אריין אין „הויף" און האט איהר מחותנת'טע, די רביצין בעגעגענט, איז זי איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און זיך צוחליפעט:

— מחותנת'טע, רביצין!... עס ברענט!... אין „הויף" ברענט א פייער!...

XVIII.

חתן כלה געהען אין טעאטער.

— א פראנט, אנ'אמת'ער פראנט! — האט אויסגערופען דוד און צוגעפיהרט מרדכי'לען צום גרויסען שפיגעל.

תארום דוד, וועלכער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צונויפפיהרען די רבי'שע קינדער, חתן־כלה צוזאמען, מאכען זיי היימישער און בעקאנטער, האט מיט זיין שוועסטער ריוושע אבגעשמועסט, מ'זאל די דאזיגע קליינשטערטעלדיגע קינדער אין טעאטער פיהרען; דארט וועלען זיי ערשט רעכט די אויגען עפענען און זעהען גאט'ס שענע וועלט און אנדערע חדושים... און געבליבען איז ביי זיי, ביי דוד'ן און ביי זיין שוועסטער ריוושען, מ'זאל די זאך איינארדנען אזוי, אז עס זאל זיין א „סורפריז", אנ'איבעראשונג, פאר ביידען: ריוושע זאל פריהער געהן אין טעאטער מיט דבורה'לען און מיט איהר שוועגערין רבקה'לע, און דערנאך וועט ער, דוד, מרדכי'לען אהינברענגען, אזוי, דאס אומגעריכט וועט די „בעגעגעניש" צווישען חתן־כלה פארקומען; אײנער וועט זיך גישט ריכטען דעם צווייטען צו טרעפען...

און זעהר פיעל ארבייט האט עס געקאסט דוד'ן ביז ס'איז איהם געלונגען זיין חבר מרדכי'לען איבערצורעדען, ער זאל מיט איהם אין טעאטער געהן. ווארום שווער איז געווען דעם רבינ'ס זוהן צו פועל'ן ביי זיך טהון אזא זאך. אמת טאקי, ער איז א משכיל, לייענט ביכער און האט שוין גאר אנדערע געדאנקען, אבער אין טעאטער?... געוואלד געשריען, דעם חאשטינער רבינ'ס זוהן אין טעאטער?... שווער, אוי, ווי שווער!...

— נארעלע, האט דוד געטענה'ט צו איהם און געלאכט, וואס הייסט שווער?... וואסער חטא איז פאראן דערביי?... ס'איז גאר נישט שען אזעלכע ווערטער איבערצורעדען... אדרבה, פערקעהרט, א מענש מיט פערשטאנד, א „בעלעזענער" מענש... פרי'ן האסטו געלייענט?...

— כ'האב געלייענט, אודאי געלייענט, אבער געוואלד געשריען... וואס הייסט? און אז עס וועט מיך דערזעהען דארט א בעקאנטער....

— הערסטו, חכם! אז יענער מעג — מעגסטו דאך אויך!... אז

יענער וועט דערצעהלען — וועט ער זיך דאך אליין פערשיטען!...

און גלייך האט ער איהם אװעקגעפיהרט אין א „מעבלירטען צימער", וואוהין דוד האט איהם געבראכט זיין שבת'דיגען, האלב־חסידישען, האלב־פאצעטישען גארניטור, גענומען איהם איבערקליידען און „אויסטראיען" און מאכען איהם א לייטיש פנים...

שטעהט איצט מרדכי'לע ביים שפיגעל פון „מעבלירטען צימער", זיין פנים איז רויט, אויף די ליפען האט זיך א שעמעוודיגער שמייכעל צולעגט, ער קוקט אין שפיגעל און קוקט, און דערקענט זיך אליין נישט... מיט אפענע אויגען און מיט א מאדנעם חדוש האט ער בעטראכט אויף זיך דעם האלב־אינטעליגענטען גארניטור, דוד'ס שבת'דיגען אנצוג, אין וועלכען ער האט זיך איצט געפוצען. לאנג האבען זיך זיינע בליקען אפגעשטעלט אויף די שווארצע „געדאקטע קאפאטע" מיט די פיין־געפרעסטע זיידענע קלאפען; אויף די קליינע גימזענע שטיוועלעך, וועלכע זענען געלעגען אויף די פיס ווי אויסגעטאקט. און אויף דעם קליינעם טוכען היטעלע, האט ער א קוק געטהון, ווי דאס איז אויפ'ן סאמע שפיץ קאפ געלעגען און אין איהרע קאנטען האט זיך פערבארגען די לאנגע בלאנדע פאות, וואס אמאל, אמאל, פלעגען די דאזיגע פאות מיט שטאלץ זיך איבער די קינבאקען אראב־לאזען, פערקרייזלען זיך אונטער דער גאמבע ארונטער, מיט גדלות זייער יחוס פאר דער וועלט דערצעהלען, און ווייבער האבען מיט קנאה אויף די דאזיגע „געלאקטע" פאות געקוקט, און מיט אזעלכע קינדער געבענשט זיך... איצט האבען זיי זיך אונטער'ן היטעל בעהאלטען, היבשע מינוטען האט דאס בערשטעל געארבייט, ביז ס'האט זיי פיין ארונטער פערקאמט, די וועלט זאל חלילה קיין זכר פון קיין פאה נים דערקענען... און אויף דעם ווייסען געפרעסטען קעלנערעל האט זיך זיין בליק אפגעשטעלט און אויף דעם שווארצען שלייף, וואס האט זיך ווי צוויי פליגעל פון ביידע זייטען פערשפרייט. און געמאכטען האט דער בליק אין שפיגעל דעם גאנצען „פאצעט" פון אויבען ביז אראב און די אויגען האבען זיך אליין נישט דערקענט און זיי האבען זיך אליין נישט געגלויבט...

און מיט א בלוט־רויטקייט איז מרדכי'לעס פנים געווארען אנגעגאסען, ער האט זיך נישט געקאנט פון שפיגעל אברייסען, געקוקט מינוטען־לאנג אויף זיך, בעטראכט די גרויסע ענדערונג, וואס די קליידער האבען אויף איהם געמאכט, און אויף זיין געזיכט האט זיך

אויסגעדריקט פערוואונדערונג אויסגעמישט מיט זיינבעוואוסטע שרעק...

— ט, ווי געפעלט דיר?... ווען דער „הויף", מרדכי'לע, זאל אויף דיר איצט א קוק טהון!... — האט דוד א צופרידענעם שמייכעל געטהון.

— ווען דער „הויף" זאל איצט א קוק טהון אויף מיר... — האט מרדכי'לע די ווערטער איבערגע'חזר'ט און כלומרשט א שמייכעל געטהון. דער שמייכעל איז אבער נישט קיין נאטירליכער געווען, דען גלייך איז ער פון זיין פנים פערשוואונדען און אין אנ'ערנסטקייט פערביטען געווארען. און קענטיג איז געווען, דאס עפעס אונרוהיג איז ער, מרדכי'לע, עפעס האט זיך, ווייזט-אויס, צו איהם אין הארצען אנ'אומעטיגער געדאנק פערגנב'עט, פייניגט איהם און גיט איהם קיין רוה נישט...

דוד האט זיין אונרוהיגקייט בעמערקט און געלאכט:

— ס'איז דער כח פון „טראדיציע"... דאס שווערקייט צו ביטען די געוועהנהייט, דאס, וואס עס איז דעם מענשען, ווי א צווייטע נאטור געווארען... דאס אלטע, טיעף-איינגעווארצעלטע רגילות פירט א קאמפף מיט'ן ווילען, מיט'ן אייגענעם פערשטאנד... דאס אלטע — איז אלט, טיעף איינגעגעסען, און דאס נייע — איז נאך נייע... איז דאס אלטע שטארקער און דאס נייע, דאס פרישע, וואקעלט זיך... „די נשמה ציהט צו איהר שורש", ווי עס זאגען די מקובלים...

— נארישקייטען, — האט דוד א מאך געטהון מיט דער האנד.

— נארישקייטען — האט אויך מרדכי'לע נאכגעשעפטשעט. נאר אין הארצען האט איהם עפעס שרעקליך גענאגט און וועה געטהון...

א היסער זומער-פארנאכט איז געווען, ווען זיי זענען ארויס אויפ'ן גאס. די טראטוארען זענען פול געווען מיט שפאצירענדע, די טראמווייען — געפאקט. מענשען האבען זיך פון דער הייסענדער שטאדט און פון איהר קאכעדיגען דו-הא געריסען, געוואלט זיך בעפרייען פון דעם דריקענדען הייסען קאשמאר, ענטלויפען פון דעם שטיקענדען נעבעל, פון הייש און טומעל, און ארויפגעחאפט זיך אויף טראמווייען און דראשקעס, און ווי מען ענטלויפט פון א בהלה,

האבען זיך מענשען געאיילט ארויס אונטער דער שטאדט, אין די פרייע אלעען, וואו הינטער א בוים, הינטער א באנק וועט מען זיך אוועקזעצען, פריי דאס מויל עפענען און א ביסעל ריינע לופט שלינגען...

גיך, מיט איילענדיגע טריט, האבען די צוויי חברים זיך פון די יודישע גאסען ארויסגעקירעוועט, קוקענדיג בעת מעשה ארום זיך פון אלע זייטען מיט שרעק, ס'זאל זיי קיין בעקאנט אויג ניט דערזעהען, און געלאזט זיך געהן אין דער ריכטונג צום יודישען טעאטער.

ביי דער טהיר פון טעאטער זענען זיי א וויילע שטעהן געבליבען.

— וואס האסטו זיך אבגעשטעלט? — האט דוד געפרעגט.

מרדכי'לע האט גישט געענטפערט. די קניהען האבען איהם געציטערט, דאס הארץ — געקלאפט און אויף זיין פנים האבען זיך די קאלירען געביטען..

אויפ'ן טראטואר האבען זיך פון די ארומיגע גאסען, יעדע וויילע, אלץ נייע געסט, טעאטער-בעזוכער, געצויגען, און יעדעס מאל, ווען עס פלעגען עטליכע פערזאן צום טעאטער אנקומען, האט זיך מרדכי'לע לאנגזאם פון דער טהיר צוריקגעצויגען, עפעס ווי אבגעשפרונגען צוריק, זיך אן דער זייט אין א ווינקעל פערדריקט און די אויגען האבען זיך צו דער ערד אראבגעלאזען, ווי זיי וואלטען זוכען אן ארט, וואו צו בעהאלטען זיך...

— לאמיר אריינגעהן... — פלעגט דוד יעדעס מאל זיין חבר מינטערען.

אלס ענטפער פלעגט מרדכי'לע רויט ווערען, א פערשעמטען שמייכעל טהון און שטאמלען:

— אט באלד, אט באלד... — און זיך נאך מעהר אינ'ם ווינקעל פערשטעקט...

דער עולם אויפ'ן טראטואר איז וואס א מינוט שיטערער געווארען. פלעגט א פערשפעטיגטער בעזוכער אנקומען, איז ער געשווינד אינ'ם אריינגאנג פון טעאטער נעלם געווארען און זיך געאיילט זיין פלאץ צו פערנעהמען. דער קארידאר ביי דער קאסע איז ליידיג געווארען: אין טעאטער האט שוין דער ערשטער אקט געשפיעלט. מרדכי'לע האט נאך עפעס געשטאמעלט, ארומגעקוקט זיך אין אלע זייטען, ביז דוד האט איהם פעסטער א ציה געטהון פאר'ן ארבעל און ביידע זענען אריין אינוועניג...

אין טעאטער איז שוין פינסטער געוועזן, דער עולם איז אין די איבערפילטע רייהען געזעססען און אנגעשטרענגט די אויגען צו דער אפענער סצענע. דוה איז געשטאנען פאראוים און די נומערירטע פלעצער אויפגעזוכט. מרדכי'לע האט זיך פון הינטען נאכגעשלעפט און נייגיעריג מיט א מאדנעם חידוש ארום זיך געקוקט און זיין פנים האט געפלאמט פון היציקייט...

דוה האט ענדליך די ריכטיגע רייהע געפונען. ער איז פריהער ארונטערגעגאנגען און זיך אויף זיין פלאץ אוועקגעזעצט, נעבען איהם האט מרדכי'לע זיין ארט פערנומען.

ארום האט א שטילקייט געהערשט, הארץ און אויג זענען צו דער בעלייכטענער סצענע געווען געווענדעט, אלעמענס געדאנקען און געפיהלען האבען זיך איצט ארום דעם איינעם פונקט קאנצענטרירט; יעדע בעוועגונג, יעדער אויסדרוק דארט אויף דער סצענע, האט דא אין יעדענס הארץ זיין אפקלאנג געפונען, און יעדע הווילע די געפיהלען, די שטימונג געביטען.

איינער נאר איז צווישען עולם געזעססען, גלייך מיט די אויגען צו דער סצענע געקוקט און דאך — גארניט געזעהען, ניט געהערט, ניט בעמערקט כמעט, וואס אויף דער סצענע קומט פאר...

ווי בערוישט איז מרדכי'לע די גאנצע צייט אויף זיין פלאץ געזעססען; אלץ איז איהם דא אויסגעקומען אזוי אונפערשטענדליך און מאדנע: דער זאל, די סצענע, דאס פובליקום, די אקטיארען און דאס שפיעלען. גיי און מאדנע פרעמד. געדאכט האט זיך איהם די ערשטע מינוטען, אז פון אלע זייטען קוקט מען אויף איהם, הונדערטער אויגען שטעכען זיין פנים און פלייצע, און ער האט זיך אנגעשטרענגט מינוטען-לאנג די אויגען ניט אויפצוהויבען... ערשט שפעטער א ביסעל, נאכדעם, ווי די ערשטע איבעראשונג איז פאריבער, האט ער לאנגזאם אויפגעהויבען די אויגען און גענומען בעטראכטען די פערזאנען, וואס זענען ארום און הינטער איהם געזעסען, און פייער-רויט איז ער געווארען, ווען ער האט פלוצלינג דערזעהען זיך זיצענדיג נעבען עטליכע אינטעליגענטע פרויען אין „באלאווע“ קליידער, און פון אונטער די קורצע ארבעל פון זייערע ווייסע לייכטע בלוזען, האבען ביז דער העלפט ענטבלויזטע הענד זיך פריי נעבען איהם בעוועגט... און שטארקער איז די היציקייט אויף זיין

פּנים געוואָרען, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, אונבעקוועם און ענג האָט ער זיך אויף זיין פּלאַץ געפיהלט...

ער בעמיהט זיך זיינע אויגען צו דער סצענע אָבצווענדען, ווילען זיך צוזאַמען מיט'ן גאַנצען פּובליקום, פיהלען זיך פריי און גוט-אויפגעלעגט, ווי זיי — אונמעגליך! אַנדערע בילדער, אַנדערע סצענען האָבען זיך איצט גענומען, ווי אויף להכעיס, איהם ערגערען, און אין בילד נאָכ'ן צווייטען, אין סצענע נאָך דער צווייטער שוועבען פאַר זיינע אויגען: דאָס שטעדטעל, דער „הויף", זיין אָבגעזונדערט חדר, די חסידישע סביבה, זלמן דעם אפּיקורס הייזעל... און אַרומקוקענדיג זיך, וואו ער געפינט זיך איצט, ווערט ער עפּעס פּלוצלונג אַזוי שפּאַסיג ביי זיך, אַזוי אַראָבגעפאַלען, קליין און נישטיג... דאָרט אין „הויף" האָבען טויזענדער חסידים אויף איהם מיט הכנעה, מיט דרך-ארץ געקוקט, אַלע זענען פאַר איהם פּשוט בטל געוואָרען... ער איז דער חכם, דער מושלם געווען, זיינע ווערטער האָט מען געשלונגען, זיינע טריט — געצעהלט... און דאָרט אין יענעם קרייזעל, ביי זלמן דעם מיהלנער'ס זוהן, האָט מען איהם פאַר דעם געבילדעטסטען געהאַלטען, אַ „פאָלקאָמענער" מענש, אַן אמת'ער אינטעליגענט, וואָס האָט זיך שוין מיט אַסך ביכער אָנגעלייענט, וואָס קען און פערשטעהט דאָס לעבען, און פריי מיט פעסטע טריט איז ער שוין פעהיג אויף דעם וועג פון נייעם לעבען צו געהן...

און דאָ?...

האָט ער זיך נאָר מיט'ן ווירקליכען לעבען צוזאַמענגעטראָפען, איז ער אין אַ געזעלשאַפט פון אינטעליגענטע מענשען געקומען, און — ווי פרעמד ער פיהלט זיך, ווי מאָדנע פרעמד עס איז אַלעם אַרום, ענג און אונבעקוועם... ער שעמט זיך אַליין פאַר דעם האַזיגען געדאַנק, און דאָך פיהלט ער אָבער — אַ חרפה צו דערצעהלען! — דאָס עס האָלט זיך איהם וועלען אַנטלויפען פון דאַנען, אַנטלויפען פון דער גרויסער שטאָדט, פון „לעבען", פון דער געבילדעטער סביבה, אַנטלויפען אַהיים צו זיך דאָרט אין'ם אָבגעזונדערטען חדר, ווי תמיד דאָרט די טהיר פערשליסען און פערטיפען זיך אין די „ביכלעך", אין יענע „ביכלעך", אין וועלכע עס ווערט דאָס „לעבען" געשילדערט און וועגען לעבען דערצעהלט... דאָרט אין'ם אָבגעשלאָסענעם חדר, פאַנטאַזירענדיג וועגען אַ ניי „לעבען", האָט ער זיך אַזוי היימיש און ליעבליך

געפידלט, אזעלכע אנצינדענדע בילדער האט דאס ביכעל פאר איהם געמאהלט... און דא? —

עטעס שוידערט איהם אזוי שרעקליך. עס פערדריסט איהם, דאכט זיך, שטארק אויף זיין חבר דוד, פארוואס ער האט איהם אזא ארט צוגעקליבען?... נאך וואס האט ער איהם דא געבען די פתיגן מיט די ענטבלויזטע העגה אוועקגעזעצט?... ווי אונבעקוועם עס איז איהם געבען זיי צו זיצען!... אט, דאכט זיך, קוקט מען אויף איהם, עפעס די פרוי, דאכט זיך, וואס זיצט דארט אנטקעגען-איבער אויף דער דריטער שטוהל, לאכט עפעס שטארק... אט לאכט דארט נאך ווער...

לאכט מען ניט אמאל פון איהם? פון דעם קליינשטעדטעלדיגען בחור?...

און נאך א פערזאן איז צווישען עולם געזעסען, גלייך מיט אלע געהאלטען די אויגען צו דער סצענע אנגעווענדעט און דאך — גארניט געזעהען, ניט געהערט, ניט בעמערקט כמעט, וואס אויף דער סצענע קומט פאר, און דאס איז געווען — רבקה'לע דעם רבינ'ס.

די בעמיהט זיך די אויגען צו דער סצענע אנצווענדען, ווילען זיך צוזאמען מיט אלעמען, פיהלען זיך פריי און גוט-אויפגעלעגט, ווי זיי — אונמעגליך! אנדערע בילדער, אנדערע סצענעס האבען זיך איצט גענומען, ווי אויף להכעיס, איהר קיין רוה ניט געבען. איין בילד גאנצ'ן צווייטען, איין סצענע נאך דער אנדערער שוועבען פאר איהרע אויגען: דאס שטעדטעל ג.., דער „הויף", דאס שטילע צימער, וואו די פענסטער געהען צווישען די בוימער ארוס און א שטילער, טיעפער וואלד ציהט זיך אנטקעגען די אויגען ווייט, ווייט אוועק... און אן איהר מוטער, די רביצין, דערמאהנט זי זיך. זי זעהט, ווי זי, די מוטער, זיצט זיך דארט אינ'ם שטילען צימער ביים אפענעם פענסטער איבער א מוסר-ספר איינגעבויגען און זיסע גאטס-פארכטיגע ווערטער פליסען אזוי צארט פון איהר מויל און צגיסען זיך דורכ'ן אפענעם פענסטער צווישען די שטילע בוימער און טראגען זיך אהין, אינ'ם ווייטען וואלד אוועק...

און איהר פנים ברענט פון היטקייט, אונגעוועהנליך קלאפט איהר הארץ, ענג איז איהר דא, ענג און אונבעקוועם...

און געווארפען האט זי יעדעס מאל איהרע בליקען אויף איהר שוועגער'ין, דאס איז נאהענט נעבען איהר געזעסען און אויף איהם

ניי־בעקאנטע חברטע ריווטשע, וואס האט דעם צווייטען פלאץ נאך איהר פערנומען, און ווייטער האט זי איהר בליק אנגעשטעלט און דער־זעהען, ווי צוויי יונגע בחורים זיצען הארט נעבען ריווטשען, ביידע זענען זיי פאצעטיש געקליידעט, „ווארשאווער יונגעלייטלעך״ זעהען זיי אויס, און איינער פון די דאזיגע צוויי בחורים, זעהט זי, זיצט עפעס אזוי נאהענט צו ריווטשען, אזוי היימיש און צוגעלאזען צו איהר, ביידע שושקען זיך יעדע ווייל און שמייכלען עפעס. און רבקה׳לע וואונדערט זיך דערויף, פינסטער איז אין גרויסען טעאטער־זאל: ווער זאלען די דאזיגע צוויי פאצעטישע בחורים זיין?...

און די זעלבע פראגע האט איך ניט צו־רוה געלאזען מרדכי׳לען, וועלכער איז געזעסען אויף דער לעצטער שטוהל נעבען דוד׳ן און יעדעס מאל זיין בליק געווארפען איבער דער רייהע שטוהלען און אויף די פערזאנען, וואס האבען אויף זיי די ערשטע פערנומען.

דריי — פרויען צי פריילינס? — זענען איינע נעבען די צווייטע נאך דוד׳ן געזעסען, אלע זענען זיי פאצעטיש געקליידעט, אין שענע זומער־קליידער, „ווארשאווער פריילינס״ קוקען זיי אויס, און איינע פון זיי, זעהט ער, זיצט עפעס אזוי נאהענט צו דוד׳ן, אזוי היימיש און צוגע־לאזען צו איהם, ביידע שושקען זיי זיך יעדע ווייל און שמייכלען עפעס. און מרדכי׳לע וואונדערט זיך דערויף: פינסטער איז אין גרויסען טעאטער־זאל: ווער זאלען די שען־געקליידעטע דריי — פריי־לינס צי פרויען — זיין?

און דוד פון איין זייט מינטערט יעדע ווייל זיין חבר אוי־טער:

— ווי געפעלט עס דיר, מרדכי׳לע?

— אויסגעצייכענט... — שאקעלט מרדכי׳לע ווי מעכאניש מיט׳ן קאפ.

און פון דער צווייטער זייט מינטערט דבורה׳לע איהר שוועגערין:

— ווי געפעלט עס דיר, רבקה׳לע?

— שען... — קומט א שטילער ענטפער, וועלכער ווערט גע־געבען נאר פון יוצא וועגען...

דען אויף די פנימער פון די ביידע רבי׳שע קינדער איז א וואל־קען פערשפרייט, ביידע זענען זיי גלייכגילטיג צו אלעם, וואס אונט־קעגען־איבער זיי קומט־פאר. ערגעץ ווייט זענען זיי ביידע זיצט

פֿאַרטראָגען. צוויי יונגע תמימות-קינדער זענען צום ערשטען מאָל פֿון זייערע שטילע „היף“-ווינקעלעך אין שטראָם פֿון הוישיגען שטאָדט-לעבען פֿאַרטראָגען געוואָרען. די שוואַכע בוים-צווייגעלעך קאָנען דעם שטאַרקען לעבענס-שטורם ניט איבערהאַלטען, און עס רייסט זיי דער שטורם און בייגט זיי אויף אַלע זייטען, און זיי ציטערען, רייסען זיך, און בעטען: לאָזט אונז צו-רוה... לאָזט אונז צו-רוה...

און ס'ציטערט דעם רבי'נס יונגע טאָכטער, רבקה'לע. די מוטער, די רביצינ'ס ווערטער האָבען זיך אַזוי מוראדיג פֿאַר איהרע אויגען געשטעלט:

„...געדענקט, קינדער, דער וועג, אויף וועלכען איהר פֿאָרט איז פֿול מיט שטרויכלונגען פֿאַרשפּרייט...“ און אַ שרעק נעהמט זי אַרום, אַ קאַלטער שידער לויפֿט דורך איהרע ביינער און זי טוליעט זיך פֿעסט אויף איהר אָרט איין און מיט בעטענדע בליקען קוקט זי אויף איהר שוועגערין. אַט-אַט וועט זי פֿון איהר אָרט אויפֿשפּרינגען, אויף איהר שוועגערינ'ס האַלז אַרויפֿפֿאַלען און צווינגען זיך שטאַרק וויינען... און אָנוויינען וועט זי איהר יונג האַרץ, וואָס עס קלעמט אַזוי שטאַרק, וואָס עס פּרעסט אַזאַ שווערער שטיין... — —

— בראַ—וו—וו—אָ!... בים—ס—ס!...

דער טעאַטער דונערט פֿון הוישענדע אַפּלאָדיסמענטען, דער פֿאָרהאַנג אויף דער סצענע האָט זיך אַראָבגעלאָזט. אינ'ם טעאַטער-זאַל האָבען זיך די עלעקטרישע לאָמפּען אָנגעצונדען, די פּנימ'ער פֿון די, וואָס זיצען אין די רייהען זענען מיט אַמאָל בעלויכטען געוואָרען און ביידע רבי'שע קינדער זענען איבערראַשט פֿון זייערע ערטער אויפֿגעשפּרונגען און קוים-קוים וואָס זיי האָבען אַרויסגעשטאַמעלט:

— רב—ק—ה—לע!...

— מר—דכי'—לע!...

* *
*

אַ קיהל זומערדיג נאַכט-ווינדטעל האָט צאַרט און ליעבליך געבלאָזען אין די הייסע פֿאַרשוויצטע פּנימ'ער געקיהלט. ס'איז מיט אַמאָל דער הוישיגער שטאָדט-טומעל געוואָרען אָבגעדאַקט און די נאַכט איז ווי איינגעשלאָפֿען געוואָרען, ווי אין אַנ'איינגעדאַלטענער

רוהיגקייט איינגעהילט. ליידיג זענען איצט די טראָטואַרען געשטאַנען, זעלטען-ווען האָט פון ווייטען אַ קלינגענדיג געלעכטער פון אַ „פּאָרל" אַבגעקלונגען און איניגע סעקונדען האָט דאָס עכאָ נאָך זיך אַ רוש איבער דער שטילער גאַס געלאָזט.

איינס אַזיינער ביינאַכט איז שוין געווען, ווען די פינף יונגע פּערזאָנען האָבען אויף די טראָטואַרען פון די שענע וואַרשאַווער גאַסען שפּאַצירט, אומקערענדיג זיך אַהיים פון טעאַטער.

שווייגענדיג זענען זיי גאַס-איין, גאַס-אויס געגאַנגען און זיך צום וועג אַהיים דערנעהענטערט: פאָראויס ריווטשע מיט איהר חבר'טע דבורה'לע, נעבען זיי דוד. הינטער זיי — די צוויי רבי'שע קינדער, מרדכי'לע מיט זיין כלה, רבקה'לע.

קיינער האָט ניט געוואָגט די שטילקייט איבערצורייסען. האָט ווער סימיל געעפענט אַ וואָרט אַרויסצורעדען, איז דאָס איהם ווי אויף די ליפען פערגליווערט געוואָרען און דאָס מויל האָט זיך שטום צוריק פערשלאָסען... געפלאַמט האָבען די פּנים'ער, געגליהט די אויגען און אין די הערצער האָט אַ שטורם געברויזט... יעדער אין זיך פערטיעפט, האָט וועגען דעם נאָר-וואָס איבערגעלעבטען מאָמענט געטראַכט. די נאָר-וואָס פערגאַנגענע איינדריקען און סצענעס האָבען אין יעדענס האַרץ טיעפע שפּורען נאָך זיך געלאָזט און איינציג-וויז האָבען זיי אין יעדענס געדאַנק גענומען אויף ס'ניי ערוואַכען, און נאָהענט פאַר'ן אויג שוועבען...

וואָרום פיעל-פיעל האָבען די יונגע, נאַאיווע יונגע קינדער, וואָס זענען צום ערשטען מאָל אויף גאָט'ס וועלט אַרויס, איבערגעלעבט אין יענעם מאָמענט, ווען אין טעאַטער האָט זיך דער פאָרהאַנג איבער דער סצענע אַראָפגעלאָזען, און זיי האָבען זיך פּנים אל פּנים דערזעהען... מיטען-לאַנג זענען זיי דאַמאָלס איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע געשטאַנען. אַ פייער האָט אין די פּנים'ער און אויגען געגליהט, די הערצער האָבען אַזוי שרעקליך געקלאַפּט: איבעראַשונג, אַנבעוואוסטע שרעק, צוזאַמען מיט עפּעס צו'אונבעוואוסטע אינערליכע פריידיגע איבערעמישט...

און ווער ווייסט ווי לאַנג דער דאָזיגער אונבעקוועמער צושטאַנד וואָלט געדויערט, ווען ניט זייערע בעגלייטער, דוד מיט זיין שוועסטער און דבורה'לע, וועלכע האָבען די ערשטע מינוט ניגיעריג אויף די איבעראַשטע געקוקט און לייכטע שמייכעלעך האָבען זיך

אויף זייערע ליפּען בעוויזען — ווען זיי וואָלטען נישט די איבערראַשטע צו־הילף געקומען און זיי פֿון דער אונבעקוועמער לאַגע אַרויסגעהאָלפֿען.

דוד פֿון איין זייט און דבורה'לע פֿון דער צווייטער, האָבען אַ שמועס אָנגעהויבען, דער שמועס איז גלאַט און דער וועלט אַריין געווען, אַ שטאַמלענדיגער, מיט האַלבע, אָבגעריסענע ווערטער... און די צוויי רבי'שע קינדער זענען ווי אונבעמערקט אין'ם שמועס אַריינגעצויגען, היימישער און לעבעדיגער געוואָרען... און אין מינוטען אַרום האָבען זיך פֿון אַלגעמיינעם שמועס עטליכע שמועסלעך אָבגעזונדערט, איינער פֿון צווייטען האָט זיך אָבגעטיילט, אַ „פּאָר'ל" צו אַ „פּאָר'ל", און די צוויי רבי'שע קינדער זענען אַליין געבליבען און אין אין פֿאָדער־זאַל פֿון טעאַטער שפּאַצירט...

די ערשטע איבעראַשונג איז שוין אפילו פֿאָראיבער, דאָך אָבער האָבען זיי זיך נאָך גענוג שעמעוודיג געהאַלטען. איינציגע געצעהלטע ווערטער, האָט יעדער נאָך אַ לאַנגע פּויזע געלאָזט פֿאַלען... איינציגע ווערטער — און דאָך זענען שוין די הערצער אַזוי פֿעסט צוזאַמענגעבונדען געווען, און דאָך האָבען די איינציגע ווערטער אַזוי פֿיעל, אַזוי פֿיעל דערצעהלט!...

און ווען מען האָט אין טעאַטער אָנגעהויבען צו קלינגען, דאָס דער צווייטער אַקט הויבט זיך אָן, האָבען זיך די צוויי רבי'שע קינדער, שעמעוודיג, אַ ביסעל אָבגערוקט איינער פֿון צווייטען, זיך געלאָזט געהן צו דער רייהע, וואו זיי האָבען זיך שוין נאָהענט איינער נעבען צווייטען געזעצט...

און אַזוי האָבען זיי זיך אויך ווייטער די גאַנצע צייט, ביים שפּיעלען, ווי ביי די אַנטראַקטען געהאַלטען. זייערע דריי בעגלייטער, דוד מיט דער שוועסטער און דבורה'לע האָבען זייער רוה ניט געשטערט, מיט קיין פֿראַגען און ווערטער זיך נישט געווענדעט צו זיי. וואָרום פֿערשטאַנען האָבען זיי די הערצער פֿון די צוויי יונגע קינדער, געוואוסט וואָס זיי פֿיהלען איצט.. און פֿון דער זייט נאָר האָבען זיי בליקען געוואָרפֿען אויף די צוויי שעמעוודיגע קינדער, און געשמייכעלט.

איצט געהען זיי אַלע פֿון טעאַטער צוריק. גאַס־איין, גאַס־אויס קלינגען־אָב זייערע טריט. און אָט קומען זיי נאָהענט צום טויער צו. זיי בלייבען אַ ווייַלע שטעהן, איינער דאַרף זיך פֿון די פֿינף אָבטיילען:

מרדכי'לע דארף אין אנאנדערע גאס געהן, אהין, דארט, וואו זיין פאטער, דער רבי, שטעהט־איין...

א קלונג ביים טי'ער, און ווידער בלייבען אלע שטעהן עפעס אין אנאונבעקוועמע פאזע... פלוצלונג שטרעקט מרדכי'לע אוים זיין האנד צו רבקה'לען, די איבעריגע דריי בעגלייטער קעהרען ניט־ווילענדיג זייערע בליקען אוועק... ביידע הענד בערעפטען זיך, דריי־קען זיך איינס פאנדערע, און ציטערען... פיעל, פיעל האבען זיי זיך ביידע צו זאגען, צו דערצעהלען, נאר נישטא קיין ווערטער, נישטא... אלעס־אלעס גיבען־איבער די שטומע האנד־דריקען...

די פארטקע פון טי'ער האט זיך געעפענט.

— א גוטע נאכט...

— א גוטע נאכט...

און לאנג־לאנג איז דערנאך מרדכי'לע איינער אליין פאר'ן טי'ער געשטאנען און מיט פערחלומטע אויגען אין דער ווייטער גאס געקוקט.

* *
*

ביי ר' פנחס גלאזמאן אין הויז איז זעהר אומעטיג געווען. א מחי'ער האט זיך אויף אלע פנימ'ער פון גלאזמאנ'ס הויזגעזינד אויסגעגאסען: ר' פנחס'ל האט אנאיפגערעגטער, שטארק פערטראגען אין מחשבות, ארומגעשפאנט איבער'ן שטוב הין און צוריק און געביסען מיט די צייהן די שפיץ בארד. שיינדעלע, ר' פנחס'לס ווייב, איז ביים פענסטער געזעסען, אונטערגעשפארט איין באק אויף צוויי פינגער און אומעטיג מיט'ן קאפ געשאקעלט, ווענדענדיג זיך יעדעס מאל צום מאן:

— וואס שווייגען מיר, פרעג איך? וואס זיצען מיר צונויפגעלעגט די הענד און קוקען דעם אומגליק גלייך אין די אויגען?...

— נו־נו!... השם ישמרנו, השם ישמרנו!... ווער זאל זיך גאר אויף אזעלכעס ריכטען?... נ־נ־נו!...

— ווער זאל זיך אויף אזעלכעס ריכטען, זאגסטו? הלואי, רבונו של עולם, ס'זאל זיך אלעס צום גוטען אויסלאזען... נאר דאס הארץ, פנחס, שרעקט מיר אזוי, ס'איז מיר אזוי קאלט אין די ביינער, אז כ'הויב אן טראכטען דעריבער... עפעס זאגט מיר דאס הארץ... הלואי רבונו של עולם, ס'זאל זיך אלעס צום גוטען אויסלאזען...

און ר׳ פנחס׳ל ליפט נאך מעהר איבער דער שטוב ארום, די ציינער האבען צו זיך אגרעסערען שפיץ באָרד אריינגעחאפט און קייען און בייסען — עס ווארפט אפחד אן!...

ארום טיש זיצען גלאָזמאנ׳ס עלטערע טאָכטער, מלכה׳לע און זייער שנור, מלכה׳לעס שווענערין, רייזעלע, די הענה אונטער די פנימ׳ער אונטערגעשפּאַרט און שווייגען.

נעבען דער טהיר פון קיך זיצט חיה־פעריל, די אלטע קעכין, און קוקט מיט שרעק אין דער שטוב אריין, די הענד איינע אין די צווייטע פערלעגט, איהר אלטע גאמבע מיט די ווערצעלעך האלטען זיך אין איין שאָקלען, ווי זי וואלט פיהלען דאס אומגליק, וואס האט זיך אהער אין שטוב פערטראָגען... זי הויבט יעדעס מאל אויף די אויגען צום סופיט, די אלטע פערוועלקטע ליפען שעפטשען עפּעס, איינגעצעגדיג יעדע רגע די פינגער אין מויל...

— גאט ווייסט, האט שיינדעלע, ר׳ פנחס׳לס ווייב ביטער גע־זיפצט, צו וואס זי וועט אונז נאך ברענגען!... נחת, הא? נחת דער־לעבט... מענשען זענען אונז מקנא, שכנות קריכען די אויגען ארויס... מדאַרף אונז ניט אונזער גליק פערגינען, א בייז אויג עסט אונז אויף...

— נ־נו!... השם ישמרנו... ברומט ר׳ פנחס׳ל, נחת!.. א הון מיט געלד אבגעקאַסט, און יחוס זיך איינגעקויפט, וויפיעל נעכט בין איך ניט געשלאָפען... געווען צייטען, ווען די געשעפטען האבען געהאלטען אט־אט... כ׳האב אבער געמוזט פערבייסען די ליפען, א קניפּ טהון די באק, די פּארב זאל שטעהן... פאר מענשען מוז מען דער זעלבער ר׳ פנחס׳ל גלאָזמאן בלייבען... וויפיעל נעכט, וויפיעל קאָפּ־ברעכעניש, וויפיעל געזונד האט געקאָסט, ביז ס׳איז דורכגעגאנגען בשלום... צוריק געשטעלט זיך אויף די פיס... און דא קומט פלוצים אונטער אזא שדוך! דער רבי אליין שיקט צו מיר, ער וויל זיך מיט מיר משדך זיין. דער רבי אליין!...

— און די רביצין, אז זי איז דאמאָלס געווען אין ווארשא, שיקט זי עקסטרע צו מיר, זי וויל מיך, זאגט זי, פאר א מחותנת׳טע האבען... — קאן זיך שיינדעלע גלאָזמאן ניט איינהאלטען.

— דער רבי אליין! און באמת, האב איך זיך אפשר געדאַרפט אבזאָגען דערפון?... א קלייניגקייט! וויפיעל גבירים אדירים, פון לאָדז, פון קאַליש, פון בענדין, אמת׳ע מיליאָנערען, אָנגעשטאָפטע

עשירים, וויפיעל האבען זיי זיך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, דעם רבין פאר א מחותן צו בעקומען !... וואס זיי האבען אויסגעארבייט, וואס זיי האבען אהינגעלעגט כוחות ! געהאלטען אין איין „פאהרען“, איין „נסיעה“ נאך די צווייטע... געשטעלט פונף־רובעלדיגע פלעשלעך ווין ביים טיש... געשאטען מיט געלה פון אלע זייטען... אונטערגעשיקט מענשען מיט פיינע צינגלעך... משתדל זיין, פועל׳ן, איבעררעדען, געשיקט צום רבין, צו דער רביצין, צו דער גאנצער סביבה ארום, און — ניין !... גאר אומגעריכט, דער רבי שיקט מיר א שליח מיוחד, ער וויל זיך מיט מיר משדך זיין. דער רבי אליין !...

— עקסטרע נאך מיר געשיקט זי, די רביצין, זי וויל מיך, זאגט זי פאר א מחותנת׳טע האבען...

— פערשטעהסט, וואס דאס הייסט ? דער רבי אליין !... בערייטעט ווי מיט ווין אנגעטרינקען, בין איך דאמאלס געבליבען שטעהן פון שמחה, דערהערענדיג אזא בשורה... דער רבי אליין !... איך בין גרייט געוועזען די אייזערנע קאסע צו עפענען, גאלע שופלאדען מיט גאלד און צירונג אויפצומאכען און זאגען : נאט, רבי, נעהמט אייך, וויפיעל אייער הארץ גלוסט, נעהמט אייך אלעס צו !... אלעס ! לאזט מיר גאר נישט איבער, צוליעב אזא גליק איז ביי מיר גאר נישט פארהאן צו־טייער !... ס׳גאנצע עשירות האט ביי מיר מעהר קיין חשיבות נים !...

— אוי, אוי — האט שיינדעלע א פאטש געטהאן מיט די הענד — אזוי זאל מיר דער הימעל העלפען : דער זעלבער געדאנק, די זעלבע ווערטער האב איך דאמאלס געטראכט... נאט, רביצין, נעהמט אייך, וויפיעל אייער הארץ גלוסט !... צוליעב אזא גליק איז ביי מיר גארנישט פארהאן צו־טייער !...

די צוויי שוועגערינס, וואס זיצען ביים טיש געזעסען, האבען זיך איבערגעקוקט. מלכה׳לע האט ביי די לעצטע ווערטער עפעס א זויערע מינע געמאכט... און ר׳ פנחס׳ל האט ווייטער גערעדט :

— און באמת, איז דען פארהאן ביי אזא זאך עפעס א קלערה צו טהון, טאמער איז עס שווער ?... קאן מען דען קוקען, צי מען קאן יא צי מען קאן נישט, צי אפשר איז די זאך איבער די כוחות ?... אויסגענישטערט זיך, אויסגעלעדיגט זיך, געמאכט פון זיך א תל !... א מטמון מיט אן עשירות האט דאס אבגעקאסט, כ׳קאן זיך נאך עד היום אויף די פיס נים שטעלען !... און איצט — נא דיר א נחת !...

— נחת!... הלואי, רבונו של עולם, ס'זאל זיך אלעס צום גוטען אויסלאזען! נאר דאס הארץ, פנחס, קלאפט מיר אזוי, ווי עס שרעקט מיך... האסטו געהערט איהר ענטפער נעכטען ביי נאכט? פון וואנען קומט צו איהר אזעלכע דבורים?... נחת! שוין נאך איינס אזייגער ביינאכט, און א רבי'שע שנור שלעפט זיך ערגעץ ביינאכט ארום!... נחת!...

א קלינגען פון טויער האט זיך דערהערט; אלע זענען אין שטוב שטיל געווארען. שיינדעלע האט זיך פון פענסטער ארויסגעבויגען און אונגעדולדיג געקוקט אויפ'ן הויף אראב.

— פנחס!... נא זעה!... — האט שיינדעלע ציטערענדיג אויסגעשריען, צושלעפענדיג דעם מאן פאר'ן ארבעל צום פענסטער.

און ר' פנחס'ל איז צוגעגאנגען נאהענט צום פענסטער. און אין פענסטער אין קיך איז אויך די אלטע דיענסט, חיה-פעריל, אויף די שפיץ-פינגער געשטאנען און, שאקלענדיג די גאמבע מיט די ווערצעלעך, אויפ'ן הויף אראבגעקוקט. אלע האבען ווי איינגעהאלטען זייער אטעם און שארף די בליקען אנגעשטעלט. שיינדעלע האט א קוק געטהון מיט שרעק אויפ'ן מאן און מיט'ן פינגער אויפ'ן הויף געוויזען.

— נא, זעה!...

אויפ'ן הויף נעבען טויער, נאהענט צו דער אפיצינע, וואו ברינשוויג'ס וואהנונג געפינט זיך, זענען געשטאנען די פיער יונגע העלדען, וואס האבען זיך פון טעאטער אין שפאציר אומגעקעהרט.

שטיל און איינגעשלאפען איז איצט דער הויף געוועזען. די גאז-לאמטערנע, וואס האט ביים טויער געלויכטען, האט לאנגע פאסען שאטען ארום זיך געווארפען, וואו-ניט-וואו האט ערגעץ פון אנ'אפענעם פענסטער א הוילער קאפ ארויסגעשטעקט, דער קאפ האט ערגעץ גלאט אין דער וועלט אריין געקוקט, בהרחבה'דיג יעדעס מאל דאס מויל אופגעריסען און א מין הויך צופרידענעם געניץ ארויס-געלאזען... אין א צווייטען פענסטער האט עפעס איינער אין א ווייסען טלית-קטן זיך געשאקעלט, געדאלטען זיך אין איין רייבען די אויגען און געלייענט קריאת-שמע הויך אויף א קול, דאס די שכנים פון הויף, וואס זענען נאך געלעגען וואך אין די בעטען, האבען, דאכט זיך, געקאנט נאכזאגען ווארט ביי ווארט...

— נאַ, זעה!... — האָט שײנדעלע ניט אויפגעהערט מיט שרעק איבערצוחזר׳ן.

און גלאָזמאַנ׳ס בני-בית האָבען נאָך מעהר די קעפּ פון די פענסטער אַרויסגעשטעקט: די פיער יונגע פּערזאָנען האָבען זיך אין איין ענג רעדעל צונויפגענומען און פאַר׳ן געזעגענען, אַ קורצען, פריהליכען שמועס געפיהרט.

— נאַ, זעה!...

מונטער און לעבעדיג האָבען די ווערטער איבער׳ן שטילען הויף אָבגעקלונגען, אַ פריהליך געלעכטער האָט זיך יעדעס מאָל אין דער נאַכט-שטילקייט געקייקעלט און אַרײנגעדרונגען אַהין, אין די אָפענע פענסטער פון די וואָהנונגען, פון וואַנען ס׳האָט זיך יעדעס מאָל אַ פערשלאָפענער קאָפּ בעוויזען און צוריק פערשוואונדען.

זיי האָבען זיך געזעגענט. ריווטשע האָט זיך מיט דבורה׳לען און רבקה׳לען צוקושט, און דוה האָט אַלעמען די האַנד דערלאַנגט.

— אַ גוטע נאַכט...

— אַ גוטע נאַכט...

— נאַ, פנחס, זעה!...

אַ פריש געלעכטער מיט פריהליכע מונטערע ווערטער אויסגעמישט, האָט זיך איבער׳ן הויף געטראָגען. די פעראַבשיעדענדע זענען זיך אין צווייען פונאַנדערגעגאַנגען, יעדע איז אין אַנאַנדערע פאָדער-הויז פון אַנאַפיצינע פערשוואונדען געוואָרען און אויף די טרעפּ האָבען זיך הילכיגע טריט דערהערט.

ר׳ פנחס׳ל מיט׳ן ווייב, נאָך זיי די טאָכטער מלכה׳לע מיט די שנור ריזעלע, און הינטער זיי אויף די שפּיץ-פינגער די אַלטע דינסט, חיה-פעריל, זענען אַלע צו דער טהיר צוגעלאָפען. ביי ר׳ פנחס׳לען האָבען זיך פּעכט די פּיסטען צונויפגעדריקט.

— גוט נ׳אָווענד...

פריהער איז דבורה׳לע אַרײנגעקומען, נאָך איהר — רבקה׳לע.

— גוט נ׳אָווענד — האָבען זיי נאָך אַמאָל איבערגע׳חזר׳ט.

קיינער האָט זיי ניט געענטפערט. אַלעמענס אויגען האָבען זיך שאַרף און צאָרענדיג אויף זיי אָנגעשטעלט און איינער האָט עפּעס ווי אויפ׳ן צווייטען געוואַרט...

דבורה׳לע, דערזעהענדיג די אַלע אָנגעשטרענגטע פּנימ׳ער, און װעלכע ס׳האָבען אַזוי היים די אויגען געברענט, איז זי אַ ווײַלע

פערוואונדערט שטעהן געבליבען. באלד אבער האט זי, ווי ס׳וויזט אוים, פערשטאנען, וואס דאס בעדייט. און בעהערשענדיג זיך, האט זי א דרייסטע מינע אנגענומען און איז גלייך אריין אין איהר צימער.

— גוט נאווענד...— האט רבקה׳לע געפרובט נאך אמאל איבער׳תור׳ן.

נאר פון קיינעם האט זי קיין ענטפער ניט בעקומען, און ווען זי האט די אויגען אויפגעהויבען און פערוואונדערט ארום זיך געקוקט, האט זי שארפע בליקען, ברוגזע פנימ׳ער בעגעגענט, און קעפ, וואס האבען בעדייערענד אויף איהר געשאקעלט, ווי זיי וואלטען זאגען: נאט אייך... א רבי׳שע טאכטער... א רבי׳שע טאכטער..

און פערשעמט האט רבקה׳לע די אויגען צו דער ערד אראבגעלאזען און, ווי זי וואלט דעם בארען הינטער זיך פערלארען, האט זי מאדנע געפלאנטערט מיט די פיס און זיך נאכגעשלעפט נאך דבורה׳לען אין צימער אהין...

מינוטען-לאנג זענען נאך גלאמאנ׳ס בני-בית אויף זייערע ערטער געשטאנען און זיך שטום איבערגעקוקט. פלוצים האט זיך ר׳ פנחס׳ל א חאפ געטהון, די שפיץ בארד פעסטער אין מויל אריינגענומען, און מיט צוויפגעדריקטע פויסטען, ברומענדיג שטארק עפעס אונטער, איז ער געשווינד צו דער טהיר פון דבורה׳לעם צימער צו, און נאך איהם איז תיכף שיינדעלע נאכגעלאפען.

ר׳ פנחס׳ל און זיין ווייב שיינדעלע זענען שטעהן געבליבען אויף דער שוועל און צארענדיג זיך ארומגעקוקט.

דבורה׳לע און איהר שוועגערין רבקה׳לע, וואס זענען פערנומען געווען מיט זייערע קאסטיומען און הוטען אראבציהען, דערזעהענדיג די בייזע עלטערען מיט די אנגעצונדענע בליקען, זענען זיי ווי אבהענגיג געווארען; די „אלטע“ אויף די שוועל און די יונגע אין מיטען צימער, זענען געשטאנען אהן ווערטער איינע אנטקעגען די צווייטע און זיך אנגעקוקט.. אימגעזעהען האט עס, ווי צוויי פיינדליכע לאגערען, וואס א ווייל׳ע הויערט ביי זיי דער שטיל-שטאנד און אט-אט, נאר אונערווארטעט, וועט א מורא׳דיגער קאמפף אויסברעכען.

ר׳ פנחס׳ל האט זיך א ביסעל בעהערשט און סטארענדיג זיך ניסט ארויסצווייזען זיין אויפרעגונג, האט ער, ווי וויים מעגליך איינגעהאלטען, ארויסגערעדט:

— הא?... וואו ביזטו געווען ביז אַצינד?...

נאָר אָנשטאָט אַן ענטפֿער, האָט דבורה׳לע אַרום זיך אַ דריי־מען בליק געוואָרפֿען און מיט אַ געמאַכטער ענערגיע האָט זי זיך גענומען צו איהר ווייטערדיגער אַרבייט. רבקה׳לע האָט זיך לאַנגזאַם צום פֿענסטער צוגעצויגען און, ציטערענדיג פֿון שרעק, האָט זי זיך אין אַ ווינקעל פֿערשטעקט...

אין ר׳ פנחס׳לס שטימע איז שטרענגער און העכער געוואָרען:

— כ׳וויל וויסען, וואו ביזטו געווען!...

— שפּאַצירען... — האָט זיך אַ שטילער ענטפֿער דערהערט פֿון דער אָפֿענער קליידער־שאַנק, וואו דבורה׳לע האָט איהר ווינטער־מאַנטעל אַריינגעהאָנגען.

— שפּאַצירען?... הא?... ווי שפּעט איז?... שפּאַצירען!... הא!

נאָר דבורה׳לע האָט זיך שוין אפילו מעהר נישט אומגעקוקט, זי האָט פֿון דער שאַנק אַרויסגענומען אַ ברייטע טאָוועלנע שאַכטעל, אין וועלכען זי האָט איהר הוט אַריינגעלעגט.

— וואו האָסטו שפּאַצירט, וויל איך וויסען!... דו ענטפֿערסט נישט, הא?...

— דבורה׳לע האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ און פֿעסט אַרויסגערעדט:

— איך דאַרף נישט קיינעם קיין רעכענונג אָבגעבען!... איך האָב שפּאַצירט — וואו איך האָב געוואָלט!... גענוג!...

— הא?...

ר׳ פנחס׳ל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטען צימער, זיינע אויגען האָבען ווי פֿייער געברענט, די פֿויסטען האָבען זיך צונויפֿגעדריקט און געציטערט. ער איז צום טיש צוגעשפּרונגען און די צונויפֿגעדריקטע פֿויסטען האָבען זיך פֿעסט אויפֿ׳ן טיש אַראָבגעלאָזען.

— כ׳בין אַ טאַטע!... הא?... שוין זאָלסטו מיר זאָגען!... וואו האָסטו זיך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעשלעפּט?...

נאָר דבורה׳לע, ווי זי וואָלט זיך דערצו שוין לאַנג צוגעגרייט, האָט זיך פֿעסט אַנטקעגען געשטעלט און דרייסט געענטפֿערט:

— זאָל זיך דער טאַטעשי ניט אַזוי צוהיצען... איך בין שוין ניט מעהר קיין קינד... גענוג שוין, גענוג שוין... גענוג האָט איהר שוין געוואָרנט פאַר מיר ביז איצט. גענוג!... זאָל דער טאַטעשי ניט אַזוי קלאַפּען אין טיש... אָט קוקען שוין די שכנים פון אַלע פענסטער...

און דאָ איז שוין די מוטער שיינדעלע אַרויס:

— זאָלען זיי קוקען, זאָלען זיי זעהען!... זאָלען זיי אויף אונזער בייז וואונדער צונויפלויפען!... זאָלען זיי זעהען אונזער גליק, אונזער נחת!... איצט וועלען זיי שוין אונז פערגינען, איצט וועלען שוין מעהר די אויגען ביי זיי ניט אַרויסקריכען!... זאָלען זיי קוקען, זאָלען זיי זעהען!...

די צוויי שוועגערינס, מלכה׳לע און רייזעלע, האָבען זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין צימער און זיך נעבען טיש אַוועקגעשטעלט. מלכה׳לע איז גענעהנטער צו איהר שוועסטער דבורה׳לע צוגעגאַנגען און שטיל ברוגזדיג איהר גע׳מוסר׳ט:

— פע, דבורה׳לע, נישט שען...

קוקענדיג אויף מלכה׳לען, האָט אויך רייזעלע געפיהלט אויף זיך אַ חוב, די שוועגערין אַ מוסר־וואָרט צו זאָגען, האָט זי זיך אויך גענעהנטער צוגערוקט און אַ זויערע מינע געמאַכט:

— נישטאָ וואָס צו זאָגען, אַ שענע איפפיהרונג... ס׳פּאַסט מיר צו... דעם רבינ׳ס שנור...

ר׳ פנחס׳ל האָט אויפגערעגט איבער׳ן צימער אַרומגעשפּאַנט און די שפּיץ באָרד געביסען:

— אָבער איך וויל וויסען! איך מוז וויסען!... וואו ביזטו געוועזען, וואו האָסטו זיך די גאַנצע נאַכט אַרומגעשלעפּט?... כ׳וויל וויסען! כ׳בין אַ טאַטע!... כ׳וויל נישט זיין צו קיין לייטישע געלעכטער!...

— נישטאָ וואָס צו זאָגען... ס׳פּאַסט מיר צו... דעם רבינ׳ס שנור... — האָט די שוועגערין רייזעלע איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ זויערע מינע.

— איך וויל וויסען, נאָך וואָס ביזטו אַהער קיין וואַרשאָ געקומען? צו וואָס האָסטו נאָך דעם רבינ׳ס טאָכטער מיטגעבראַכט?... דעם רבינ׳ס טאָכטער! דעם רבינ׳ס טאָכטער וואָס פיהרסטו איבער!... און אַז דער רבי וועט געוואָר ווערען, און אַז די רביצין וועט זיך

דערוויסען!... דעם רבי׳נס טאכטער! וואס האסטו נאך געוואלט פון רבי׳נס טאכטער האבען!... נאך וואס האסטו זי קיין ווארשא מיטגעבראכט?... מיינסט, מיר האבען נישט געזעהען, הא? מיר האבען נישט געזעהען?... מיט ברוינשווייג׳ס טעכטערעל... מיט ברוינשווייג׳ס זוהנדעל... וואו טהוט מען זיך אהין פאר חרפה!... ר׳ פנחס גלאזמאנ׳ס טאכטער, דעם רבי׳נס שנור, אנ׳אשת-איש... האט געשעפטען מיט ברוינשווייג׳ס זוהנדעל... וואו טהוט מען זיך אהין פאר חרפה, גוואלד!...

— מ׳קאן ניט זאגען... ס׳פאסט מיר צו... א רבי׳נס א שנור... — האט רייזעלע געהאלטען אין איין שטעכען איהר שוועגערין.

— אבער וואס האסטו נאך געוואלט פון רבי׳נס טאכטער האבען?... פערשלעפט איהר אויף א גאנצע נאכט אהין ערגעץ אין אלדע טייוועל!... מיט ברוינשווייג׳ס זוהנדעל, דעם הולטיי... מיר האבען געזעהען, מיר האבען געזעהען... מ׳שלעפט זיך ארום מיט הולטייעס אין די גאסען... מ׳גיט זיך די הענד... דעם רבי׳נס שנור, דעם רבי׳נס טאכטער... און אז דער רבי וועט דאס געוואר ווערען! און אז די רביצין וועט זיך פון דעם אומגליק דערוויסען! איך פרעג דאך דיר — אז דער רבי, די רביצין וועלען געוואר ווערען!...

פון דער אפענער קליידער-שאנק האט זיך דערהערט א שטילער ענטפער, אויסגעמישט מיט א געמאכט געלעכטעריל:

— דער רבי? די רביצין? וואס געהען זיי מיר אן?... ס׳ארט מיך גאר קנאפ, וואס זיי וועלען יא זאגען און וואס זיי וועלען נישט זאגען... כ׳בין שוין מעהר קיין קינד נישט. גענוג!...

ס׳איז איבער׳ן צימער א צאפלדיגע שרעק דורכגעלאפען. אלעמענס אויגען האבען זיך מיט פחד איבערגעקוקט. ר׳ פנחס׳ל איז שטעהן געבליבען מיט אויסגעגלאצטע אויגען, ווי ער וואלט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט, און פלוצלינג צו דער טהיר צוגעלאפען:

— חצופה!!! — האט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול און א קלאפ געטהון הינטער זיך די טהיר מיט א שטארקען שטורם, אז דאס גאנצע מעבעל פון שטוב האט געציטערט.

א טויער האט זיך יענע נאכט צולעגט איבער ר׳ פנחס׳ל גלאזמאנ׳ס הויז; א געדריקטע שטימונג, א שווערער אטעם האט געפרעסט אויף אלעמענס הערצער; אויף די שפיץ-פינגער, ווי אויס

מ'רא די שווערע שטילקייט ניט צו שטערען, איז יעדער דאן איבער דער שטוב געגאנגען...

אין ר' פנחס'ל גלאזמאנ'ס הויז האט זיך פולווער געפיהלט, אט-אט, האלט זיך, וועט א וואולקאן אויסברעכען און דאס חסידישע רוהיגע הויז חרוב מאכען... און געשראקען האט יעדען דער מורא'דיגער געדאנק, און געציטערט האט יעדער דערפאר...

פערברעכענדיג די הענד און שאקלענדיג מיט מוטער-בע־דויערונג מיט'ן קאפ, האט שיינדעלע גלאזמאן פערלאזט דבורה'לעס צימער און אריין צוריק אין דער גרויסער עס-שטוב, וואו ר' פנחס'ל איז אנאנגעצונדענער ווי צומישט ארומגעלאפען. מלכה'לע און ריי־זעלע זענען נאך א ווייל געשטאנען און געקוקט מיט צארענדיגע אויגען אויף די צוויי „הויף"-קינדער, דבורה'לע און רבקה'לע, און מיט זויערע מינעס האבען זיי זיך שטיל פון צימער ארויסגעשארט.

און אויסגעזעהען האט יענע נאכט ביי ר' פנחס'לען אין הויז, ווי די נאכט פון תשעה-באב נאך קינות, אדער ווי די ערשטע שבעה-נאכט ביי אן אבל אין שטוב, ווען די וואונד איז נאך אין יעדענס הארצען פריש, ווען אויף יעדען שריט, ביי יעדע שטוב-בעוועגונג, פיהלט זיך דאס שרעקליכע אומגליק, די גרויסע אבידה פון דעם, וואס איז אלעמען אזוי נאהענט און טייער געווען, און פלוצלונג איז א בייזער צארן פון גאט געקומען און דאס נאהענטע און טייערע אוועקגערויבט...

- זי איז אראב פון וועג... אראב פון וועג... — האט ר' פנחס'ל נישט אויפגעהערט צו קריצען מיט די ציינער, ארומלויפענדיג הין און צוריק איבער דער שטוב.

— מ'האט איהר פון וועג אראבגעפיהרט... דארט, דארט... ביי די ברוינשווייג'ס... — האט שיינדעלע מיט'ן פינגער אויף די אנטקעגענאיבערדיגע פענסטער אנגעוויזען. — מ'האט איהר אנגעהויבען שכל צו לערנען... דארט... דארט...

קיינער האט ניט געוואגט עפעס א ווארט צו זאגען, אלע האבען די קעפ אראבגעלאזען און מיט שרעק אויף עפעס געווארט.

און פלוצלונג איז שיינדעלע נאכאמאל צו דער טהיר פון דבורה'לעס צימער צוגעגאנגען, און האלטענדיג די קליאמקע אין דאנד, האט זיך נאך איהר געדאנק געוואקעלט: זאל זי אריינגעהן,

אָדער ניט? און ענטשלאָסענדיג זיך, האָט זי לאַנגזאַם די טהיר פון צימער געעפענט.

דבורה'לע איז געשטאַנען אָנגעלעהנט ביים פענסטער און געהאַלטען דעם קאָפּ אין דרויסען אַרויסגעבויגען, נעבען איהר איז רבקה'לע און הינקעל געזעסען, דאָס פּנים אויף דער האַנד אונטערגעשפּאַרט, טרויעריג און פערטראַכט.

שיינדעלע איז מיט די שטילע טריט צום פענסטער צוגעגאַנגען און דבורה'לען לייכט ביים אַרבעל אָנגערוהרט:

— דבורה'לע...

זי האָט דעם קאָפּ אומגעקעהרט און זיך אַנטקעגען דער מוטער אויפגעשטעלט. עטליכע מינוטען זענען זיי אַזוי אָהן ווערטער געשטאַנען; פון שיינדעלעס אויגען האָט פּלוצלונג גענומען אַ שטראָם טרעהרען פליסען און מיט אַ פערשטיקטע וויינענדיגע שטימע האָט זי געבעטען:

— טאָכטער, גאָט האָט אונז אַ שטיקעל גליק געשענקט, שכנים האָבען אונז מקנא געווען, קומסטו מיט אַמאָל און ווילסט אונזער גליק שטערען... פאַרוואָס, טאָכטער? פאַר ווען?... זעה, ווי די שטוב קוקט איצט אויס? זעה, דער טאַטע לויפט ווי אַ צומישטער אַרום... פאַרוואָס, טאָכטער? זענען מיר אפשר נישט דיין גליק געווען אויסען? און וויפיעל האָט אונז דאָס שטיקעל גליק אָפּגעקאָסט, ביז גאָט האָט אונז געהאָלפען און מיר האָבען פון דיר נחת דערלעבט... פאַרוואָס פערשוואַרצטו אונז, טאָכטער, דאָס פּנים, פאַרוואָס ווילסטו אונז צו לייטישע שפּאָט מאַכען... אַ רבי'ישע שנור, ר' פנחס'ל גלאַטמאַנ'ס טאָכטער, אַ פרום חסידיש ווייבעל שלעפּט זיך מיט הולטייעס אויף גאַנצע נעכט אַרום... בערעכען דיך, טאָכטער, וואָס האָסטו זיך אויף אַ זינדיגען וועג געלאָזט?... זענען מיר דען נישט דיין גליק אויסען געווען?...

— איך דאַנק אייך, כ'וועל אייך אייביג דאַנקען פאַר מיין גליק...— האָט דבורה'לע מיט איינגעהאַלטענער אויפרעגונג אַרויסגערעדט.

— וואָס הייסט?— האָט שיינדעלע מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענד און ברייט־עפענענדיג די אויגען אַרויסגעשטאַמעלט.

— דאָ? וואָס הייסט דאָס?...— האָט ר' פנחס'ל, הערענדיג די לעצטע ווערטער, זיך אויף דער שוועל פון צימער געוויזען.

— וואס זאגט זי?... — האבען זיך מלכה'לע און ריזעלע שטיל אריינגעשארט אין צימער און די אויגען אויסגעגלאצט.

דבורה'לע, זעהענדיג ווי אלעמענס אויגען זענען צו איהר געווענדעט, האט זי זיך קוראזש געמאכט, איהרע אויגען האבען זיך אנגעצונדען און ענערגיש האבען איהרע ווערטער געשטורעמט:

— אדאנק אייך, אייביג וועל איך אייך דאנקען... מיין גליק וועט איהר איסען געזען!... פערקויפט האט איהר מיך... יחוס האט זיך אייך פערוואלט. דער טאטע קאן זיך נאך, זאגט ער, אויף די פים ניט שטעלען, דאס גאנצע פערמעגען האב איך איהם אפגעקאסט... געוואלט האט ער זיך א רבי'ן פאר א מחותן קויפען!... מיין גליק וועט איהר איסען געזען!... די מאמע האט געוואלט די רביצינ'ס מחותנת'טע ווערען, איהר טאכטער זאל א שנור פון א „הויף" ווערען... מיין גליק! אסך האט איהר געזארגט דעריבער?... אין א „הויף" האט מען מיך פערקויפט, אין „הויף" האט מען מיך פערשפארט... דארט, וואו עס איז אזוי ענג און שרעקליך... א דאר פערדרייט אתרוג'ל האט מען מיר פאר א מאן געגעבען... א נאריש יונגעל, וואס שעמט זיך גאר איצט צו רעדען מיט מיר... הא־חא, אז ער דערזעהט מיך ביים פענסטער, אנטלויפט ער פאר מיר... איך דאנק אייך, אייביג וועל איך אייך פאר'ן גליק דאנקבאר זיין!... דא וועל איך בלייבען... גענוג! מעהר פאהר איך שוין אין „הויף" ניט

— הא? — האט ר' פנחס'ל אויסגעשריען און אלע איברים האבען איהם אנגעהויבען צו ציטערען.

— טאכטער... טאכטער! — האט זיך שיינדעלע צוחליפעט.

— דבורה'לע... — האט רבקה'לע דערשראקענע בליקען אויף איהר שוועגערין איפגעהויבען.

נאר עס איז שוין צו שפעט געווען. דער שטורם האט אויסגעבראכען...

XIX.

די צוויי רביצינ'ס

דאס שטילע צימער פון שרה'לע די רביצין, איז מיט עצבות און מרה־שחורה איבערפולט. א טונקעלער בין־השמשות האט זי

ווענד פון צימער אין שאטענס פערהילט. עפעס א פחד, וואס מען ווייסט ניט פון וואנען ער האט זיך גענומען און וואו ער קומט אהער, שוועבט ווי א שטילער סוד איבער׳ן צימער ארום און צולעגט זיך ווי א שווערע משא און פרעסט אזוי אימה׳דיג אויף די הערצער פון די צוויי רביצינס, די צוויי מחותנת׳טעס, וואס זיצען איצט איינע אנטקעגען די צווייטע אין׳ם ווינקעל נעבען פענסטער און שווייגענדיג טוליעט זיך יעדע אין זיך איין, יעדע האלט דעם קאפ אראבגעלאזען, מיט איין האנד אונטערגעשפארט, און אהן ווערטער שאקלען זיך לאנגזאם די צוויי קעפ ארויף און אראב, ווי זיי וואלטען בעדויערען, ווי זיי וואלטען בעקלאגען דאס, וואס עס וועט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען... ווען-ניט-ווען קייקעלט זיך ביי איינע אויפ׳ן פנים א הייסע טרעהר אראב, פליסט איבער די בלאס-פערזארגטע באקען און ווערט ערגעץ נעלם אונטער דער גאמבע...

און ווען-ניט-ווען, רייסט איין שאקלענדיגער קאפ די שטיל-קייט איבער:

— א צארן פון גאט האט זיך אויף אינז אויסגעגאסען — זיפצט די האשטינער רביצין און איהרע אויגען ווערען פייכט, קוים-קוים וואס זי האלט זיך איין פון ארויסהליפען.

— זינדיגט ניט, מחותנת׳טע — מוסר׳ט איהר מיט א פערשטיק-טע שטימע שרה׳לע די נ.׳ער רביצין — פון גאט גערט קיין שלעכטס ניט ארויס. דער מענש אליין נעהמט זיך עס לויט זיינע מעשים...

— גאט האט א שטראף אויפ׳ן „הויף" אראבגעשיקט — וויל זיך די האשטינער רביצין ניט טרייסטען.

— זינדיגט ניט, רביצין, נישט קיין שטראף איז עס, נאר א נסיון. גאט וויל דעם צדיק אויספרווען, צי ער וועט קאנען דעם נסיון בייסטעהן...

בעדויערענדער שאקעלט די האשטינער רביצין מיט׳ן קאפ. עטליכע מינוטען שווייגט זי, א טרייסט וויל זי אין די מחותנת׳טעס ווערטער געפינען, זי קאן זיך אבער ניט איבערשטארקען און א קוואל טרעהרען נעהמט מיט אמאל גיסען פון איהרע אויגען:

— חעה, ווער זאל זיך אויף אזעלכעס ריכטען, ווער האט נאר געקאנט אזעלכעס ערווארטען! גאטס צארן האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען...

און דאָס האַרץ פון שרה'לע די רביצין קאָן שוין מעהר ניט בייַשטעהן, זי זוכט שוין מעהר ניט קיין טרייַסט־ווערטער, און מיט אַ נגון פון אַ מוסר־ספר פליסען שטילע קלאָג־ווערטער פון איהר מויל:

— ווער האָט דען געזאָלט אַזעלכע שווערע צייַטען ערוואַרטען? דוה נאָך הדר איז אַ שלום איפ'ן „הויף" פערשפרייט, דוה טאָך הדר איז ער אין די פליגלען פון די מלאכי השלום געווען אייַנגעהילט. רייַסט זיך פלוצלונג, גאָט זאָל בעשירמען, אַ בייַזער שטן אַרייַן און צושטערט דעם שלום, רויבט די קינדער פון די עלטערענס שויס אַוועק...

און די חאַשטינער רביצין האַפּט־אונטער:

— זיצט אַ יונג קינד תמיד אין „הויף", האָט מיט פרעמדע קיין התחברות ניט, ווייסט אפילו ניט רעכט דעם וועג אין שטאָדט אַרייַן. יום ולילה זיצט ער ביי זיך אין חדר פערשלאָסען, דער טיש איז מיט הייליגע ספרים פול. אַ כשר קינד — ווייסט ניט מעהר, נאָר גאָט ברוך הוא צו דינען און די הייליגע ספרים צו לערנען. חסידים האָבען פאַר איהם דרך־ארץ, זאָגען איהם שוין מעהר קיין „דו" ניש, ווער סוזעהט איהם, — בענשט זיך מיט אַזעלכע קינדער... העלפט זיין ליעבער נאָמען און מען דערלעבט נחת: מען גרייט זיך שוין דעם זמן החתונה אָבצושמועסען, די מאַמעס האַרץ וואַקסט פון פרייד, און גאָר אומגעריכט — אַזאַ גזר־דין, אַזאַ גאָט'ס שטראָף!...

און שרה'לע די רביצין ווייַזט אויף איהר „הויף" אָן:

— וועמען זאָל גאָר אייַנפאַלען, ווער זאָל זיך אויף אַזעלכעס ריכטען: אַ יונג כשר קינד, שטענדיג אין „הויף" געזעסען, ניט געגאַנגען קיין פיער איילען אַרויס, קיין פרעמדע חבר'טעס ניט געהאַט. דאָ בייַם פענסטער שטענדיג געזעסען און העמדעלעך מיט זאַקעלעך פאַר אָרימע יתומים גענעהט... און אַזאַ גאָלדען האַרץ, אַזוי גוט און דערבאַרמדיג! וויפיעל מאָל, בשעת זי פלעגט אַ העמדעלע נעהען, פלעגט זי זיך אין דער אָרימער אלמנה דערמאָהנען, וואָס האָט איהר דאָס שטיקעל לייַוואַנד דורכ'ן פענסטער דערלאַנגט, און אין דעם אָרימען יתום, פאַר וועלכען זי האָט דאָס העמדעל גענעהט, און טרעהרען פלעגען דאַמאָלס פון איהרע אייגען טריפען אין דאָס ווייסע העמדעל פייַכט מאַכען... ביז שפעט אין דער נאַכט פלעג איך זי ניט קאָנען פון דער מצוה־אַרבייט אָבריסען, ביז ס'פלעגט זיך איהר

אליין די אויגען פערשליסען און די נאָדעל פון האַנד אַרויספאַלען... זאָגט זשע מיר, רביצין, פון וואַנען האָט זיך צו אַזאַ פרום כשר קינד אַזעלכע מחשבות זרות, גאָט זאָל אויסהיטען, גענומען? ווי אַזוי האָט, נישט זינדיגען זאָל מען מיט די רעד, דער יצר־הרע אויף אַזאַ קינד שליטה בעקומען?...

— פרומע קינדער, כשר׳ע קינדער — האָט די חאשטשינער רביצין מיט טרערען געזאָגט — מען טאָר זיי אָבער אַליין אויף קיין וועג ניט לאָזען, אויפ׳ן וועג איז דער שטן מקטרג... נאָך וואָס, רביצין, האָט איהר זי קיין וואַרשא געלאָזט פאָהרען? אין אַזאַ שטאָדט, אַזאַ שטאָדט, וואו אַפייער פון גהינם ברענט, וואו אַנעץ פון זינד איז אויף יעדען טריט פערשפּרייט... נאָך וואָס, רביצין, האָט איהר זי געלאָזט קיין וואַרשא פאָהרען?

— ווער זאָל זיך ריכטען? ווער זאָל עס דען איינפאַלען? מיין שנור דבורה׳לע דאַרף צו אַדאָקטאָר פאָהרען; אַפרום כשר ווייבעל, די מינדעסטע זאַך חלילה ניט געוועהען פון איהר, גאַנצע טעג ביים פענסטער געזעסען און אין הימעל געקוקט... אין „הויף״ האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז די פּאָר אָרימע און קראַנקע מתפלל, טהוט תפילה פאַר זיי... אַכשר׳ע פרומע שנור...

די רביצינ׳ס הערצער זענען פלוצלונג איבערגעריסען געוואָרען, די טהיר פון צימער האָט זיך געעפענט און אַבריעף האָט מען דערלאַנגט:

אַבריעף פון וואַרשא, פאַר דער רביצין.

צו מיר אַבריעף? — ביידע מחותנת׳טעס האָבען זיך שטיל מיט שרעק איבערגעקוקט. די רביצין האָט מיט ציטערענדע הענד דעם בריעף פון קאָנווערט אַרויסגענומען, ציטערענדיג די ברילען אָנגע־טהון און שטיל, לאַנגזאַם די ווערטער אינ׳ם בריעף אָנגעהויבען צו לעזען:

מחותנת׳טע, רביצין! טהוט, רביצין, תפלה פאַר גאָט. זאָל דער צדיק, דער מחותן, מיט זיין תפלה די טויערען פון הימעל עפע־נען... זאָל מען אין גאַנצען „הויף״ ליכט אָנצינדען און אין בית־המדרש תהלים זאָגען!... גאָט׳ס צאָרן האָט זיך אויף אונז אויס־געגאָסען! מיין כשר׳ע טאָכטער, אייער פרומע שנור, דבורה׳לע,

איז פון רעכטפארטיגען וועג אראב... א קליפה, גאָט זאָל זיך דערבארמען, האָט זיך אין איהר בעהעפט!...

— וואס איז מיט אייך, רביצין?... אוי וועה איז מיר, וואָס איז דאָס פאר א בריעף?... א ביסעל וואסער!... רביצין! וואָס איז דאָס פאר א בריעף?... וואסער, וואסער!...

— וואס איז געשעהען? וואָס איז פאָרגעקומען?

די רביצינ'ס צימער איז פול געוואָרען מיט מענשען. ס'איז זיך דער גאנצער „הויף” אויף דעם געשריי צוזאמענגעלאָפען און זיך אין דער טהיר געשטופט. די רביצין איז א פער'חלש'טע אויף דער שטוהל געלעגען, נעבען איהר פיס־בענקעלע האָט זיך דער בריעף געוואלגערט. די דיענסטען פון קיך און די ווייבער, וואָס זענען פון גאס אָנגעקומען, האָבען וואסער אויף דער רביצין געשפריצט און זי געמינטערט. די חאשטינער רביצין איז געשטאנען די הענד פערבראָכען, די אויגען האָבען שטאר און פערצווייפעלט ארום זיך געקוקט, ווי זי וואָלט ניט קאָנען בעגרייפען, וואָס דאָ קומט פאָר, און ווי וואהנזיניג האָט זי שטיל, אָהן אויפהער געשעפטשעט:

— א צאָרן פון גאָט... א צאָרן פון גאָט... א גהינם־פייער ברענט... וואָס איז דאָס פאר א בריעף? וואָס שטעהט אין דעם בריעף געשריבען?...

— רביצין, מחותנת'טע! וואָס איז דאָ געשעהען? וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

נאָר די מחותנת'טע, די חאשטינער רביצין, הערט ניט, וואָס מען פרעגט איהר, ווייסט ניט קיין אנטוואָרט, ווי צוגעשמידט שטעהט זי אויף איהר אָרט, די הענד פערבראָכען:

— א צאָרן פון גאָט... א גהינם־פייער ברענט...

אין דער קלאָנג צוטראָגט זיך איבער שטאָדט און גאס, יודען לויפען פון די קראָמען ארויס, ווייבער לאָזען איבער די קוישלעך אויפ'ן מארק, מלמדים און קינדער לאָזען הפקר די חדרים מיט די אָפענע גמרות און אלע לויפען מיט שרעק צום „הויף” אוועק, שטופען זיך אין טהיר און פענסטער. איינער חאפט דעם צווייטען ביי די לאצען אָן, איינער בעט זיך ביים צווייטען:

— וואָס איז געשעהען? וואָס איז פאָרגעקומען?

נאָר יעדער קוועטשט מיט די פּלייצעס, קיינער ווייסט ניט קיין ענטפער. פיעל ווייסען אפילו ניט, נאָך וואָס זיי זענען אהער אין „הויף" געלאָפען, ווער האָט זיי אהער געצויגען, און דאָך איז אויף אַלעמען אַזאַ אימה אויסגעגאָסען, דאָך ציטערען ביי יעדען די גלידער, אַנ'אויסבעוואוסטע שרעק, מען ווייסט ניט, פאַר וואָס, מען ווייסט ניט פאַר ווען, האָט איהרע ציינען אויף אַלע פנים'ער געלעגט: יודען האָבען די שטערענס און ברעמען צונויפגעקוועטשט, ווייבער טוליען זיך אין זייערע פאַטשיילעס איין, שאָקלען בעדויערענד מיט די קעפּ, פערציהען די פנים'ער מיט מינעס אויף צו פערחליפּען זיך ביי די ערשטע געלעגענהייט און האַלטען שוין די נאָז־טיכלעך גרייט... און גרעסער ווערט וואָס אַ מינוט דער עולם, שטאַרקער — דער געדראַנג און שטופּעניש. די רביצינ'ס וואָהנונג איז פון דרויסען איינגאַנצען בעלעגערט: אויף טהיר און פענסטער, סלופּעס און באַלקענס האַפּט מען זיך, הונדערטער אויגען זענען צו די שפּאַלטען און שפּאַרינעס ווי צוגעקלעפּט און קיינער ווייס אפילו ניט, וואָס זיינע אויגען זוכען און נאָך וואָס ער איז אהער אין „הויף" געלאָפען...

און פּלוצלונג טראָגען זיך קולות פון אַלע זייטען:

— מאַכט אַ וועג!...

— לאָזט דורכגעהן!

— דער רבי געהט! דער רבי, דער רבי!

צוזאַמען מיט אַנ'עולם יודען, וואָס האָבען אין בית־המדרש מנחה־מעריב געדאַוועט, האָט זיך דער רבי בעוויזען, די אויגען צו דער ערד אַראָפּגעלאָזען, דער שטערען פערקנייטשט, די ברייטע באָרד האָט זיך אַהין און אַהער בעוועגט, און איילענדיג איז ער אין דער רביצינ'ס וואָהנונג אַריין.

די משמשים האָבען דעם אָנגעלאָפענעם עולם פון אינוועניג אַרויסגעטריבען, די טהירען פון דרויסען פערשלאָסען. דער רבי איז אויף דער שוועל פון דער רביצינ'ס צימער שטעהן געבליבען און שטיל זיך אַרומגעקוקט: אויפ'ן טיש האָט אַ לאָמפּ מיט אַ טונקעל פייער געברענט, די דערמינטערטע רביצין איז מיט אָפענע אויגען אויף דער סאָפע געלעגען, נעבען איהר איז די האַשטינער רביצין און אַ קרובה געזעסען און האָבען איהר מיט טיכלעך איבער'ן קאָפּ געפאָכעט.

דער רבי האט זיך ביים טיש אזעקגעשטעלט און, ווי נישט צו קיינעם געווענדעט, האט ער סתם אין דער שטוב א פרעג געטהון:

— וואס איז געשעהען? — —

איז עטליכע מינוטען קיין ענטפער ניט געווען, און דער רבי איז פון טיש צום פענסטער צוגעגאנגען, לאנגזאם זיך געשאקעלט און אין דרויסען געקוקט.

און גאר פלוצלונג האט ער זיך מיט׳ן פנים אוויילע אומגעקעהרט צו דער זייט פון דער סאפע און נאכאמאל א פרעג געטהון:

— דערצעהל, רביצין, וואס איז געשעהען?

— רבי, מחותן — האט די חאשטינער רביצין שטיל ארויסגערעדט — גאט׳ס צארן האט זיך אויף אונז אויסגעגאסען... א גהינם־פייער ברענט...

און שרה׳לע די רביצין האט זיך לאנגזאם אויף דער סאפע אויפגעזעצט און מיט א קרענקליך־שוואכע שטימע האט זי צום רבי׳ן געזאגט:

— פאר אלע יודען ביזטו מתפלל, תפלה טהוסטו פאר יעדען, וואס קומט אין „הויף" אהער — און דיינע אייגענע האסטו פערגעסען. דער שטן טאנצט אין „הויף" ארום — און דו זעהסט נישט... די קליפה, השם ישמרני, האט זיך אהער אריינגעחאפט און מאכט חורבנות אן, זי רויבט אונזערע קינדער אוועק — און דו שווייגסט... דו זיצט זיך דארט אין חדר און לייענסט „קוויטלעך", פערזארגסט יודען מיט פרנסה און געזונד...

דער רבי איז נעבען פענסטער געשטאנען און אין דער ווייטער וועלט געקוקט. אין דרויסען, פאר׳ן פענסטער האט זיך א גרויסער עולם יודען צונויפגעקליבען און דורכגענומען מיט שרעק האבען זיי אין פענסטער צום רבי׳ן געקוקט.

און די רביצין האט זיך מיט אלע קרעפטען געשטארקט און איז פון דער סאפע אראב, און האלטענדיג אין איהר ציטערנדע האנד דעם בריעף, איז זי צום רבי׳ן צו.

— נא, זעה!... אלע, אלע, האט זי דאס גהינם־פייער ארומגעחאפט! אלע קינדער פון „הויף": אונזער טאכטער, אונזער שנור און אונזער טאכטער׳ס בעשערטער!... פרומע קינדער, כשר׳ע קינדער,

און — װער זאָל זיך ריכטען, װעמען זאָל דאָס איינפאַלען ?! — גאָר אומגעריכט, װי דער ביזער שטן װאָלט זיי אַלעמען אָנגערעדט, װערען זיי אַלע מיט אַמאָל פֿון די „היפּען" פֿערפֿאַלען, לאָזען זיך אין דער גרױסער זינדיגער שטאָדט אַװעק, און װעה, צו װאָס מיר האָבען דערלעבט! דאָרט זענען זיי אַלע אין טיפֿען אָבגרונד פֿערזונקען, און גאָט טהוען זיי װידערשפּעניגען... און דו, דו זיצסט דיר אין חדר און לייענסט „קװיטלעך", פֿערזאָרגסט יודען מיט פּרנסה און געזונד — און דיינע אייגענע האָסטו פֿערגעסען, װאָס אַרום דיר טהוט זיך, װעהסטו ניט, און צו װאָס װעט עס ברענגען, צי װאָס װעט עס ברענגען ?..

דער רבי איז אייגעװעגליך אויף זיין אָרט, ביים פֿענסטער געשטאַנען, זיינע אויגען האָבען אַלץ אין'ם זעלבען פּונקט, דאָרט הייט-װייט אין'ם טיפֿען הימעל געקוקט; הינטער זיין פּלייצע איז געשטאַנען די רביצין מיט דעם אויסגעשטרעקטען בריעף אין דער האַנד און איהרע מוסר-װערטער, װאָס זי האָט מיט אַלע איהרע כּחות גערעדט און זענען געװעזען צום רבי'ן געװענדעט, האָבען אונאויפֿהערליך איבער'ן צימער געשטורעמט, דורכ'ן אָפֿענעם פֿענסטער האָבען זיי זיך אין דרויסען אַרויסגעטראָגען, דורך די געדיכטע בוימער-צװייגען האָבען זיי זיך דורכגעשפּאַרט און אַװעג געמאַכט זיך אַהין, אין'ם קעגענאיבערדיגען שטילען װאַלד, װאו ס'האָט זייער װידערקול אָבגעקלינגען און ערגעץ װייט-װייט נעלם געװאָרען...

און פּלוצלונג האָט זיך דער רבי פֿון פֿענסטער אומגעקעהרט און גענומען איבער'ן צימער אַרומלױפֿען, און אַן אימה איז דאָס מאָל געװען אויף זיין פּנים צו קוקען: באָרד און ברעמען האָבען זיך איילענדיג און אַלע זייטען בעװעגט, די אויגען האָבען װי פֿייער געגלידט, און אַ שטום-ברומענדער ניגון, אָהן װערטער, האָט אַ שרעק אַרום זיך געװאָרפֿען. שרה'לע די רביצין איז אַ דערשיטערטע אין אַ זייט אָבגעשפּרונגען און זיך אין װינקעל געשטעלט, מיט אָפֿענע אויגען צום צדיק געװענדעט. די האַשטינע רביצין האָט זיך אין אַ צװייטער זייט אָבגערוקט, אַ דערשראָקענע...

דער רבי האָט זיך אין מיטען שטוב אַװעקגעשטעלט, די הענד צושפּרייט, זיין פּנים האָט געפֿלאַמט, און אַ טענה האָט ער צום הימעל געטהאָן:

— און מיר האָט מען דאָס ניט מגלה געװען?... אויף יודען

װענען זיך גבורות מתעורר... מען זעהט בעשײנפערליך דינים... דאס פרענזית הויבט זיך אן פון די צדיקים... כי תצא אש ומצאה קוצים... ונאכל גדיש... דאס פייער איז מחריב דעם גדיש... סמאל וויל די לעצטע מצודה חרוב מאכען... שונא ישראל זאלען מעהר קיין תקומה ניט האבען... דינים װענען זיך מתגבר און דערמיט וויל זיך, אוי ווער, די קליפה, רחמנא ליצלן, משתמש זיין!... נאר ניין!... מען טאר עס ניט דערלאזען!...

ער האט א רגע מפסיק געווען; א שטומער ניגון האט איבער'ן צימער געברומט און דער פחד איז אלץ גרעסער און שטארקער געווארען. און ווידער האט ער זיך איבער'ן צימער אויף און אפ געדרעהט, ביים פענסטער זיך אוועקגעשטעלט, און זיין קול איז וויכער און בעטענדער געווארען:

— חלילה, חלילה... אין זרע של צדיקים קאן חלילה, קיין שמץ-פסול ניט זיין... חלילה... א חשד בכשרים... א בלבול, א בלבול... נישט מעהר, נישט מעהר ס'איז אנאנדער ענין... עבירה לשמה... מען דארף די ניצוצות הקדושים מעלה זיין... איז דער צדיק זיך צווישען די רשעים מתערב... און דאס איז דאך טאקע א גרויסע מדרגה... דערצו איז לאו כל אדם זוכה... ורחמיו על כל מעשיו... מען דארף זיך אויך אויף דעם רשע מרחם זיין... א בלבול, נישט מעהר, ווי א בלבול... נשים דעתן קלות... זיי פערשטעהען ניט... א גרויסע מדרגה... משל לבן מלך, וואס ווערט פלוצלונג פון פאלאץ נעלם. אין דארף איז ער אוועק... ער וויל זיך מתקרב זיין מיט'ן פשטות, מיט'ן בן כפר, וועלכער איז בתכלית הפשטות... טייערע אוצרות ליגען אין פשטות, אין בן כפר בעהאלטען, וואס ביים מאטען, דעם מלך אין פאלאץ וועט ער זיי פאר כל הון ניט געפינען... וואס-זשע טהוט ער? — מוז ער זיך, דער בן מלך, ווי א בן-כפר מתלבש זיין, מיט זיי צוזאמען לעבען, זיין משונה'דיג אזוי ווי זיי, בכדי ער זאל קאנען פון זיי דעם סוד פון זייערע אוצרות דערגעהן...

און פלוצלונג האט זיך דער טאן געביטען און דעם רבינ'ס קול איז העכער און ציטערדיגער געווארען:

— צו גרויס איז אבער די מדרגה, צו שווער די משא!... נישט פאר זייערע כוחות... השם ישמרנו — מ'וויל א צו-שווערע משא אויפהויבען, צווי כוחות ראנגלען זיך, יעדער ציהט אויף זיין זייט... איז אבער די משא שווער, פערלירט מען, חלילה, דעם משקל

און מען פֿאַלט אַליין, רחמנא ליצלן, אונטער דער משא אַרונטער...

און העכער און שטרענגער האָט זיך דעם רבינ'ס קול אויפֿגעהויבען:

— און מיר האָט מען דאָס גאָרניט מגלה געווען!... וואָס האָט מען געוואָלט פֿון מיר!... נאָך וואָס האָט מען מיך פֿאַר אַ מנהיג איבער אַנ'עדה יודען געמאַכט!... ביי מיר אין „הויף" איז דער שטן מרקד... די קליפּה האַלט מלחמה, זי וויל די קדושה מנצח זיין... ווי קום איך אַ מנהיג צו זיין!... יודען קומען צו מיר, איך זאָל פֿאַר זיי מתפּלל זיין — ווער בין איך? איך האָב שוין אויבען מעהר קיין דעה ניט... מען האָט פֿון מיר אַלין צוגענומען — וויל איך מעהר קיין מנהיג ניט זיין!... מעלין בקודש שטעהט!...

און דער רבי איז פֿון צימער אַרויס. אויפֿ'ן „הויף" איז אַנ'עדה יודען מיט ווייבער און קינדער געשטאַנען, און דערזעהענדיג דעם רבי'ן, איז אויף זיי אַ פּחד אָנגעפֿאַלען, און צוויי צונויפֿגעפּרעסטע שורות האָבען זיי זיך צונויפֿגעדריקט און דעם רבי'ן אַ וועג געמאַכט.

מיט גיכע טריט און אַ פֿלאַם־פֿייערדיג פּנים איז דער רבי דעם וועג דורכגעלאָפֿען, אַהין אינ'ם קליינעם בית־המדרש'ל אין זיין התבודדות־חדר אַוועק. ביי דער טהיר האָט ער זיך אָבגעשטעלט און אומקעהרענדיג זיך, שטרענג צום עולם אַ זאָג געטהון:

— וואָס זענט איהר געקומען? צו וועמען זענט איהר געקומען?... געהט אייך, יודען, געזונדערהייד. געזונד!... זוכט אייך, יודען, אַנ'אַנדער רבי'ן!...

און דער רבי איז תיכּף צו זיך אין חדר אַריין און די טהיר פֿערשלאָסען.

דער עולם איז ווי פֿערגליווערט אויף זיין אָרט געשטאַנען און פֿון פּחד האָט קיינער ממש מיט קיין אבר ניט אַ ריהר געטהון.

— וואָס איז געשעהען? וואָס איז פֿאָרגעקומען?

און איינער קוקט דעם צווייטען אָן, יעדער קוועטשט מיט די פּלייצעס, קיינער ווייסט קיין ענטפֿער ניט, קיינער ווייסט די סבה ניט. מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ צוגעהט זיך שטיל דער עולם, יעדער אין זיין וועג, יעדער, פֿון וואַנען ער איז געקומען. און חסידים, אָנגעפֿאַרענע סוחרים, וואָס זענען נאָר אויף עטליכע שעה געקומען

אַניעצה פֿרעגען און וואַרטען שוין עטליכע שעה אין „הויף“, אויף צו „געזעגענען“ זיך און איילען מיט'ן נאָהענטען צוג אַהיים אויף שבת צו פֿאָהרען, געהען איצט פֿערצווייפֿעלט איבער'ן „הויף“ אַרום, בייסען די שפּיץ בערד, און ווייסען קיין אויסוועג נישט:

— וואָס איז געשעהען, וואָס וועט זיין?...

און משה-מרדכי דער אַלטער משמש דרעהט זיך מיט דעם לאַנגער הולקע איבער'ן „הויף“ אַרום און ברומט:

— נישטאָ... נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטען... היינט וועט מען נישט „געזעגענען“...

און יודען-סוחרים, וואָס אַיילען זיך אויף שבת אַהיים, שטעלען אויף איהם פֿערצווייפֿעלטע אויגען אויס, בעטען זיך:

— כּטייטש? היתכן?... ערב שבת...

נאָר משה-מרדכי פּיפּקעט זיך געלאַסען די לולקע:

— נישטאָ... נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטען... היינט וועט מען נישט „געזעגענען“...

און אינ'ם קליינעם בית-המדרש'ל זענען ווייבער אין איין קופּע צונויפגעטוליעט, די אויגען צו דער טהיר פֿון רבינ'ס חדר געווענדעט: ווען וועט מען שוין אָנהויבען „קוויטלעך“ צו שרייבען? ווען וועט מען אינוועניג צום צדיק אַריינלאָזען? שוין דאָנערשטאָג ביינאַכט. מאָרגען איז ערב שבת, ווי אַזוי וועט מען קאָנען בעצייטענס אַהיים קומען?...

און אין בית-המדרש'ל בעווייזט זיך ר' יודעל דער „קוויטעל-שרייבער“, לאָזענדיג פֿון זיין ציגאַר די קייַלעכיגע רעדלעך רויך, און שטרענג טהוט ער אויף די ווייבער אַ קוק און ברומט:

— וואָס האָט איהר זיך אָנגעקלעבט? מען זאָגט אייך: נישט!... גאָרנישט, גאָרנישט... היינט וועט מען קיין קוויטלעך נישט שרייבען!...

און די ווייבער, וואָס איילען זיך אויף שבת אַהיים צופֿאָהרען, שטעלען פֿערצווייפֿעלט די אויגען אויס:

— זאָלט איהר געזונד זיין, ר' יודעלע... סטייטש? ווי אַזוי? מאָרגען איז דאָך ערב שבת...

— גאָרנישט, גאָרנישט... ניין, זאָגט מען אייך! היינט וועט מען קיין קוויטלעך נית שרייבען!...

XX

דער רבי איז ברוגז.

און געווען איז צומאָרגענס אַ פֿרײַטאָג — דערצעהלען די שמשים — מעהר זאָל זיך שוין, רבונו של עולם, אַלעבער נישט אומקעהרען.

די געלטיגע חסידים־סוחרים, וועלכע זענען געקומען צום רבי'ן אַ בעצה און עניני מסחר פֿרעגען, דערהערענדיג, דאָס דער רבי וויל ניט געזעגענען קיינעם, האָבען זיי זיך אויפֿגעהויבען מיט די אָנגעשריבענע קוויטלעך אין קעשענע, וואָס זיי האָבען שוין געהאַלטען גרייט בשעת'ן געזעגענען, דעם רבי'ן צו דערלאַנגען, און מיט טרויערפֿאַרבלאָנקעטע קעפּ, צוריק אַהיים אומגעקעהרט זיך „אָהן אַ תשובה"...

ווײַבער און יודענעס אין פֿאַטשיילעס, וואָס זענען געקומען אַהער צום רבי'ן, זיך די הערצער אויסגיסען, דערהערענדיג, דאָס דער רבי האָט בעפֿוילען, קיינעם ניט אַרײַנצולאָזען און קיין קוויטלעך ניט שרײַבען, האָבען זיי נאָך געפּרובט וואַרטען אַ שעה און צוויי, און זעהענדיג, אַז עס העלפֿט ניט, האָבען זיי זיך מיט די ברוגז־פֿאַרטרויערטע די אויגען אויסגעווישט און „אָהן תשובה" אַהיים געפֿאָהרען... דעם געגליכען זענען זיי געווען צו יענעם קנעכט, וואָס דער הערר האָט איהם דעם דערלאַנגטען כוס אויפֿ'ן פנים אויסגעגאָסען...

און געקומען זענען אויך חסידים, ווי תמיד אויף שבת צו פֿאָהרען. געקומען — נישט געוואוסט פֿון קיין שום זאַך, נישט גערעכט זיך חלילה אויף קיין אויסערליכעס. געהען חסידים לוסטיג אַראָב פֿון דער באַהן, פֿאָהרען זיך פֿרעהליך אויף די בריטשקעס אין שטאָדט אַרײַן און זינגען דערווײַל אַ חסידיש זמר'ל — ווער ווייסט צי די גינדעסטע זאַך אײַנפֿאַלען, ווער זאָל זיך אויף עפּעס ריכטען?...

שטעלען זיך די בריטשקעס אין רבי'נס גאַס אָב, פֿאַר די שטיבען פֿון די אכסניות, וואו עס שטעהען די בעלי־אכסניות און די אַרמעלקעס גרייט און גיבען זיי „שלום־עליכם" אָב, און חסידים בעמערקען נישט, ווי די פּנים'ער פֿון די בעלי־אכסניות זענען פֿערטערט, דאָס [illegible] אויסגעשטרעקטע הענד זענען קאַלט, אײַז־קאַלט,

און קוים-קוים, וואס דער „שלום-עליכם“ בעוועגט זיך אויף זייערע ליפען, מעהר נישט ווי אויף יוצא צו זיין...

חסידים בעמערקען נישט, חסידים זעהען נישט. פון וואנען זאל זיי דען עפעס איינפאלען?

גאר דערנאך, ווען חסידים האבען זייערע פעקלאך אין די אכסניות איבערגעלאזען, ארומגענומען אויף זיך די גארטלען, אנגעטהון די יארמעלקעס און מיט געוואשענע הענד אהין אין „הויף“ אוועק „שלום“ נעהמען — ערשט דאמאלס האבען זיי אנגעהויבען צו פיהלען, האבען זיי אנגעהויבען צו בעמערקען, אז עפעס איז נשתנה געווארען, עפעס וואס איז פארגעקומען...

ווארום געזעהען האבען זיי בחוש, אז אנ׳אימה, שוועבט אין „הויף“ ארום, אז אלעס איז אין אבילות איינגעהילט...

די „הויף“-מענשען, די מקורבים, האבען מיט אראבגעלאזענע קעפ זיך איבער׳ן הויף ארומגעדרעהט, ציגארען און לולקעס גערויכערט, גערויכערט אהן אויפהער, עפעס מיט אמין עקשנות... און די ווייסלען רויך האבען זיך אזוי געדיכט, אזוי צארנדיג אינ׳ם אייר געשלענגעלט, און ווי א געדיכטע חמארע זיך איבער׳ן „הויף“ צולעגט. און ארומגעגאנגען זענען אויך די משמשים איבער׳ן „הויף“, מיט די לולקעס אין מויל און לאנגזאמע טריט געצעהלט, די שטערענס פערקנייטשט און בייזע בליקען ארום זיך געווארפען...

עצבות: בעשיינפערליך האט מען איצט דאס עצבות אין „הויף“ געזעהען, אזא עצבות, וואס האט א ממש, וואס יעדער, ווער נאר האט נאר א חוש-העין געשענקט, זעהט דאס און קאן דאס ממש מיט די הענד אנטאפען, בבחינת וימש חשך...

קומען די חסידים אין „הויף“ אריין און ריכטען זיך אויף א פרעהליכען קבלת-פנים, דערזעהען זיי אבער באלד די פערטרויערטע פנימ׳ער, און זיי חדוש׳ן זיך דערויף...

געהען זיי נעהענטער צו די מקורבים, צו די משמשים צו — יענע קוקען זיך כמעט נישט ארום אויף זיי. פון יוצא וועגען ברומט ווער פון זיי א „שלום-עליכם“ און קוים-קוים וואס ער שטרעקט א צוויי פינגער אויס...

דערפיהלען חסידים, אז דא איז עפעס נישט גלאטיג, ווערט זיי דער ענין קשה: וואס בעדייט דאס? מה היום מימים?...

פּאַלט זיך אַ חסיד קוראַוש אין מיט אַ פּנים צוהלית טהוט ער אַ משמש אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— וואָס מאַכט מען עפּעס, משה־מרדכי׳לע?

אַלס תשובה בעקומט ער אָבער פון׳ם משמש אַ בייזען בליק און אַ שטאַרקען בּרים:

— גו... עה... נו...

איז די זאַך נאָך מעהר קשה, ווערט שוין אַ צווייטער חסיד ערנסטער און טהוט אַ פרעג, אָנווייזענדיג מיט׳ן פינגער צים קליינעם בית־המדרש׳ל:

— קאָן מען שוין אפשר אַריינגעהן „שלום" נעהמען?

קעהרט דער משמש דעם קאָפּ אַוועק, לאָזט שטאַרקע ווילען רויך אַרויס, געהט זיך אַוועק און לאָזט זיי אַלע אָהן ענטפער איבער...

קוקען זיך די חסידים איבער: וואָס הייסט דאָס? וואָס טהוט זיך דאָ עפּעס?... ווערט מען נאָך ערנסטער און מען געהט צו צו אַ צווייטען, און צו אַ דריטען צו:

— קאָן מען שוין אפשר אַריינגעהן „שלום" נעהמען?

ביז מען בעקומט אַ תשובה, אַ ברומענדיגע, אַ ברוגז׳ע תשובה:

— דער רבי וויל קיין „שלום" ניט געבען... דער רבי לאָזט צו זיך אין חדר ניט אַריין...

בלייבען חסידים שטעהן, ווי מיט אונטערגעבראָכענע פליגעל, מיט שרעק קיקט מען זיך איבער, די הענד פערשפּרייטען זיך פערצווייפעלט אויס:

— וואָס הייסט? וואָס בעדייט דאָס?

נישטאָ קיין תשובה.

— וואָס איז געשעהען? וואָס איז פאָרגעקומען

נאָר קיינער פערשטעהט ניט. קיינער ווייסט ניט.

און חסידים לאָזען די קעפּ אַראָב, פערשטעקען די הענד אין די אַרבעל און מישען זיך צוזאַמען מיט עצבות, ווערען אויך אַ חלק פון איהם...

וואָרום מען זעהט בחוש, מען פיהלט, אז געשעהען איז עפּעס, אז אַנאימה שוועבט איבער׳ן „הויף".

גערען זיך אזוי חסידים און משמשים איבערן „הויף" ארום, די הענה אין די אַרבעל פערשטעקט, די שטערענס פערקנייטשט, די מהות צוטראָגין, יעדער אין זיך פערטיפט. און דאָס עצבות איז אזוי גרויס, פרעסט אזוי שווער אויף יעדענס הארץ, אַז'עצבות, וואָס איז גאָרניט צוגעפּאַסט, וואָס דאַרמאָנירט ניט מיט'ן ערב שבת מלכתא...

גערען זיך אזוי חסידים איבערן „הויף", און זייערע אויגען קוקען מיט שרעק אויף אלע זייטען, ווי זיי וואָלטען זוכען די טיבה־ הורך העלפע סיהאָט זיך דאָס אונפערשטענדליכע עצבות גענומען... און פלוצלינג בלייבען זיי אלע אויף זייערע ערטער שטיין, קעהרען זייערע אויגען צום טויער פון „הויף" אוועק און קוקען מיט אומגע־ הולדיגע ערוואַרטונג.

ביים טויער האָט זיך אַ ברישקע אָבגעשטעלט, און תיכף האָט זיך איבערן „הויף" אַ ידיעה צוטראָגען:

— ר' פנחס'ל איז געקומען, ר' פנחס'ל גלאָזמאַן, דעם רבי'נ'ס מחותן.

און אלע לאָזען זיך מיט אמאָל צום טויער צו, און אַקוק־ טהעענדיג אויף דעם וואַרשאָווער גביר, דעם רבי'נ'ס מחותן, ר' פנחס'ל גלאָזמאַן, דערשרעקט מען זיך; עפּעס איז ער דאָך אינגאַנצען נשתנה געוואָרען. ס'איז דאָך גאָר ניט דער ר' פנחס'ל פון שטענדיג! בלייך איז זיין פנים; איינגעלאָשען און פול יאוש זעהען די אויגען; די באָרד — דאַכט זיך, אז זי איז גראָהער געוואָרען...; וואָס איז עס פלוצים געוואָרען מיט איהם?

גערט ער, ר' פנחס'ל, פון דער ברישקע אַראָב און לאָזט זיך בהכנעה'דיג אין „הויף" אַריינגעהן. דערזעהט ער פאַר זיך דעם עולם חסידים, מקורבים און משמשים, וואָס האָבען זיך אלע נעבען טויער אַוועקגעשטעלט, בלייבט ער שטעהן אַ רגע און לאָזט די אויגען אַראָב, עפּעס ווי ער וואָלט וואַרטען אויף וואָס... בלייבען אויך די חסידים שטעהן און לאָזען די אויגען אַראָב, עפּעס ווי זיי וואָלטען וואַרטען אויף וואָס...

שפּרינגט איין חסיד מיט דער האַנד אַרויס:

— שלום־עליכם, ר' פנחס'ל...

ציהט זיך שוין איין האַנד נאָך די צווייטע, און אלע מיט אמאָל:

— שלום-עליכם, ר' פנחס'ל..

מאכט זיך שוין איינער קראוש און עפענט דאס מויל, עפעס א ווארט צו זאגען, א פראגע צו שטעלען. נאר דאס ווארט, די פראגע ווערט אויף די ליפען פערגליווערט, עפעס פיהלט מען, אז די שעה איז א שווערע און נישט מסוגל איז איצט קיין דבורים צו רעדען...

און דער עולם צושפרייט זיך איבערן „הויף", יעדער אין זיך פערטיעפט, די לולקעס לאזען שטארקערע ווייסע רויך, און דאס עצבות צולעגט זיך ווי א שווערע חמארע, פרעסט אזוי שטארק אויף יעדענס הארץ!... געגליבען זענען זיי איצט צו א מטארע שאף, אויף וועלכע דער פאסטוך האט געצארענט און פון זיי זיין אויג אבגעטהון: „איך וויל אייך שוין מעהר דעם וועג ניט ווייזען!"... און זיי בלאנדזשען אום, ווי פערצווייפעלטע: נישטא קיין וועג-ווייזער — און זיי ווייסען ניט, וואו איין און וואו אויס...

אריינקומענדיג אין „הויף", איז ר' פנחס'ל תחילת צום קליינעם בית-המדרשיל, צום רבינ'ס חדר צוגעגאנגען, און פלוצלונג איז ער שטעהן געבליבען, ווי ער וואלט זיך מיישב זיין: יא אריינגעהן, אדער נישט? און תיכף האט ער דעם קאפ אומגעקעהרט, די טריט צוריק-געצויגען, ווי ער וואלט מורא האבען אריינצוגעהן... אזוי איז ער עטליכע מינוטען פערצווייפעלט געשטאנען, מיט דער דעה זיך גע-ראנגעלט און, ווי ער וואלט ניט קאנען פועלן ביי זיך, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און זיך געלאזט הין און צוריק איבערן הויף געהן.

ניין, ער קאן צום רבי'ן ניט אריינגעהן...

און די חסידים, די אנגעשראקענע חסידים, וואס ווייסען נאך איינגענטליך אליין נישט, פארוואס זיי זענען אזוי אנגעשראקען, וואס איז דאס עפעס, השם ישמרנו, פאר אנאומבעקעהרעניש דא אין „הויף" פארגעקומען, דערזעהענדיג ווי ר' פנחס'ל איז צום רבינ'ס חדר צו, און פלוצלונג גאר אבגעטראטען צוריק, איז ביי זיי דער וואונדער און שרעק נאך גרעסער געווארען.

— וואס איז, השם ישמרנו, אזעלכעס געשעהען? וואס איז פארגעקומען?

איין חסיד קוקט דעם צווייטען אן, איינער וויל אין צווייטענס אויגען דעם סוד ליינען. יעדע רגע וויל זיך אנאנדערער פון די

חסידים אַ כח אָנטהון און אַט־אָט פֿערווילט זיך איהם צושפּרייטען די הענד און הויך זיך אויסשענהין מיט'ן עולם:

— וואָס איז דאָס מיט אייך, וואָס?... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גאַנג???... עצבות גאָר!... דערויף זענען מיר צום רבי'ן אַהער געקומען?... ערב שבת, מ'דאַרף זיך לכבוד שבת מכין זיין, און פּלוצלונג דרעהט מען זיך אַרום פֿערמוח'ט, מיט אַראָבגעלאָזענע נעזער... עצבות גאָר!... דערויף זענען מיר צום רבי'ן אַהער געקומען?... וואָס איז דאָס מיט אייך, וואָס?... ערב שבת!...

און אין „הויף”, און אין די וואָהנונגען פֿון „הויף” צוטראָגט זיך אַלץ ווייטער די ידיעה:

— ר' פּנחס'ל, דעם רבי'נס מחותן, איז געקומען.

און עס עפֿענען זיך די פֿענסטער פֿון דער רביצי'נס וואָהנונג, די רביצין שטעקט דעם קאָפּ אַרויס, און משה־מרדכי, דער אַלטער משמש, געהט צו ר' פּנחס'לען צו און טהוט איהם ביים אַרבעל אַ ריהר:

— ר' פּנחס'ל, די רביצין רופֿט אייך.

די רביצין שרה'לע איז געזעסען ביים פֿענסטער און נעבען איהר איז אַן אָפֿען מוסר־ספר געלעגען. יעדעס מאָל האָט די רביצין אויף זיך די ברילען אויסגעגלייכט און די אויגען אין'ם מוסר־ספר אַריינגעטהון, געפּרובט זיך פֿערטיפֿען אין די ווערטער, אין די כונות פֿונ'ם הייליגען ספר — שווער איז עס איהר אָבער אָנגעקומען. הויך האָט זי געפּרובט די ווערטער פֿון מויל אַרויסזאָגען. געזעהען האָט מען, אַז דאָס וויל זי דערמיט די מחשבות־זרות פֿערטרייבען, די טרויעריגע רעיונות אַוועקיאָגען און אין גאָטס וואָרט רוהיגע מינוטען געפֿינען — איז עס איהר אָבער אונמעגליך; סקומען די מחשבות־זרות און זענען מבלבל דעם מח; אומעטיגע, טרויעריגע רעיונות רויבען אַוועק און צושטערען דאָס הייליגע וואָרט. די רביצינ'ס קול ווערט שוואַכער און ווי איינגעשלאָפֿען, און די הייליגע ווערטער פֿונ'ם אָפֿענעם ספר פֿערשווינדען פֿון איהרע אויגען; ניט־ווילענדיג פֿאַלט צוריק די רביצינ'ס קאָפּ אויפ'ן אָנלעהן פֿון דער פֿאָטעל און זי פֿערטראַכט זיך...

אַליין איז זי איצט דאָ, די רביצין שרה'לע געבליבען; די חאַשטינער רביצין איז היינט פֿאַר־טאָג מיט געשוואָלענע אויגען פֿון וויינען, אַוועקגעפֿאָהרען אַהיים, און אַליין איז איצט די רביצין

שׂרה'לע. נישטאָ װער ס'זאָל איהר אַ טרייסט־װאָרט זאָגען; און דאָס אומגליק װערט אַלץ גרעסער, אַלץ בלוטיגער און דײַטליכער פֿאַר די אויגען... גאָט דערבאַרמדיגער, װאָס װעט װײַטער זײַן!...

און עס װײַזט זיך ר' פּנחס'ל אין דער טהיר.

— גוט נ'אָװענד, מחותן — װענדעט זיך די רביצין צו איהם, בעהערשענדיג איהר אומעט און טרויער.

ר' פּנחס'ל בלײַבט אויף דער שװעל פֿון דער טהיר שטעהן, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, װי אַ בעשולדיגטער. עפּעס דאַכט זיך איהם, אַז דאָס װאָרט „מחותן" קלינגט איצט אַזוי איראָניש און צװישען דערמיט, אַזוי גרױזאַם און שטעכעדיג...

ער בעהערשט זיך אַ װײַלע און הױבט אויף דעם קאָפּ:

— גוט נ'אָװענד, רביצין...

— גוט נ'אָװענד, גוט נ'אָװענד, װאָס שטעהט איהר, מחותן בעני בפתח? נעהמט זיך, זײַט מוחל, אַ שטוהל...

און ר' פּנחס'ל האָט װי אַ פֿערשעמטער זיך צום טיש צוגעשלעפּט און אויף אַ ברעג פֿון אַ שטוהל זיך אָװעקגעזעצט. די רביצין האָט דעם קאָפּ אויפגעהױבען און געזאָגט:

— דערצעהלט, מחותן, דערצעהלט אַלץ... לאָמיר דאָס גאַנצע אומגליק װיסען!...

ר' פּנחס'ל האָט זיך אַ װײַלע פֿערטראַכט, די אויגען האָבען שטאַרגעץ אויפ'ן טיש געקוקט. דערנאָך האָט ער די פּאַטשײַלע פֿון בוזים אַרויסגענומען און דעם נאָז שטאַרק אָפּגעװישט, און מיט אַ שװאַכע טרויעריגע שטימע, װי אײנער, װאָס איז פֿון אַ הײַט לאַנד געקומען און אַ שלעכטע בשׂורה מיטגעבראַכט, האָט ער אָנגעהױבען:

— נו, קײן קשיות טאָר מען חלילה ניט פֿרעגען, מסתמא איז אויבען אַזוי נגזר געװאָרען, אַזוי האָט דער בורא־עולם געװאָלט און דער בשׂר־ודם מוז דאָס מקבל באהבה זײַן... אין אדם נוקף אצבעו למטה... אַלץ, רביצין, געשעהט מיט'ן רצון פֿון דער השגחה...

— דערצעהלט, מחותן, דערצעהלט אַלץ.

— נו, יאָ, װעמען, רביצין, האָט דען געקאָנט אײַנפֿאַלען דער מינדעסטער חשד... דערהאַלטען מיר אײנמאָל אַ בריעף פֿון „הויף", פֿון אונזער טײַערער דבורה'לע, דאָס זי קומט צו אונז קײן װאַרשאַ צו־גאַסט; טראַכטען מיר: — אַ יונג קינד, ניט צוגעװאָהנט נאָך צום

„הויף", צו דער פּראָווינץ, צום קליינעם שטעדטעל — בעיקט זי נאָך די עלטערען, נאָך דער גרויסער שטאָדט... ווען, חלילה, זאָל איינפאַלען, אז דאָ איז עפּעס אַ שלעכטער געדאַנק פערבאָרגען?... ביי מיר אין הויז האָט מען חלילה די מינדעסטע זאַך פון איהר ניט געזעהען... ווי אַנאויג אין קאָפּ האָבען מיר זי געהיט, השגחה געגעבען, זי זאָל קיין צופיעל חברטעס ניט האָבען, ניט אָבלערנען זיך פון די ווארשאָווער מיידלעך קיין שלעכטע מדות.

— גאָט זאָל אָבהיטען, גאָט זאָל אָבהיטען — האָט די רביצין מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט — אַלע אומגליקען קומען פון שלעכטע חברטעס אַרויס...

— געהאַט האָט זי אַפילו איין חברטע, אונזער שכנ'ס אַ טאָכטער, ברוינשווייג, הייסט ער, דער שכן, אַפילו ניט אַזא גרויסער חסיד, אַ גאַנץ יודישער מענש אָבער; יאָ, דער ברודער זיינער, דעם שכנ'ס, „פאָהרט" דאָך טאַקי דאָ אַהער, דוקא אַ וואוילער יוד, ר' שמחה־הערש, חאַשטשינער שוחט.

— ר' שמחה־הערש'ס אַ ברודער? נו, און ער „פאָהרט" ניט אין ערגעץ?

— קיין קביעות האָט ער ניט. פאַלט איהם איין — פאָהרט ער, וואוהין ס'מאַכט זיך... פאַרהאַן, רביצין, אַזעלכע חסידים אין ווארשא: היינט צו דעם רבי'ן, מאָרגען — צו אַנאַנדערען...

— אָבער דערצעהלט, מחותן.

— פלעגט זי, אונזער טאָכטער, יאָהרען־לאַנג אַהין צום שכן אַרויפקומען, זיך מיט זייער טאָכטער חברן, ניט געזעהען חלילה פון יענע קיין שום דבר־רע, געדאַכט האָט זיך: אַ גאַנץ בעל־הבתיש קינד, מילא... יאָ, בעקומען מיר אַזוי דעם בריעף פון אונזער טאָכטער און מיר ווערען מלא־שמחה. געליבט דער אויבערשטער, האָבען מיר געטראַכט, וואָס מיר האָבען פון איהר אַזוי פיעל נחת דער־לעבט, ממש מיר האָבען די מינוטען פון איהר קומען געצעהלט. אַזא צייט ניט געזעהען, וואָס מיר האָבען נאָך איהר אויסגעבענקט! זי, מיין ווייב, איז גאָר געווען אויסער זיך פאַר שמחה, נאָכ'ן בריעף האָט זי שוין ניט געקאָנט עסען, ניט שלאָפען, געוועסען און געוואַרט און געצעהלט די מינוטען, גאַנצע דריי שעה פריהער צו דער באַהן געלאָפען אָבוואַרטען, אַ מאַמעס האַרץ!...

— דערצעהלט, מחותן, דערצעהלט אַלץ.

— שטעהען מיר ביי דער באהן, דער צוג קומט-אן, און אונזער שמחה איז אין לשער: מיר טהוען א קוק, אונזער טאכטער פאהרט ניט אליין, מיט איהר איז רבקה'לע דעם רבינ'ס, אייער טאכטער מיטגעקומען. קאנט איהר זיך דען, רביצין, אונזער פרייד גאר פארשטעלען?... א יום-טוב איז ביי אונז דער דאזיגער טאג געוועזען, אלע קינדער זענען זיך ביי מיר אין שטוב לכבוד דעם רבינ'ס שנור, לכבוד דעם רבינ'ס טאכטער, צונויפגעקומען... משפחה און קרובים, וועמען איך האב בעגעגענט, האב איך איהם צו גאסט געבעטען.

ר' פנחס'ל האט זיך אבגעשטעלט און זיך טרויעריג פער-טראכט.

— דערצעהלט, מחותן.

— און וועמען, חלילה, האט אזעלכעס געקאנט איינפאלען... ביי מיר אין הויז האט מען זי תמיד ווי אנ'אויג אין קאפ געהיט... וועמען זאל איינפאלען? באלה אינים זעלבען טאג, וואס זי איז געקומען צופאהרען, ווי נאר די נאכט האט זיך געשטעלט, האבען מיר גלייך, השם ישמרנו, אין איהר א שנוי דערזעהען...

און ר' פנחס'ל'ס שטימע איז אליך שוואכער און טרויעריגער געווארען. ער האט אבגעווישט די טראפענס שווייס, וואס ס'האבען זיך אויף זיין שטערען געשטעלט און גובר-זייענדיג זיין טיעפען צער, האט ער מיט אנ'אונטערגעדריקטע שטימע ווייטער אנגע-הויבען:

— געה זיי א בריה אנטקעגען קינדער... געוואקסען כסדר ביי מיר אין הויז אונטער השגחה, אונטער א שטרענג אויג... אבגעהיט איהר, אכטונג געגעבען, איהרע טריט געצעהלט... ניט ווייל מען האט עפעס אין איהר דערזעהען, ניט חלילה, ווייל זי איז בחזקת חשד געוועזען — חלילה! אויף ר' פנחס גלאומאנ'ס טאכטער האט מען קיין השגחה ניט בעדארפט, ר' פנחס גלאומאנס טאכטער וועט ניט געהן פון דאנען ביז אהער, זי זאל ניט פריהער ביי טאטע-מאמען אנפרעגען, און אז טאטע-מאמע האבען זיך ארויסגעהאפט „ניין" וועט ר' פנחס'ל'ס טאכטער שוין מורא האבען צו פרעגען: — „פארוואס?"... ניין, רביצין, אויף ר' פנחס'ל'ס טאכטער האט מען נישט געדארפט, חלילה, קיין השגחה געבען, נאר וואס דען? אבקעה-רען דאס אויג טאר מען אויך ניט, א קינד מוז מען אין דער צוים האלטען, אכטונג געבען, היטען איהר, מיט גוטע דייה שטראפען...

— מיט גוטע רייד, נאר מיט גוטע רייד...— האט די רביצין מיט'ן קאפ געשאקעלט.

— און איך קאן דאך דאס ניט פערשטעהן, איך פרעג דאך, איך טענה דאך: פון וואנען קומט דאס פלוצלונג? ווי קומט דאס צו מיין פרומע, כשר'ע טאכטער?... ביי מיר אין הויז שטענדיג אונטער השגחה געווען, גלייך פון מיין הויז אהער אין „הויף" אוועק, וואכען־לאנג דא אין „הויף" געזעסען, בלויז גוטע מדות זיך צוגע־זעהען, בלויז אין קדושה, אין יראה. געחבר'ט זיך מיט בנן של קדושים; ווי אזוי האט דען געקאנט גאר צו איהר, דא אין „הויף", א מחשבה־זרה, א שלעכטער געדאנק אריינקומען? רבונו של עולם, דא אין „הויף"! דא אין „הויף"!...

— יא, מחותן, דא אין „הויף"! דא, אין דעם דאזיגען צימער, אט דא נעבען פענסטער, פלעגט זי שטענדיג זיצען, ניט רעדען כמעט מיט קיינעם, דעם קאפ שטענדיג געהאלטען ארויסגעבויגען פון פענ־סטער און אין הימעל אריין געקוקט. ווייבער, וואס פלעגען אהער אין „הויף" צום רבי'ן קומען, פלעגען אויף איהר מיט פחד קוקען, און פלעגען זאגען, אז דאס טויט זי תפלה פאר די, וואס דארפען געהאלפען ווערען... זעהט איהר דאך, מחותן, מען קאן געגען קיי־נער ניט בעווארענט זיין...

ר' פנחס'ל האט אבגעזיפצט און ווייטער אנגעהויבען:

— יא, רביצין, באלד אינ'ם ערשטען טאג, וואס זי איז געקומען צופאהרען, ווי נאר די נאכט האט זיך געשטעלט, האב איך אין איהר גלייך א שנוי דערזעהען... מיט אונזער שמחה האט זי זיך ניט משמח געווען, עפעס איז זי אזוי קאלט צו אונז אלע געווען, אפילו דאס קושען, וואס זי האט זיך מיט דער מאמע געקושט, איז עפעס... כ'ווייס ניט, רביצין, ווי מען רופט דאס... עפעס האט זי אויף אונז געקוקט, השם ישמרנו, מיט א מין קלות־ראש, מיט א מין שנאה, השם ישמרנו...

— שנאה גאר?

— יא, רביצין, מיט א מין שנאה, גלייך ווי מיר וואלטען איהר שלעכטס געטהון, ווי מיר וואלטען איהר גליק צושטערט... געלאזט האט זי אונז אלע ביים טיש זיצען, נישט אומגעקוקט זיך אויף מיר, אויף די קינדער, אויף די פערבעטענע געסט, גלייך ווי זי קען ניט קיינעם... אויפגעהויבען זיך און אוועק מיט רבקה'לען צו

איהרם אַ חברטע, צו ברוינשווייג'ס טאָכטער, ביז שפּעט אין דער נאַכט...

— מיט מיין רבקה'לען ביז שפּעט אין דער נאַכט?

— און אַז זי איז שפּעט בייַ־נאַכט אַהיים געקומען און איך האָב איהר גענומען שטראָף־רייד זאָגען, האָט זי שטעכעדיגע ווערטער אָבגעענטפערט, און אַזעלכע ווערטער!... איך מיט מיין ווייב זענען מיר געבליבען זיצען, ווי געלעהמט אויף אונזערע ערטער און זיך איבערגעקוקט: „ווי קומט דאָס צו אונזער טאָכטער?“... רביצין, ווען מען וואָלט דאַמאָלס מיין לייב מיט נאָדלען געשטאָכען, וואָלט קיין בלוט ניט געגאַנגען... ווי קומט דאָס צו אונזער טאָכטער?...

— ווי קומט דאָס, מחותן, ווי קומט דאָס צו אונזער שנור?...

— און די נאַכט, רביצין, איז נאָר אַ נ'התחלה געווען, אַ נ'התחלה צום פּורעניות... אַ ברוגזדיגער טאָג האָט זיך צומאָרגענס ביי מיר אין שטוב געשטעלט. איהר הערט, רביצין? מיין טאָכטער איז ברוגז! מיין טאָכטער, פאַר וועלכע איך האָב זיך אַזוי אָנגעקלעגט, פאַר וועלכע איך האָב מיין גאַנצען פערמעגען געפּטרט, דאָס איך קאָן זיך נאָך עד היום אויף די פיס ניט שטעלען, זי, מיין טאָכטער, דעם רבי'נס שנור, איז ברוגז מיט טאַטע־מאַמע, דערפאַר, וואָס זיי האָבען איהר אַ מוסר־וואָרט געזאָגט!...

— גאָט זאָל אויסהיטען, גאָט זאָל אויסהיטען — האָט די רביצין פערוואונדערט און טרויעריג מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט — אַ יודישע טאָכטער ווערט גאָר מיט טאַטע־מאַמע ברוגז...

— ברוגז!... אַ גאַנצען טאָג ניט גערעדט מיט קיינעם, און פאַרנאַכט איז זי אויפ'ן שפּאַציר אַוועק, צוזאַמען מיט רבקה'לען, ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט...

— גאָט דערבאַרמדיגער! מיט מיין טאָכטער ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט?

— און די גאַנצע נאַכט, רביצין, איז ביי מיר אין הויז אַ חורבן געווען, עפּעס ווי דאָס האַרץ וואָלט אַ שלעכטע בשורה אָנזאָגען, ווי מיר וואָלטען זיך ריכטען דערויף... אַלע אין שטוב זענען מיר ניט געגאַנגען שלאָפען, ביים פענסטער זענען מיר געזעסען און געוואַרט, געוואַרט אויף דעם אומגליק... און פינסטער איז אונז, רביצין, געוואָרען אין די אויגען, ווען מיר האָבען זי פּלוצלונג דערזעהען אַריינקומען אין הויף צוזאַמען מיט דער חברטע, און, רביצין, — מיט

א בחור, מיט אונזער שכנ'ס בחור, א הפקר-יונג, אן אפיקורס... און געשטאנען איז מען אויפ'ן הויף און געלאכט צוזאמען, חצופה'ייש געלאכט... און דערנאך האט מען זיך די הענד געגעבען, מיין טאכטער און דעם רבינ'ס טאכטער דערלאנגען די הענד דעם בחור, דעם אפיקורס!...

— השם ישמרני, השם ישמרני!

און וואס דערנאך איז געוועזען, ווייסט איהר דאך מן הסתם. רביצין, מיט איין מאל איז אין מיין הויז א שרעקליכער חורבן געווארען: מיין ווייב ליגט קראנק, מיך זענען מיט איינמאל די כח'ות אויסגעגאנגען; רביצין, איך בין גרוי געווארען!... מיין טאכטער וויל שוין מעהר אין „הויף" ניט צוריק...

— אין „הויף" ניט צוריק? — און די רביצין איז אהן כחות אנידערגעפאלען אויף דער אגלעהן פון שטהל. ר' פנחס'ל האט דעם קאפ אראבגעלאזען און פון זיינע אויגען האבען צוויי גרויסע טרערען אראבגערינען.

א היבשע צייט האט די שטילקייט געדויערט. פלוצלונג האט זיך די טהיר געעפענט און דער משמש האט זיך בעוויזען:

— ר' פנחס'ל, זייט מוחל, דער רבי רופט אייך.

די באהן האט אלין פרישע חסידים געבראכט, איין בריטשקע נאך דער צווייטער איז צום „הויף" צוגעפאהרען, און די פרישאנגעקומענע חסידים, וואס האבען פון קיין זאך ניט געוואוסט, האבען געלאזט זיך צום קליינעם בית-המדרש'ל „שלום-נעהמען" און זענען דורך די משמשים געווארען אבגעשטעלט:

— נישטא וואס צו מאכען, דער רבי גיט היינט קיין שלום ניט...

און גרעסער איז אלץ געווארען די פערוואונדערונג און שטארקער די שרעק און עצבות. זעלטען-ווען קאן זיך ווער ניט איינהאלטען, צושפרייט ער די הענד און ברומט עפעס שטילערהייד מיט א טענה:

— וואס טהוט זיך דא עפעס?... וואס שווייגט מען? אויף דעם זענען מיר צום רבי'ן אהערגעקומען?...

און דאס שטילע ברומעריי צוטראגט זיך איבער'ן „הויף", קלאפט-אן אויף די סטרונעס פון די פערביטערטע הערצער און

אנ׳אונציפרידענהייט ערוועקט זיך צווישען עולם און וואקסט וויא א מינוט.

און בימלעכווייז הויבט יעדער אן צו פיהלען, אז עפּעס איז דא אלין שלא כדרך הטבע, אז עפּעס איז דא אועלכעס, וואס דארף ניט זיין און קאן נישט זיין, אז מען טאר ניט שטעהן און צוקוקען שטום, ווי עפּעס א שטילער נישט קלארבעוואוסטער חורבן קומט־פאר אין „הויף״... ניין! מען טאר ניט דערלאזען דערצו!

און עס וואקסט די אונציפרידענהייט, אפטער ווערט דאס ברי־מערי און העכער און שטארקער די טענות:

— וואס קומט דא פאר? וואס איז דאס פאר א נ׳ערב שבת הייגט?

— אח, אח אח... השם ישמרנו, השם ישמרנו... דער מח קאן דאס גארניט משיג זיין...

— נו־נו! וואו איז דאס געהערט געווארען, וואו איז דאס געזעהען געווארען?...

— עצבות!... וואס איז דאס פאר א דרך?... זיצט מען דארט אב אין דער־היים גאנצע חדשים, פערשווארצט ווערט מען פון דאגת פרנסה, טאג ווי נאכט אין חומר, אין גשמיות פערזונקען... די תורה איז קיין תורה ניט, די תפלה — קיין תפלה ניט... ממש מען שפירט ניט קיין שום טעם אין קיין ענין... העלפט השם־יתברך און מען רייסט זיך אויף צוויי טאג ארויס פון דעם גשמיות, פון דעם חומר; מען ווארפט פון זיך דעם שעבוד, דעם עול אראב... מען אנטלויפט אין „הויף״ אהער צום רבין, צום חסידות... מען וויל נהנה זיין פון אמת׳ן חיות... און פארוואס דען ניט? משמח זיין וויל מען זיך... און פלוצלונג — עצבות!... דער רבי אין עצבות... חסידים האלטען די נעז אראבגעלאזט...

און א זקן פון די אלטע קאצקער נעהמט די לולקע פון מויל ארויס און דאלט־אונטער:

— שוטים, חסידים־שוטים!... „דארט״ וואלט מען צו אזעל־כעס נישט צוגעלאזט... אין קאצק ביי אזא מעשה האבען זיך חסידים אנ׳עצה געגעבען!... און אויסגעפיהרט האט מען, אדרבא האט מען אויסגעפיהרט! חע־חע, חסידים זאלען ניט אויספיהרען!...

— עצבות!... ברוגז!... יודען קומען אנ׳עצה פרעגען און — פאהרען אהן תשובה אהיים, מען לאזט זיי נישט אריין... געשים

קומען מיט ביטערע הערצער — טרייבט מען זיי פון פאריש ארויס... קומען חסידים אויף שבת — גיט מען זיי קיין „שלום" נישט... עצבות!... ברוגז... דער רבי פירט א ברוגז מיט די חסידים!... וואס איז דאס עפעס פאר א שיטה?...

— ניין, מיר טארען נישט שווייגען!...

— קומט, ידען, לאמיר געהן „שלום"-נעהמען!...

— „שלום"-נעהמען!... אפטרעטען וועלען מיר ניט!...

און דער גאנצער „צעבונטעוועטער" עולם האט זיך מיט הארץ און קוראזש געלאזט געהן צום פענסטער פון רבינ'ס חדר.

דער רבי אין ווייסען זיידענעם שלאפראק, האט זיך א שטארק-פערמוח'טער הין און צוריק איבערן חדר ארומגערעדט. נעבען טיש איז געשטאנען ר' פנחס'ל, דעם קאפ ווי א פער'משפט'ער אראב-געהאנגען און זיינע הענה האבען זיך ציטערענדיג אן א קאנט פון טיש אנגעהאלטען.

און דער רבי האט אליין ווי פאר זיך געטענה'ט:

— ביי מיר אין „הויף", ביי מיר אין „הויף"... און מיך, מיך האט מען פאר א מנהיג איבער ידען געמאכט!... איך זאל זיי דעם דרך צו השם-יתברך ווייזען!... איך זאל זייער מנהיג זיין!... איז דאס דאס ניט א לועג לרש?...

און דער רבי האט זיך צו ר' פנחס'לען געווענדעט:

— פאהר אהיים, פנחס, פאהר געזונדערהייט... הקדוש ברוך הוא זאל זיך מרחם זיין!

ר' פנחס'ל האט מיט שרעק א קוק געטהון אויפ'ן רבי'ן און ציטערענדיג האט ער געשטאמעלט:

— סטייטש?... כ'בין דאך אהער אויף שבת געקומען...

— אהער? צו מיר, הייסט דאס? ביזט געקומען, הייסט דאס, צו מיר אויף שבת... ניין, פנחס, פאהר געזונד'ערהייט, מעהר וויל איך קיין „טיש" ניט „פיהרען", „אויבען" בין איך שוין מעהר ניט ניחא... פערשטעהסט, פנחס? איך בין ניט ראוי, ס'הייסט, א לועג לרש... פאהר, פנחס, לחיים ולשלום... השם יתברך זאל זיך מרחם זיין.

ר' פנחס'ל איז בלאס געווארען פון שרעק, און די אויגען האבען זיך איהם טרעטען געוויזען...

— וואס הייסט? רבי... ערב־שבת... וואוהין וועל איך פאָר־רען?

— ווילסט בלייבען דאָ? מהיכא תיתי, דינג דיר אין שטאָדט אַנ'אכסניה אויף שבת, פערשטעהסט... פנחס, דינג דיר אַנ'אכסניה, איך וועל קיין „טיש" ניט „פירען"...

פון דרויסען האָט זיך פלוצלונג אַגערויש פון חסידים דער־הערט. דער עולם חסידים האָט זיך נאָהענט צום רבי'נס פענסטער צוגעשטופט.

און עס דערהערט זיך אַתרעומות קול:

— רבי, מיר זענען אַהער אויף שבת געקומען... מיר ווילען „שלום"־נעהמען...

דער רבי איז נאָהענט צום פענסטער צוגעגאַנגען, די הענד אין גאַרטעל פערשטעקט, און מיט אַגעבעט־שטימע האָט ער צום עולם געזאָגט:

— פאָהרט יודען געזונטערהייט, ניט דאָ איז אייער אָרט... צום רבי'ן זענט איהר געקומען, אַרבי'ן דאַרפט איהר. פאָהרט־זשע יודען, לחיים ולשלום און זוכט זיך אַרבי'ן, וואָס זאָל איבער אייך אַמנהיג זיין... פאָהרט אַהיים, יודען, איך בין שוין מעהר קיין רבי ניט... מען לאָזט מיך ניט... „אויבען" איז ניט ניחא... כ'האָב ניט קיין דעה מעהר... מ'האָט מיר אַלע מדרגות צוגענומען...

דער עולם איז געבליבען שטעהן די קעפּ אַראָבגעלאָזען, און געשוויגען. פלוצלונג האָט זיך דער זקן, דער אַלטער קאָצקער חסיד, אַוועג געמאַכט צווישען עולם און שאַרף זיך אַנטקעגען דעם רבי'ן אוועקגעשטעלט.

דער עולם האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטען און געמאַכט אַוועג פאַר דעם זקן, וואָס האָט געהאַלטען די לולקע אין האַנד און איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום פענסטער, אַנטקעגען רבי'ן.

שטיל האָט אין אָנהויב דעם זקנ'ס קול געציטערט, נאָר וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער און דרייסטער זענען זיינע ווערטער גע־וואָרען.

דער זקן האָט דעם רבי'ן געמוסר'ט און מעשות פון פער־שיידענע צדיקים און גדולים דערצעהלט. אויפגעוויזען האָט ער, דאָס דער צדיק, דער מנהיג איז משועבד און אונטערגעוואָרפען די

עדה יודען, וואס האבען איהם געקריינט און פאר א פאטשן אי-בער דער מטארע געמאכט...

— ניין, רבי — האט ער געטענה'ט — אזא דרך איז קיין דרך נישט. דער צדיק מוז אלע דינים גובר זיין... עצבות איז מעורר, חלילה, חולשות צווישען עולם... מ'טאר זיך מיט קיין עדה יודען נים ווארפען... דער צדיק, וועלכען יודען האבען פאר א מנהיג אויס-געקליבען, מוז ער בעל-כרחו זיין!...

און אלץ שארפער איז דעם זקנ'ם קול געווארען:

— מיר וועלען נים קיין הפקר-זאך!... מיר האבען אייך א דעה צו זאגען!... רבי, איהר מוזט אונזער מנהיג זיין!...

און דער עולם איז אין שרעק געשטאנען; די הערצער האבען געקלאפט, די איברים — געציטערט. געקוקט האבען אלע אויף דעם זקן און געשראקען האט די העזה זיינע... אט-אט, האט מען מורא געהאט, וועט ער די מאס איבערהאפען און דעם רבי'ן צו הקפדה ברענגען... השם יתברך זאל שומר ומציל זיין!

און פלוצלונג האט זיך דער רבי פון פענסטער אבגעקעהרט און איז עטליכע מינוטען איבער דער שטוב ארומגעגאנגען. דער זקן איז שטיל געבליבען און דער גאנצער עולם האט מיט שרעק די אויגען אויפגעהויבען, אין צושטאנד פון ערווארטונג: איז מען גע-שטאנען, געווארט האט מען אויף עפעס, אונגעדולדיג געווארט...

און גאר אומגעריכט — — —

— שלום-עליכם...

דער רבי איז צום פענסטער צוגעגאנגען און די האנד דורכ'ן פענסטער צום עולם ארויסגעשטעקט. „שלום" האט ער דעם עולם געגעבען.

— שלום-עליכם...

און מיט איין מאל איז די עצבות פון עולם פערשוואונדען, די פנימ'ער זענען לעבעדיג, חסידיש, און אויפגערוימט געווארען. אוי-גען זענען פון שמחה פייכט געווארען. א מבול הענט האבען זיך אלאז געטהון, זיך ווי צוזאמענגעפלאכטען און איינער איבער'ן צווייטען, איינער איבער'ן צווייטען האבען זיי זיך געצויגען צו דער אויסגעשטרעקטער האנד פון פענסטער, צום רבי'ן, וואס איז פערמות'ט געשטאנען, די אויגען ארויפגעלאזען און שטיל בנעימות דעם „שלום-עליכם" איבערגע חזר'ט.

און ווען דער עולם איז מיט׳ן "שלום" פארטיג געווארען, האט זיך דער רבי אן ר׳ פנחס׳לען דערמאהנט:
— שלום-עליכם, פנחס... הקדוש ברוך הוא זאל זיך מרחם זיין...

און אין "הויף" האט זיך תיכף דער ערב-שבת און די הכנות און שמחה פון ערב-שבת גענומען פיהלען. חסידים האבען זיך פריי און מונטער איבער׳ן "הויף" געלאזען, איינער האט זיך אינ׳ם צווייטען מתדבק געווען, הענד און ארעמס האבען זיך געשלאסען און אין לעבעדיגע חסידות-שמועסלעך זיך פערטיעפט. די משמשים און מקורבים האבען זייערע פערקנייטשטע שטערענס אויסגעגלייכט און מיט ברייטקייט זיך צום שבת געגרייט.

עס האט זיך אלץ מיט איינמאל איבערגעביטען, ס׳האט זיך אלץ אנגעהויבען צו פיהרען לויט׳ן סדר-העולם, מען איז פון עבדות אין חירות אריין, פון עצבות — אין שמחה... דער מלך האט א ווילע אויף זיינע קינדער געצארנט און זיי פון זיין טיש פערטריבען... האט זיך דער צארן פון מלך אבגעטהון און די קינדער צוריק אין זיין פאלאץ פערבעטען...

נאר איין ר׳ פנחס׳ל איז נאך אויף זיין ארט געשטאנען און טרעהרען האבען פון זיינע אויגען געגאסען:
— די וואונד איז דאך נאך נישט פערהיילט, דאס פייער איז דאך נאך נישט פערלאשען... ווי קומט-זשע פלוצלונג די שמחה אהער?...

דער רבי האט דאס בעמערקט, איז ער צו ר׳ פנחס׳לען צוגעגאנגען און די האנד אויף זיין פלייצע געלעגט:
— פנחס, מיט עצבות וועלען מיר גארנישט פועל׳ן...
און די רביצין, וואס איז ביים פענסטער איבער׳ן מוסר-ספר געזעסען, האט די אויגען אויפגעהויבען און דערזעהען דעם שנוי, וואס איז מיט אמאל אין "הויף" געווארען, ווי די חסידים געהען זיך דאס פלוצלונג אזוי לוסטיג איבער׳ן הויף ארום, הענד און ארעמס געשלאסען — האט זי זיך פערוואונדערט, די הענד פערשפרייט און דעם קאפ פון פענסטער ארויסגעשטעקט.
— וואס בעדייט דאס?...
און משה-מרדכי, דער אלטער משמש, איז א פערפארעטענער פערבי דעם פענסטער געלאפען, און דערזעהענדיג ווי די רביצין

קוקט מיט פֿערוואונדערונג איבער'ן הויף, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און מיט אַ שמייכעל זיך צו דער רביצין געווענדעט:

— נישט געזאָרגט, רביצין... דער רבי האָט געהייסען פֿרעה־ליך זיין...

האָט די רביצין דעם קאָפּ אָפּגעקעהרט און פֿאַר זיך געזיפֿצט:

וואָס איז דאָס פּלוצלונג געוואָרען?... די וואונד איז נאָך נישט פֿערהיילט, דאָס פֿייער איז נאָך ניט פֿערלאָשען... ווי קומט דאָ די שמחה אַהער?...

און די רביצין שרה'לע האָט זיך פֿון איהר אָרט אויפֿגעהויבען און מיט פֿערדרוס איז זי צום רבינ'ס חדר אַוועק און זיך ביי דער טהיר געשטעלט, געוואָלט האָט זי דעם רבי'ן מסר'ן, תוכחה זאָגען, איהר גאַנץ ביטער האַרץ פֿאַר איהם אויסגיסען, דערמאָהנען איהם דאָס אומגליק, וואָס שוועבט איבער'ן „הויף"...

נאָר דער רבי האָט זי בעמערקט און מיט אַ ווייך קול האָט ער זיך אָפּגערופֿען:

— רביצין, רביצין, מיט עצבות וועלען מיר גאָרניט פּועל'ן...

אַ שטילער, רוהיגער שבת האָט זיך איבער'ן „הויף" געצויגען. נור דאָך איז אויף איהם אַן אומבעמערקבאַרער פֿאָדעם פֿון עצבות און אומעט געווען פֿערשפּרייט. פֿרייטאָג־צו־נאַכטס, ווען די רביצין האָט זיך אין דער טהיר געשטעלט, קידוש הערען, און זי האָט דער־זעהען, ווי די שנור און טאָכטער פֿעהלען נעבען איהר, האָבען זיך טרעהרען געשטעלט אין איהרע אויגען... דעם שבת האָט דער רבי קיין „תורה" נישט געזאָגט, און ווײַן האָט דער רבי געהייסען, העלפֿט ווי תמיד שטעלען...

און ווייניגער ווי תמיד, האָט דעם היינטיגען שבת דער טיש פֿון שלש־סעודות געדויערט: געבענשט האָט מען, ווי נאָר ס'האָבען זיך שטערען אין דרויסען בעוויזען. באַלד נאָך הבדלה האָט דער רבי דעם עולם אָפּגעזעגענט און זיך אין חדר־מיוחד פֿערשלאָסען.

און תיכף איז זיך דער עולם מיט שווערע הערצער, יעדער אויף אַן אַנדער וועג צופֿאָהרען און אַ שווערער דריקענדער אומעט האָט זיך אויף־סניי איבער'ן „הויף" צולעגט...

די וואונד האָט זיך פֿריש גענומען פֿיהלען, געוואַרט האָט מען דער אויבערשטער זאָל אויסהיטען, גאָרנישט אויף קיין פֿרעהליכע נייעס...

און דערוואַרט האָט מען זיך: אַרום האַלבע נאַכט איז אַ טעלעגראַמע פון האַשטינער רבינ׳ס „הויף“ אָנגעקומען.

.XXI

פאַר׳ן שמורס.

איבער בײדע „הויפען“ זענען שווערע חמאַרעס געהאַנגען, מיט צער און טרויער דורכגעזאַפּטע; שטאָדט־ידען, קרעמער, וואָס זענען פּערטאַראַמטע, פּער׳עקט׳טע איבער דער גאַס געלאָפען, מיט פערדרעהטע דאַשיקעס און פונאַנדערגעשפּרייטע פּאָלעס, ווי פליגעל, די פינגער אין דער לופט געדרעהט, חשבונות געמאַכט וועגען זעקלעך קאָרן און אָבגעשוונדענע פּעלעכלעך, און זייערע קעפּ זענען, אין פלוג, גאָר צווישען די פויערשע פוהרלעך געווען — האָבען יעדעס מאָל, פערבײגעהענדיג דעם רבינ׳ס גאַס, זיך פלוצים אָבגעשטעלט, אויסגעגלײכט די היטלען אויף די קעפּ און אַרײנגעשיקט אַ שפּיאָניש „אייגעל“ אין הויף, אַרומגעבלאָנדזשעט דערמיט איבער אַלע ווינקעלעך, געכאַפּט אַ קוק אַהין, אַ קוק — אַהער און זיך ווײטער אַוועק זייער וועג...

און אייגענטליך איז דאָך אין „הויף“ גאָרנישט געווען, וואָס צו זעהען קיין אומטערלישעס; דאָס לעבען איז זיך דאָרט געגאַנגען רוהיג און שטיל ווי תמיד. נאָך מעהר: ס׳איז גאָר איצט אַ סך רוהיגער און שטילער געווען, איידער פריהער; דער פּולס האָט דאָרט שוואַכער און אײנגעהאַלטענער געקלאַפּט; ס׳איז אַוועקגענומען געוואָרען דער „ברען“ און ס׳איז קיהלער געוואָרען דאָס פייער, און אויסגעזעהען האָט דאָרט איצט אַלץ ווי פּערגליווערט און מאָנאָטאָנע, ווי מען וואָלט זיך היטען אַנאָנבעריגען שאָרך צו טהון... און דאָך פלעגען זיך יעדעס מאָל פערבײגעהענדע ידען אָבשטעלען פאַר דער אָפענער פּאָרטקע פון הויף, נירען, קוקען, שמעקען, און אפשר טאָקי פונים צו־שטיקעט אַליין, וואָס עס איז איצט דאָרט עפּעס נישט ווי געוועהנליך, דערגעהן און טרעפען אַזעלכעס, וואָס מען זאָל קאָנען דערפון עפּעס קלערען און אויסטײטשען אויף פערשיעדענע אופנים... און האָט ווער, אַרײנקוקענדיג מיט אַ שפּיאָניש־אייגעל אין הויף, עפּעס „אויסגעדרונגען“ — האָט ער עס, ווי אַ כשר׳ע

מציאה אויסגעחאפט און זיך געלאזט דערמיט גלייך איבער'ן מארק, אדער, אויב ס'איז פארנאכט געווען — צום קהל'שען בית־המדרש. און געהענדיג איבער'ן וועג, האט דער דאזיגער די בארד און דער האנט אריינגענומען, צוגעטראגען דעם שפיץ צום מויל און געקנייטשט דעם שטערן, געשאקעלט דעם קאפ אויף רעכטס און אויף לינקס און ארומגעקוקט זיך יעדעס מאל מיט אנערנסט־שטאלצע מינע, וואס עס האט אויסגעזעהען: גאט ווייסט, וואס פאר א געוואלדיגען סוד דער דאזיגער טראגט דאס אין זיך!... אין איז אזעלכער נאהענט צום מארק צוגעקומען, האט ער דעם ערשטען און בעסטען יוד, וואס ער האט בעגעגענט, אנגעשטעלט, אקוק געטהון יענעם שארף אין די אויגען: צי האט ער נישט חלילה א טעות און צי מעג ער יענעם דעם סוד פערטרויען; אוויז טהון אויף שטום־לשון, מיט'ן פינגער צום רבינ'ס גאס, צי א רמז — אויפ'ן הויף... און דא פלעגט זיך שוין יענער א חאפ טהון און אונטערשפרינגען: „א! נו?... וואס הערט זיך"?... פלעגען זיי שוין ביידע אוועק אין א ווינקעל און שושקען און שמועסען, און דרעהען מיט די פינגער און בייסען די בערד און בלאזען מיט די ליפען... און א דריטער פלעגט דערווייל פערביילויפען און, אזוי זיך, דרך־אגב, א בויג טהון דאס אויער, חאפען א הארך, א ווארט און איבערראשט ווערען: „א־וואי! השם־ישמרנו, השם־יש־ש־מר־נו! — און נעלם ווערען...

און טאג נאך טאג האט א ברויטשקע מיט צוויי איינגעשפאנטע פערד זיך געלאזט לויפען שטורמיש איבער'ן שטעדטעל און זיך א מענש צום „הויף", אדער א מענש פון „הויף" געפיהרט, דאס האט זיך א „שטאפעט" פון דאנען אהין אין פון דארט אהער געטראגען. און ס'גאנצע שטעדטעל פלעגט זיך דאן אין פענסטער און טהירען שטעלען אויף די שפיץ־פינגער, און מיט דורכדרינגענדע בליקען נאכקוקען דעם מענש מיט דער ברויטשקע, וואס פיהרט מיט זיך א מיטעפען מוראדיגען סוד... און צו די איינגעשפאנטע פערד פון דער ברויטשקע פלעגט ס'שטעדטעל איהרע בליקען שיקען, נאכשפירען זיי און בעטראכטען: וואס הירזשען זיי אזוי אונגעוועהנליך, וואס בעדייט זייער כאפעניש און דאס בלאזען מיט די נאז־לעכער? ווייסען זיי אפשר נישט, וואס אין „הויף" איז געשעהען? דערצעהלט, ליעבע, וואס איז דער סוד, וועלכען איהר פיהרט מיט זיך?...

און דער שטילער, בלאַסער יונגערמאַן, לייבעלע דעם רבי'נס האָט זיך אין „הויף", ווי אַ שאָטען אַרומגעדרעהט.

די ערשטע טעג, ווען דער טרויעריגער סוד וועגען דבורה'לעס אַנטלויפען האָט אין „הויף" דערהערט, האָט מען געפּרובט, ווי ווייט נאָר מעגליך איז געווען, דאָס פֿון לייבעלען צו באַהאַלטען; וואָרום אין האַרצען האָט נאָך די רביצין געהאָפט צו גאָט, דאָס זיין ליעבע נשמה'לע וועט העלפען און אַלץ וועט זיך צום גוטען אויסלאָזען: דבורה'לע וועט איינזעהן איהר נאַרישקייט, חרטה האָבען אויף איהרע נישט-באַרעכענטע מעשים, און מיט אַ ריין האַרץ פֿון אַ בעל-תשובה, וועט זי זיך צוריק אין „הויף" אומקעהרען, און דאַמאָלס — האָט די האָפנונג גערעדט אין דער רביצינס האַרץ — וועלען מאַן-און-ווייב געהן צוריק לעבען בשלום ושלוה, ווי גאָט האָט געבאָטען, און לייבעלע זאָל נישט וויסען, ווי אַזוי אַ האַרץ איז פערפלעקט און צוריק ריין-געוואַשען געוואָרען...

און פֿאַרט האָט לייבעלעס האַרץ עפּעס אָנגעהויבען צו פֿיהלען, די אויגען — צו באַמערקען, און די אויערען האָבען אונדייטליכע קלאַנגען און ווערטער פֿון הויף אויפגעכאַפּט; פֿלעגט ער דערזעהען אַ רעדעל פֿון אַ צוויי-דריי פּאַרשוין, און אַמאָל מעהר, שטעהט אין הויף, מויל צו אויער צוגעלעגט, און עס טראָגט זיך אַ סודות'דיגער שמועס, און ווי נאָר ער פֿלעגט זיך צום רעדעל דערנעהנטערען — איז אַלץ איבערגעריסען און פערשטומט געוואָרען, די אויגען פֿון די שמועסער פֿלעגען זיך אויף איהם אָנווענדען און קוקען מיט בליקען פֿון טרויער און מיטלייד, באַגלייט מיט האַלב-פערשטיקטע זיפֿצען...

איז ער אַרומגעגאַנגען און געטראַכט און אָנגעהויבען זיך מעהר צוקוקען, וואָס אַרום איהם קומט-פֿאָר, און ספקות האָבען גענומען מאַטערען זיין מוח, מיט אַמאָל איז איהם אַ סך זאַכען קשה געוואָרען: „הא, פֿאַרוואָס זיימט זי זיך עפּעס אַזוי לאַנג אין וואַרשע? וואָס זאָל עס באַדייטען?"... ווען דער דאָזיגער רעיון איז אין איהם פּלוצלונג דורכגעלאָפֿען, האָט ער אַ ציטער געטהון און גלייך האָט ער זיך געלאָזט לויפֿען צו דער רביצינס שטוב, איבערפֿרעגען די מוטער, זי זאָל איהם אַ תירוץ אויף דער קשיא געבען, נאָר — ביי דער טהיר איז ער פּלוצים שטעהן געבליבען און נישט-דרייסט האָט זיך זיין האַנד פֿון דער קליאַמקע אַראָפּגעלאָזען: ער האָט זיך געשעמט...

און דאָ האָט ער גאָר אונגערוואַרטעט דערזעהען די שרעקליכע סצענע, ווען עס האָבען זיך דאָנערשטאָג אויף־דער־נאַכט א פולער הויף מיט יודען צונויפגעקליבען און איבער אַלע האָט אַנ׳אונפּער־שטענדליכע אימה געשוועבט; דער טאַטע, דער רבי, האָט זיך עפּעס איינגעשפּאַרט, דאָס ער וויל מעהר קיין רבי נישט זיין, מאָדנע טענות האָט ער צום הימעל געהאַט... און קוים־קוים, וואָס חסידים האָבען ביי איהם געקאָנט פועל׳ן, ער זאָל זיך פון זיין עקשנות אָבזאָגען און נישט איבערלאָזען די שאָף הפקר, אָהן א פּאַסטוך...

דאָס און ענדליכעס האָבען ביסלעכווייז פאַר איהם דעם שלייער אַראָבגעריסען. ער האָט געזעהען די אָהן־אויפהער־פערוויינטע אויגען פון די מוטער, די רביצין, און דאָס בלייכע עצבות־פנים פון פאָטער, דער רבי, דערצו — דאָס פּלוצלונגע אַהער־קומען פון זיין שוועגער ר׳ פנחס׳ל, זיין טרויער־שווייגענדע האַלטונג און דאָס וועניג רעדען מיט איהם, לייבעלען, זיין איידעם...

ווען ער האָט דעם שוועגער „שלום־עליכם“ דערלאַנגט און א פרעג געטהון אין דער שטיל:

— וואָס מאַכט זי?... דבורה׳לע?... וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?... —

האָט אויף איהם ר׳ פנחס׳ל א פּאָר מאָדנע אויגען אויס־געשטעלט און געשטאַמעלט:

— המם... נו, יאָ... געלויבט השם־יתברך... נו, אודאי... דער איבערשטער זאָל העלפען... — און טרערען האָבען זיך אין זיינע אויגען געשטעלט.

לייבעלע האָט זיך תיכף אָבגעקעהרט פון איהם, איבער׳ן הויף זיך אַרומגעדרעהט, געטראַכט און פערטראַכט זיך, א שווייס האָט זיין שטערען בעשלאָגען און עפּעס האָט איהם אין די אויערען גע־רוישט... א צייט־לאַנג איז ער אַזוי אויף זיין אָרט געשטאַנען און געציטערט, ווי א בלאַט, מיט אויסגעשפּרייטע הענד, ווי איינער, וואָס פרעגט א האַרבע קשיא: „פאַרוואָס?“...

און ווען דער משמש איז זונטאָג אין דער פריה אַריין צו איהם אין חדר מיט א בעפעהל, דאָס דער רבי און די רביצין רופען איהם, האָט איהם א שרעק אַרומגעחאַפּט, האַסטיג האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, די פיס האָבען זיך געוואַקעלט און שיער־נישט האָט זיך א געשריי פון זיין שוואַכע ברוסט אַרויסגעריסען...

װאָלקען האָט זיך פֿאַר זײַנע אויגען געצויגען, און קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט אַ מישמאַש פֿון רעיונות און האַלב־אָפּגע־ריסענע בילדער און שאָטענס, און אין דעם קלאָרען נעבעל איז איהם דאָך מיט אַמאָל אַלץ אַזוי קלאָר און פֿערשטענדליך גע־וואָרען!...

מיט אַנאַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און אויגען, וואָס האָבען זיך זי פֿון בושה, צו דער ערד געצויגען, איז לײַבעלע אַרײַן צום רבי'ן אין צימער.

די רביצין איז אָנגעלעהנט בײַם פֿענסטער געשטאַנען און דער רבי האָט זיך אויף און אָפּ איבער דער שטוב אַרומגעדרעהט. אַ לאַנגע צײַט האָט געהערשט אַ שטילקייט, און פּלוצלונג האָט זיך דער רבי בײַם טיש אַוועקגעזעצט און לײַבעלען צו זיך צוגערופֿען.

מיט אומזיכערע טריט, ווי אַ פֿערמשפּט'ער בשעת ער דאַרף זײַן אורטייל אויסהערען, איז לײַבעלע צוגעגאַנגען און זיך בײַם עק טיש אַוועקגעשטעלט.

דער רבי האָט עטליכע מינוטען געקוקט אויף איהם און בע־טראַכט, ווי ער וואָלט וועלען פֿון זײַן פּנים לייענען, צי איז שוין צו איהם די נישט־פֿרעהליכע בשורה דערגאַנגען... דער רבי האָט נאָכדעם מיט דער האַנד זײַן שטערען פֿערשטעלט און מיט אַ שטילען ערנסטען טאָן האָט ער, פֿרידער ברמה, דערנאָך דײַטליכער, מיט גרויעריגע ווערטער צו לײַבעלען זיך געווענדעט:

און גערעדט האָט דער רבי וועגען דעם ענין פֿון טהרת הבית... וועגען דער צניעות און בושה פֿון אַ בת־ישראל. געזיפֿצט האָט ער דערויף, וואָס נשים דעתן קלות... וועגען דער שליטה פֿון יצר־הרע ר"ל, וואָס פֿערשפּרייט זײַן נעץ אויף דער קדושה; און ענדליך זענען דעם רבי'נס ווערטער איבערגעגאַנגען וועגען דעם „הויף", אין שטילער איז דעם רבי'נס שטימע געוואָרען, ווען ער האָט גענומען מיט אַ צובראָכענע האַרץ מאַהלען דאָס „אומגליק", וואָס עס האָט דעם גאַנצען „הויף" בכלל און איהם, לײַבעלען, בפרט, געטראָפֿען...

ווידער האָט אַ דריקענדע שטילקייט דעם צימער איבערפֿולט. דער רבי האָט טיעפֿער דעם שטערען אונטער דער האַנד פֿערשטעלט. לײַבעלע איז אַ בלײַכער אויף דעם זעלבען אָרט געשטאַנען מיט די אַראָפּגעלאָזענע אויגען צו דער ערד, געצאַפּט מיט איין האַנד זײַן שיטער בערדעל און מיט די צייהן די אונטערשטע ליפּ געביסען.

געשטערט האָט נאָר פון צייט צו צייט די שטילקייט, דאָס שטילע חליפּערי, וואָס האָט זיך יעדעס מאָל פון דער רביצין געהערט.

און בפרטית האָט דער רבי פאַר איהם געניטען דערצעהלען אַלין, וואָס איז די לעצטע טעג געשעהען אין הויף און געוויזען איהם די טעלעגראַמע, וואָס ס'איז פון חאַשטינער הויף אָנגעקומען. אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט, דאָס תיכף, למען השם, זאָל מען זיך קיין וואַרשא צונויפפאָהרען, מברר זיין דעם ענין און — השם יתברך זאָל העלפען...

און פּלוצים האָט זיך דער רבי אַ שטעל־אויף געגעבען און מיט אַ הויך שטרענגען טאָן האָט ער אַ זאָג געטהון:

— ניין! מען טאָר קיין שורה בעצבות ניט זיין, חלילה, ס'הײַסט מתרעם געווען... אַזוי איז נגזר געוואָרען און אַזוי איז דער רצון פון בורא!...

און תיכף האָט ער אין דער שיב פון פענסטער אַ קלאַפּ געטהון און דעם משמש גערופען:

— משה מענדיל! היים די קאָטש שפּאַנען...

דער רבי איז נאָך עטליכע מאָל איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען. געזעהען האָט מען בחוש, ווי דער רבי שטאַרקט זיך דעם אינערליכען טיעפען צער גובר צו זיין, דאָס עצבות צו פערטרייבען. ער איז צוגעגאַנגען צו לייבעלען און איהם ביי דער האַנד אָנגענומען און מיט אַ ווייך מילדען טאָן האָט ער זיך געווענדעט צו איהם:

— הזהר והזהר, מיין קינד, עצבות — דאָס נישט... דאָס איז דער גאַנצער כח פון יוד, וואָס שטענדיג איז ער אויף זיך מצדיק את הדין... חייב איז אַ מענש אַ ברכה צו מאַכען איבער'ן שלעכטס אַזוי ווי אויפ'ן גוטס... עס רוהט נישט די שכינה מתוך עצבות, נאָר מתוך שמחה... אַ יוד דאַרף שטענדיג אַ שורה בשמחה זיין, דאָס איז דער סוד פון אונזער קיום אין ביטערען גלות... און וואָס איז דען די כונה דערמיט? איז דען אַ רבותא, דאָס דער מענש האָט אַ פרעהליך פנים דאַמאָלס, ווען ס'גיעהט איהם גוט, ווען ער האָט קיין דאגות נישט? ניין! — דאָס מסירת־נפש פון אַ יוד איז: מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו... דאַמאָלס, ווען ס'איז באו מים עד נפש, ווען ס'איז בעשערט חלילה צער צו האָבען פון אייגענע קינדער... דאָס אייגענע קינד איז רודף די עלטערען... דאַמאָלס איז נישט „קינה לדוד", נאָר „מזמור לדוד"... זמירות זינגט ער גאָר...

און תיכף: "...

— נו, זיי דיך מוין, באלד וועלען מיר אלע קיין ווארשא פאהרען...

לייבעלע האט געשוויגען.

— ניין. נאר נישט געוואַרט, ביז נאך א יונגערמאַן, מ'דאַרט נישט זאָרגען... געדענקסט דאך, עס שטעהט: „אפילו א שארפע שווערד ליגט שוין אויפ'ן מענשענס האלז — זאָל ער זיך נישט מנע זיין פון רחמים"... דער איבערשטער קאָן נאך העלפען... גיי, בעלמוטשע זשע נישט.

און „הויף" האט זיך אָנגעהויבען די הכנה צו דער נסיעה נאך אנדערש ווי תמיד האט דאס איצטיגע פאָהרען פון „הויף" אויסגעזעהען...

דעם משמש'ס קאָפּ האט זיך אין פענסטער באוויזען:

— די קאַטש איז שוין געשפאַנט.

.XII

דער שטורם האט אויסגעבראכען.

צווישען די חאָשטשינער חסידים און די חסידים פון נ. האט זיך תיכף צושפרייט די ידיעה, וועגען דאס אָנקומען פון זייערע רבי'ים קיין ווארשא און דער עולם האט זיך אלאָז געטהון צו די וואָהנונגען, וואו זיי זענען „איינגעשטאַנען" און אבטניה געהאַלטען, „שלום" געהמען.

די פער'חדושט זיי זענען אָבער געוואָרען, ווען זיי האָבען געטראָפען די טהירען פערשפאַרט. פאר דער טהיר פון יעדער רבי'ן איז דער משמש געשטאַנען און מיט א שטרענגען בעזען טאָן קיינעם נ'ט צוגעלאָזען.

— דער רבי איז היינט א טרוד... קיינעם וועט ער קיין שלום נ'ט געבען... — איז געווען דער ענטפער ביי יעדע טהיר.

— וואָס הייסט דאס? וואָס זאָל דאס בעדייטען? — האבען חסידים נישט פערשטאַנען; — דער רבי קומט קיין ווארשא און נעהמט ביי חסידים קיין שלום נישט? — האבען זיך טאַקע א סך געקעקשנ'ט און נ'ט געוואָלט אפטרעטען, יונגע-לייטלעך האָבען זיך

פשוט געלאָזט איף קידוש-השם, געפרובט ליפען דורך די הינטער-טהירען, געוואָלט אריינשטופען זיך בגוואַלד, איז מאַקי אַרויסגע-קומען — השם-ישמרנו! היטלען מיט יאַרמעלקעס זענען געפלויגען פון די טרעפּ איפּן הויף אראָב און אויסעפּיהרט האָט מען נישט...

— דער רבי איז היינט אַ טרוד... דער רבי האָט היינט קיין צייט ניט זיך מיט חסידים אָבצוגעבען...

מילא, פאַרפאַלען. אַז מען לאָזט ניט, — זענען נעבוך חסידים אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווי זיי זענען געקומען. אַוועקגעגאַנגען מיט אַראָב-געלאָזענע קעפּ און מיט חולשות-הלב. און געהענדיג איבער'ן וועג צוריק אַהיים, האָבען זיך חסידים געשושקעט, געטראַכט די סבות און געזאָגט השערות.

האָט מען אַזוי לאַנג געטראַכט, ביז איינער האָט אַרויסגעזאָגט אַ השערה, וועלכע האָט זיך דוקא געלאָזט הערען און זיך איף די מוחות פון די חסידים געלעגט:

— נישט אַנדערש — איז צווישען די חסידים במוסכם גע-וואָרען — ביידע רביים, די מחותנים, זענען אַהער געקומען דעם זמן החתונה אָבשמועסען...

— און מן הסתם — האָט אַ צווייטער צוגעגעבען — דאַרפען זיי זיך וועגען פערשיעדענע ענינים אויסגלייכען, ענינים, וואָס זענען צום שדוך נוגע, און זיי האָבען דעריבער קיין צייט ניט זיך מיט אונז אָבצוגעבען...

— ס'לאָזט זיך הערען, ס'לעגט זיך איפן שכל — האָבען חסידים מסכים געווען.

— נישט אַנדערש.

און דער עולם האָט זיך בערוהיגט.

אין וואָהנונג פון ר' נטע ליבטמאַן, וואו דער רבי פון נ. האָט אכסניה געהאַלטען, איז אַ שליח געקומען, מיט אַ בעפעהל, מען זאָל תיכף אַ חדר-מיוחד אָבזונדערען, דען באַלד וועט דער חאָשטינער רבי אַהער קומען.

אין הויז האָט זיך אַ שטאַרקע הכנה אָנגעהויבען. מען האָט זיך גענומען פּאָרען, איינאָרדנען און אַלעס צוגרייטען. ר' נטע ליבט-מאַנ'ס ווייב איז געווען אויסער-זיך פאַר גליק: אַזאַ גליק! צווי

רביים ביי איהר אין הויז... און תיכף איז דער האָשטינער רבי אָנגעקומען.

דער רבי פון נ. איז איהם אין פאָדער־שטוב אַנטקעגען געגאַנגען און ביידע זענען זיי באַלד אין אַ בעזונדער חדר אַריין און די טהיר פערשלאָסען.

— שלום־עליכם, מחותן. זיצט, זייט מוחל.

און ביידע מחותנים, די רביים, האָבען זיך איינער נעבען צווייטען אַוועקגעזעצט און געשוויגען. אַלאַנגע צייט האָט דאָס שטילשווייגען געהערשט.

ענדליך איז דער רבי פון נ. אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— מחותן. עת לקרב ועת לרחק. דאָ נים לאַנג זענען מיר זיך געהאַט צונויפגעקומען מיט דער דעה, עס זאָל צווישען אונז אַ התקרבות ווערען. מיר זאָלען זיך מתחבר זיין, מתחתן זיין. איצט, מחותן, זענען מיר זיך ווייטער צונויפגעקומען, נאָר — מיר טאָרען נים מתרעם זיין! — מיט אַנאַנדערע כונה, מיט אַנאַנדערע דעה: מן השמים לאָזט מען צווישען אונז קיין התקרבות נים צו. געקומען איז די צייט פון פרוד, אונזער פריהערדיגע התקרבות זאָל פערווייטערט ווערען, דאָס התקשרות זאָל אויפגעבונדען ווערען...

— ווילט איהר, הייסט דאָס, מחותן, די „תנאים" צורייסען?...— האָט דער האָשטינער רבי מיט אַ ציטערנדיג קול איבערגעפרעגט, נישט־אויפהויבענדיג די אויגען.

— נישט איך, מחותן, נאָר מן השמים וויל מען אַזוי... און מיר טאָרען נים מתרעם זיין, דער צדיק דאַרף אַן'עומד בנסיון זיין... אייער זוהן... די קינדער... זענען פון דרך הישר אַראָב... השם־ישמרני, השם־ישמרנו! כמעט האָט שלמה בעקומען... מיר טאָרען נישט זיין, מחותן, קיין נותן יד לפושעים... מען דאַרף צווישען זיי אַ פרוד מאַכען...

דער מחותן, דער האָשטינער רבי, האָט זיך פון אָרט אַהויב געטהון און אָנגעהויבען איבער דער שטוב אַרומצולויפען:

— ווילט איהר, הייסט דאָס, מחותן, די „תנאים" צורייסען? — האָט זיין ציטערנדע שטימע נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

דער רבי פון נ. האָט אַ ווײַלע געשוויגען און מיט אַ געבייטקול זיך אָפגערופען:

— אַזוי איז מן השמים נגזר געוואָרען. אַ פּרוד מוז זיין... אַליק, מחותן, וואָס איך בין מחייב על פּי דין — בין איך אויף מיר מקבל. ווילט איהר „חצי נדן קנס"? — איך בין מוכן דערצו, איך וועל אייך נאָך מוסיף זיין... נעהמט אייך, מחותן, אַליק, וואָס איהר ווילט... גלוי וידוע, דאָס איך האָב דערביי קיין שום פּניה נישט, איך בין ווייט פון יעדע ערמה, חלילה... דען, אדרבה, גיט עפּעס, מחותן, אַנ' עצה: וואָס זאָלען מיר טהון? וואָס זאָלען מיר טהון? קאָנען מיר דען לאָזען דאָס פייער ווייטער ברענען?... נו, זאָגט, מחותן, גיט אַנ' עצה: וואָס זאָלען מיר טהון? וואָס זאָלען מיר טהון?...

דער רבי, דער מחותן, איז אַליק הין און צוריק איבער דער שטוב געלאָפען, און נישט אויפגעהערט צו טענה'ן:

— ווילט איהר, הייסט דאָס, מחותן, די „תנאים" צורייסען?...

און פּלוצלונג האָט ער זיך געגען צווייטען רבי'ן, דעם מחותן, אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

— הייסט, מחותן, און זאָל מען נאָך די קינדער שיקען... זאָלען חתן־כלה אַהער קומען...

און גלייך איז עס געשעהען.

*

* *

אין עס־צימער ביי ר' נטע ליכטמאַן אין וואָהנונג איז געזעסען די רביצין פון נ., דעם קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּאַרט און געזונקען אין טרויער.

ר' נטע ליכטמאַנ'ס ווייב, וואָס איז פריהער געווען אויסער זיך פון גליק, וואָס איהר שטוב האָט צו אַזעלכע חשוב'ע געסט זוכה געווען, און איהר פּנים האָט געהאַט געשטראַהלט פון פרייד, איז איצט אויף די שפּיץ־פינגער איבער דער שטוב אַרומגעגאַנגען און אַ דערשראָקענע איז זי געווען, אָנקוקענדיג די טיעף־פערטרויערטע רביצין, וואָס האָט צו קיינעם אַ וואָרט נישט גערעדט און אונבעהעגליך דעם קאָפּ צווישען די הענד געהאַלטען.

איבער דער שטוב האָט אַ שטילע אימה געשוועבט; זעלטען־ווען נאָר איז די שטילקייט איבערגעריסען געוואָרען פון אַ שווערען זיפץ, וואָס האָט זיך געטראָגען דורך דער פערשלאָסענער טהיר פון זייטיגען אַלקיר, וואו עס זענען געזעסען די צוויי „גוטע יודען", די מחותנים.

פּלוצלונג האָט זיך די טהיר פֿון קיך האַסטיג געעפֿענט און דער משמש איז געקומען אַריינגעלויפֿען:

— רביצין, זי געהט! — האָט ער אויסגערופֿען.

די רביצין האָט, פֿון דעם אומגעריכטען אויסרוף, אַ צאַפּעל געטהון און דערשראָקען די אויגען אויפֿגעהויבען.

און ווידער האָט זיך די זעלבע טהיר געעפֿענט, (איצט שוין לאַנגזאַם, פּאַמעליך, ווי די הענד, וואָס האָבען די קליאַמקע געהאַלטען, וואָלטען געציטערט. און באַלד האָט זיך אַ בלאַס אויס־געדאַרטעס געזיכט בעוויזען און האַקלענדיגע פֿיס, וואָס האָבען לאַנגזאַם די טריט געמאָסטען און דערנעהנטערט זיך צו דער שוועל פֿון עס־צימער, וואו זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט און דאָס בלאַסע יונג־מיידעלשע פּנים האָט די אויגען ווי פֿערשעמט צו דער ערד אַראָב־געלאָזען.

— רבקה׳לע! — האָט די רביצין אַנטציקטיו אויסגעשריען, נאָר באַלד איז זי אַנטשוויגען געוואָרען; פֿעסטער האָט זי דעם קאָפּ צווישען די הענד אַריינגענומען, מעהר האָט זי קיין וואָרט ניט אַרויסגעלאָזען; מיט שטאַרקע שטומע בליקען האָט זי אויף איהר טאָכטער, רבקה׳לע, געקוקט און בעדויערנד לאַנגזאַם מיטן קאָפּ געשאָקעלט...

רבקה׳לע איז נאָך אַלץ אויף דער שוועל געשטאַנען און ניט געוואַגט די אויגען פֿון דער ערד אויפֿצוהויבען...

אַ שטילע אימה האָט געהערשט אין אַלקיר, וואו די „גוטע יודען" זענען זיך צונויפֿגעקומען. דער רבי פֿון נ. איז די גאַנצע צייט אונבעוועגליך ביים פֿענסטער געשטאַנען, די הענד אין דער גאַרטעל געשלאָסען און עפּעס אַ שטילען עצבות׳דיגען ניגון געברומט. דער מחותן, דער האָשטינער רבי, האָט זיך אויף און אָב איבער׳ן אַלקיר אַרומגעדרעהט, און פֿון צייט צו צייט אַ טיעף־האַרציגען קרעכץ אַרויסגעלאָזען.

אין דער טהיר האָט זיך אַן אונטערטעניגער קלאַפּ דערהערט און דעם משמש׳ס קאָפּ האָט זיך אין דער טהיר בעוויזען: — זי איז שוין דאָ — האָט זיין אונטערטעניגע שטימע געמעלדעט.

אַ ווײַלע איז קײן ענטפֿער נישט געװעזען, דער חאַשטשינער רבי איז אין מיטען שטיב געבליבען שטעהן און איפֿין משמש אַ פּאָר פֿערגליװערטע אױגען אױסגעשטעלט. דער מחותן, דער צװײטער רבי, האָט דאָס פּנים פֿון פֿענסטער אָבגעקעהרט און אַ ציטער געטהון.

דעם משמש׳ס קאָפּ איז נאָך אַלײן אין דער טהיר געשטאַנען און געװאַרט אױף ענטפֿער.

— נו, װאו איז ער?... הײסט אין זאָל אײך דער חתן אַרײַנקומען! — האָט דער רבי אַ זאָג געטהון שטרענג צום משמש.

און באַלד האָט זיך די טהיר פֿון אַ זײַטיגען צימער געעפֿענט, פֿון װאַנען ס׳האָט זיך באַװיזען מרדכי׳לע, אַ בלײכער, אַ דערשראָקענער, מיט אַראָבגעלאָזטע אױגען; באַגלײט פֿון זײן מוטער, די רביצין, האָט ער זיך געלאָזט געהן מיט װאַקלענדיגע טריט (צום רבי׳שען אַלקיר; דורכגעהענדיג איבער׳ן עס־צימער, האָבען זיך זײַנע אױגען באַגעגענט מיט רבקה׳לעס. אַ װײַלע איז ער װי שטעהן געבליבען אױף זײַן אָרט פֿון איבערראַשונג, באַלד אָבער האָט ער זיך באַטראַכט, װאו ער געפֿינט זיך און ער האָט צוריק אַראָבגעלאָזט די אױגען.

און װען ער איז בײַ דער טהיר פֿון אַלקיר געשטאַנען און מיט ציטערנדע הענד די קלאַמקע אָנגערירט, האָט ער נאָכאַמאָל דעם קאָפּ אומגעקעהרט און אױף רבקה׳לען געקוקט.

זי האָט איהם מיט שטומע בעטענדע בליקען אָבגעענטפֿערט...

בײדע „גוטע־יודען" האָבען זיך אײנער בײם צװײטען נעבען טיש אױעקגעזעצט; אָבגערוקט פֿון װײַטען נעבען דער טהיר זענען געזעסען די צװײ רביצינס; בײם צװײטען עק טיש איז מרדכי׳לע געשטאַנען און נערװעז־ציטערנדיג זיך אָן ברעג אָנגעהאַלטען.

שטיל איז אין צימער געװען, יעדער האָט װי מורא געהאַט דאָס ערשטע װאָרט אָנצוהױבען

פּלוצים האָט זיך דער רבי פֿון נ. האַסטיג אױפֿגעהױבען פֿון אָרט און מיט אַ שאַרפֿע, נאָר אַ ציטערנדע שטימע האָט ער זיך צו מרדכי׳לען געװענדעט, נישט אױפֿהױבענדיג אױף איהם די אױגען:

— הער־אױס, בחור! כ׳װיל נישט חלילה קײן הולך־רכיל זײַן. דו הײסט דאָך, עס שטעהט: באפּי תלתא, פֿאַר דרײַ מענשען,

הייסט קיין לשון-הרע ניט... מען דערצעהלט אויף דיר, השם ישמרנו,
דאָס דו ביזט חלילה פֿון דרך האמת אראָב!... אין אפּיקורס, שׂ ע ם ר ם,
דערצעהלען אנשים נאמנים, האָבטו זיך חלילה אָנגעהויבען אַריינצו-
לאָזען. וועה, וועה געשריגען! וכל באיה לא ישובון!... רחמנא
ליצלן, מען זאָגט אויף דיר אַזעלכע זאַכען, אוי לאזנים!...

דעם רבינ׳ס ווערטער זענען איבערגעריסען געוואָרען פֿון אַ
היסטערישׁ געוויין און אַ יללה-חליפּעריי פֿון דער חאָשטשנער רביצין.
אַ פּאָר מינוטען האָבען אַלע געשוויגען, און ווען דאָס געוויין איז
אַ ביסעל שטילער און איינגעהאַלטענער געוואָרען, האָט דער רבי
ווייטער אָנגעהויבען צו רעדען און זיין קול איז וואָס אַ מינוט אַלץ
העכער און שאַרפֿער געוואָרען.

— וועה-געשריגען, בחור! דו האָבט, דערצעהלט מען אויף דיר,
די הייליגע ספרים, די דברי אלקים חיים, איבערגעביטען, רחמנא
ליצלן, אויף ספרי-מינות. השם ישמרנו! דו ביזט אראָב פֿון וועג,
אויף וועלכען עס זענען דור נאָך דור צדיקים און קדושים געגאַנגען
און דו האָבט פֿערבלאָנדזשעט אויפֿ׳ן וועג, וועלכער פֿיהרט, רחמנא
ליצלן, אַהין צו יענעם צד...

ווידער האָט זיך די חליפּעריי פֿון דער חאָשטשנער רביצין דער-
הערט. דער מחותן, האָט מיט דער האַנד די אויגען פֿערשטעלט און
געקרעכצט. מרדכי׳לע האָט ציטערענדיג פֿעסטער זיך אָן ברעג טיש
אָנגעהאַלטען און פֿון איפּרעגונג די אונטערשטע ליפּ געביסען.

העכער און שאַרפֿער האָט דעם רבינ׳ס מוכר-טאָן די אימה-
שטילקייט פֿון אַלקיר דורכגעשניטען:

— הער-זשע אויס, בחור! גערעכענט האָב איך, אַז דער רצון-
הבורא איז, דאָס דו זאָלסט דער זיווג פֿון מיין טאָכטער שתחי׳ זיין.
השם יתברך ווייסט דאָך דעם אמת, דאָס איך האָב נישט געזוכט,
חלילה, קיין גאָלד און עשירות. תורה האָב איך געזוכט, תורה און
יראת-שמים; אַנ׳אדם כשר והגון, וואָס זאָל זיין ראוי ממשיך צו זיין
די נהורא-הקדושה אין מיין „הויף"; געוואָלט האָב איך, אַז די נחלה
וואָס מיינע אָבות-הקדושים האָבען מיר איבערגעגעבען זאָל אַ חזוק
האָבען און מתקיים ווערען אויך אין די ווייטערע דורות; מתפּשט
ווערען זאָל דער אור; דער „הויף" זאָל אויך אויף ווייטער די
אכסניה פֿון תורה און עבודת-הבורא זיין; דאָס, ווייסט השם יתברך
דעם אמת, האָב איך געוואָלט, דאָס איז מיין איינציגע כונה און

מחשבה געווען. דאָה האָב איך, השם־יתברך וויסט דאָך דעם אמת, געוואָלט; אַזעלכען האָב איך געוואָלט צו מיר אין „הויף" אַריינ־בעהמען.

השם־יתברך וויסט דאָך דעם אמת. דאָס איז מיין כונה און מחשבה געווען.

דער רבי האָט זיך אַ ווײַלע אָבגעשטעלט און פערטראַכט. שווער האָט די אימה איבערן אַלקיר געדריקט, אַלע האָבען חז' איינגעהאַלטען זייער אָטעם.

און דעם רבינ'ס טאָן איז שאַרפער געוואָרען:

— האדם יראה לעינים... דער בשר־ודם קאָן נאָר מיט'ן אויג זעהען, ווער קאָן דען די נסתרות פון מענשען וויסען?... ב'האָב געזעהען, בחור, דו ביזט אַ בן של קדושים; געזאָגט האָט מען, דאָס דו געהסט קיינמאָל מפתח ביתך נישט אַרויס, יום־ולילה ביזטו און תורה ועבודה עוסק; מעלות האָט מען אויף דיר אויסגערעכענט, דאָס דו ביזט זך ונקי, ריין פון יעדע שמץ־פסול, חלילה, כשר והגון, ווי אַן אמת'ער יוד דאַרף זיין; געזאָגט האָט מען, דאָס דו ביזט הצנע־לכת... וואָס זשע האָב איך געקאָנט נאָך טראַכטען? מען איז דאָך נאָר אַ בשר־ודם, האָב איך גערעכענט, דאָס דו ביזט ראוי והגון דער חתן פון מיין טאָכטער שתחי' צו זיין.

דער רבי האָט אויף אַ רגע מפסיק געווען און ווייטער אָנ־געהויבען:

— ווער אָבער, ווער־געשריען! האדם יראה לעינים... פון הימעל האָט מען מיר דעם אמת מעלים געווען. מען טאָר ניט מתרעם זיין, מסתמא איז אַזוי דעם בורא גיתא געווען, ווער קאָן די כבשי דרחמנא וויסען?... השם ישמרנו, השם ישמרנו, ווער זאָל זיך אויף אַזעלכעס ריכטען!?...

דער רבי האָט פלוצים אַריינגעשטעקט די האַנד און בוזים פון זיין זיידענער זשופּעצע און אַרויסגענומען פון דאָרט די איינ־געוויקעלטע תנאים

— ווער, ווער געשריען! — האָט דער רבי געפּאַכעט מיט דער האַנד, און וועלכע ער האָט די „תנאים" געהאַלטען, און זיין קול האָט געציטערט — רחמנא ליצלן! אנשים נאמנים דערצעהלען, דאָס דו ביזט פון דרך האמת צראָב, ביזט אַוועק, רחמנא ליצלן, אויף צנצנדערן, אויף אַ פאַלשען וועג, השם ישמרנו, השם ישמרנו!...

נײַן! נײַן! דו ביסט ניט ראוי, דו ביסט ניט הגון, דער חתן פֿון מײַן טאָכטער שתּהי צו זײַן, נײַן! דו ביסט ניט ראוי די נחלה פֿון מײַנע אבות הקדושים צו ירשענען!... די חבילה מוז נתפּרד ווערן, אונזער התחברות מוז ווערן צוריסן, אויפֿגעבונדן דאַרף ווערן די התקשרות... דו ביסט ניט ראוי! אַ טעות איז געווען, אַלץ מוז צוריק בטל ומבוטל ווערן, די „תּנאים" זענען קיין „תּנאים" נישט!...

די האַסטינער רביצין האָט אַ שרעקליך געשריי אַרויסגעלאָזן און איר קאָפּ איז אויף דער פּאַרענט פֿון דער שטול געפֿאַלן; די צווייטע רביצין האָט אירע אויגן אין טיכל איינגעגראָבן און שטיל געחליפּעט. איבער אַלעמען איז אַ שווידער און ציטער דורכגעלאָפֿן; און געציטערט האָבן אויך אין רבינס האַנט די „תּנאים", וועלכע האָבן איצט אויף זייער אורטייל געוואַרט...

לאַנגע, לאַנגע מינוטן האָט זיך די דאָזיגע פּיין געצויגן און שווער האָבן זיי אויף אַלעמענס הערצער געדריקט.

פּלוצים האָט זיך דער האַסטינער רבי פֿון זײַן אָרט אויפֿגעשטעלט און אָנגעהמענדיג דעם מחותן, דעם נ.־ער רבין, בײַם גאַרטל, האָט ער מיט אַ קול של דמעות אויסגעשריִען:

— מחותּן, זייט זיך מיישב!...

און ווידער איז אין אַלקיר אויף מינוטן־לאַנג שטיל געוואָרן. דער נ.־ער רבי האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול, אָנשפּאַרענדיג זײַן פּלייצע אין פּאַרענטש. מיט איין האַנד האָט ער פֿעסט דעם שטערן צונויפֿגעדריקט, ווי ער וואָלט געוואָלט איינהאַלטן דעם געשווינדען שטראָם פֿון רעיונות, וועלכע האָבן דאָרט אָהן אויפֿהער געפֿליכט און צווישן זיך אַ קאַמף געפֿירט... צווישן די פֿינגער פֿון זײַן צווייטער האַנד האָט שטײַף געפּלאַטערט דאָס „תּנאים"־פּאַפּיר און געציטערט...

אָנגעשטרענגט איז די שטילקייט געווען, אַלע האָבן ווי אויף דעם אורטייל געוואַרט. מרדכי'לע איז בײַם עק טיש געשטאַנען; די אויגן ווי אַ פֿאַר'משפּט'ער אַראָפּגעלאָזן און נערוועז מיט'ן פֿינגער איבער'ן קאַנט פֿון טיש געפֿירט.

דער רבי האָט אַ ווײַלע ווי אויפֿגעוואַכט פֿון זײַנע שווערע געדאַנקען. ער האָט באַפֿרייט זײַן שטערן פֿון דער צונויפֿדריקענדער האַנד. אָט האָט ער אַ בליק אַרום זיך געוואָרפֿן, און דער בליק

איז שאַרף און דורכדרינגענד געווען; לויפֿענדיג האָבען די אויגען אויף יעדען איינציגען פֿון אַלקיר זיך אָבגעשטעלט, ווי זיי וואָלטען ביי יענעם דעם שליסעל צום שווערען סוד געפֿינען... ווי זיי וואָלטען ביי יענעם אַ עצה געפֿרעגט, צו זאָל ער זיך אויף דעם לעצטען שריט לאָזען, אָדער צו איז ניט, חלילה, דער האָיגער שריט מסוכן און געפֿערליך...

און אָט האָט דער רבי ביידע הענד אין די אַרבעל פֿערשטעקט. דעם קאָפּ הינטער זיך פֿערוואָרפֿען מיט איינגעשטעלטע אויגען צום סופיט. זיין קערפּער האָט זיך גענומען אומאויפֿהערליך בעוועגען און שאָקלען אַהין און אַהער. אַ שטיל ברומענדיגער נגון האָט זיך געצויגען און און זיינע צום סופיט איינגעשטעלטע אויגען האָט אַ פֿייכטער טרעהר-גלאַנץ געבלישטשעט...

— באַם—בי—בים, אָח, אָח, באָם—באָם... — האָט זיך אַ האַרציגער נגון-מעלאָדיע, אָהן ווערטער, איבערין שווער-שטילען צאַלקיר צושפּרייט און די סטרונעס פֿון אַלעמענס הערצער געוועקט..

— באַם—בי—בים, אוי, באָם—בים... — וואָס זענען דען אין די האָיגע טיעף-האַרציגע טענער ניט פֿאַרהאַן? אָט ניעדערט ער אַראָב דער טאָן אַליין נידעריגער און נידעריגער, ער צוגיסט זיך אין אַ מין ווייכקייט און געבעט, ווי אַ קינד, וואָס פּיעסטשעט זיך פֿאַרין פֿאָטער: „טאַטע, זיסער!... טאַטע, זיסער!...“ אָט ווערט אַ ווייליע שטיל, איבערגעריסען, און באַלד ציהען זיך ווידער, ווי פֿון ערגעץ ווייט, ווייט געקומען, אַ צוזאַמישונג פֿון אַלטע בעקאַנטע טענער. וואָס איינער פֿליסט אינ'ם צווייטענס גבול אַריין, איינער יאָגט דעם צווייטען איבער... אַלט-בעקאַנטע טענער זענען דאָס, וואָס ערינערען און פֿלעכטען זיסע, הייליגע זכרונות פֿון דורות, הדורות צדיקים און „גוטע יודען“, פֿון אַ לאַנגע קייט שטילע, רוהיגע „הויפֿען“, אין וועלכע עס האָט דור נאָך דור אַ שטיל-רוהיגער קדושה-קוואַל געפֿליסט און געגאָסט עדה האָט, דור נאָך דור, פֿון דעם קוואַל געטרונקען... „הויפֿען“, אין וועלכע ס'האָט דור נאָך דור רוהע און פֿריעדען געהערשט, מלאכי-השלום האָבען זיי מיט זייערע פֿליגלען בעשיצט און חלילה קיין מכשול פֿון דרויסען ניט צוגעלאָזען...

— בים—בי—בים, אוי, אוי, באָם—באָם—באָם!... — העכער, העכער ציטערען די טענער און פֿילען דעם אַלקיר מיט אַנאימה אָן פֿון יעדענס האַרץ ווערט, ווי אַ שטיק אָבגעריסען, עפּעס קלעמט

אַזוי אויפ'ן האַרצען און וועהטאָגט די נשמה!... העכער, העכער צו־טערען די טענער, פּרעטענזיעס האָבען זיי, מתרעם איז דער צדיק פאַר גאָט ברוך־הוא: „טאַטע, טאַטע!... צו־גרויס איז די שטראָף, צו־שווער דער נסיון, וואָס דו האָסט אויף דעם צדיק אַראָפּגעשיקט... ניין, טאַטע. ס'איז שווערער נסיון, כ'וועל חלילה נישט קאָנען בײַ־שטעהן"...

— בים—בי—בים, אָה, באָם—באָם—באָם!...

דער רבי האָט זיך פּלוצים אַ שטעל־אויף געטהון און פאַזעענדיג מיט דער „תנאים" אין האַנד, האָט ער מיט אַ וויינען געבעט־שטימע אָנגעהויבען:

— קום־זשע אַהער, בחור — האָט ער זיך צו מרדכי'לען גע־ווענדעט — און גיב מיר תקיעת־כף, דאָס מהיום והלאה וועסטו פערלאָזען דעם פאַלשען וועג, וואוהין די ביזט מיט'ן כח פון יצר־הרע, רחמנא ליצלן, פערבלאָנדזשעט; די ווייסט דאָך, אַז במקום שבעלי־תשובה עומדין... זיי זשע, בחור, אַ חוזר בתשובה און קעהר זיך אום צוריק אויפ'ן דרך־האמת, אויפ'ן וועג, וואו דיינע אָבות זענען געגאַנגען...

דער רבי האָט אַ ווײַלע געשוויגען און ווײַטער געזאָגט:

— אַ בשר־ודם איז דאָך נאָר דער גאַנצער מענש, אין צדיק בארץ אשר לא יחטא... אַז מען זעהט אַפילו בעין, דאָס אַ יוד זינ־דיגט, דאַרף מען אויך אויף איהם מלמד־זכות זײַן: „זעהסטו, אַ תלמיד חכם האָט געזינדיגט בײַטאָג, זאָלסטו בײַנאַכט נישט מעהר מהרהר זײַן אויף איהם, דען מן הסתם האָט ער תשובה געטהון"... און באמת, דאַרף מען דאָך אויף דיר מלמד־זכות זײַן, אַ יונגעל איז אַ קל־הדעת, דער עמוד־האמונה איז נאָך בײַ איהם נישט נתחזק געוואָרען כראוי... נו, קומט, רחמנא־ליצלן, דער יצר־הרע און שלעפּט איהם חלילה פון דרך־האמת אַראָב...

און דער רבי איז נעהנטער צו מרדכי'לען צוגעגאַנגען און איהם די האַנד אויסגעשטרעקט:

— זעה, אַלע זענען דאָ עדות. נאַ, בחור, און גיב תקיעת־כף, דאָס דו וועסט דעם דרך־השקר פערלאָזען, דאָס מהיום־והלאה וועסטו געהן אויפ'ן וועג פון דיינע אבות... נאַ, בחור, טהו תשובה...

אַ רגע איז שטיל געוואָרען. אָנגעשטרענגט האָבען אַלע דעם אָטעם איינגעהאַלטען און מיט שרעק צו דער זײַט פון מרדכי'לען

געקוקט. נאָר מרדכי׳לע האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. טיעפע זענען די קנייטשען אויף זיין שטערן געוואָרען, די אויגען צו דער ערד אַראָבגעלאָזען. עטליכע מינוטען איז אַזוי דעם רבינ׳ס האַנד אין דער ליפט געהאַנגען, ווי זי וואָלט אויף אַ תשובה געוואַרט...

— נו!?... — האָט דער רבי פלוצים שטרענג אויסגערעדט.

נאָר תיכף האָט זיך מרדכי׳לע גלייך אַנטקעגען דעם רבין געשטעלט, זיינע אויגען, וואָס זענען אויפ׳ן רבין געווען געווענדעט, האָבען זיך ווי אָנגעצינדען, זיין פנים האָט געפלאַמט און מיט אַ שאַרפע שטימע, האָט ער אַרויסגערעדט:

— ניין, רבי! איך דאַרף קיין תשובה נישט טהון... איך האָב גאָרנישט געזינדיגט... איך ווייטער, רבי, וועל איך אויף דעם זעלבען וועג, ווי ביז איצט, געהן...

שטיל איז געוואָרען. אַלע האָבען זיך דערשראָקען איבערגעקוקט.

— שיינען!! — האָט דער רבי פלוצים אַ געשריי געטהון און באותו רגע, האָט ער די „תנאים" אויף שטיקלעך צוריסען...

אַלע זענען ווי פערשטיינערט געבליבען אויף זייערע ערטער זיצען און מיט פערוואונדערטע אויגען געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע, וואו ס׳האָבען זיך געוואַלגערט די שטיקלעך פּאַפּיער פון דער צעריסענער „תנאים". קיינער האָט קיין געשריי ניט אַרויסגעלאָזען, קיין דיפּץ ניט געגעבען. שטום האָבען אַלעמענס אויגען געקוקט, ווי ס׳וואָלט ניט קיינער בעגריפען, וואָס דאָ איז אַזעלכעס געשעהען...

איינציגווייז נאָר, האָט יעדער פון זיינע פערשטיינערטע געפיהלען גענומען ערוואַכען. מען האָט אָנגעהויבען צו־זיך צוקומען, בעגרייפען דאָס געשעהענע. האַרצרייסענדע קרעכצען און „אוי"־געשרייען האָבען זיך געלאָזט הערען איבער׳ן אַלקיר. דער חשובסטער רבי איז פלוצים אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און פעסט אָנגעהמענדיג דעם צווייטען רבין, דעם מחותן, ביי דער גאַרטעל, האָט ער מיט אַ טרערען־געשטיקטע קול אויסגעשריען:

— מחותן, וואָס האָט איהר געטהון?!

נאָר דער מחותן, דער נ״ער רבי, איז אַנאויפגערעגטער איבער׳ן אַלקיר אַרומגעלאָפען און עטליכע מאָל איבערגעחזרט:

— זייט נישט מתרעם... אַזוי האָט עס געמוזט זיין!... איך האָב יוצא געווען. מיט דין און מיט רחמים האָב איך געפּרובט...

איך האָב מיינס געטהון און — אזוי איז נגזר געוואָרען!.. און הימעל וויל מען אזוי!...

דער האָשטינער רבי איז דעם מחותן איבערן אָלקיר נאָכגעלאָפען, נישט אָבלאָזענדיג די האנד פון זיין גארטעל און מיט א קול־תחנונים האָט ער נישט אויפגעהערט צו בעטען:

— מען טאָר נישט אזוי, מחותן!... שמאל דוחה ווײַן מקרבת דאַרף זיין!... מחותן, מען טאָר נישט אזוי!... ס'הייסט דאָך, חלילה, מרחה געווען בשתי ידים!... זייט זיך נאָך מיישב, מחותן! ס'הייסט דאָך, השם־ישמרנו, פערשטויסען בידים א נפש מישראל!...

דער נ.־ער רבי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען:

— וואָס ווילט איהר פון מיר, מחותן? וואָס ווילט איהר? געננוג גרויס איז אזוי אויך דער פירעניות!... השם יתברך איז א יודע את האמת, דאָס עס איז מיר נישט ניחא געווען. ל'האָב געפרובט אויף רעכטס און אויף לינקס און — וואָס ווילט איהר פון מיר, מחותן? אייער בחור איז אַנ'עומד בכדרו... מעהר קאָן איך שוין נישט, כ'קאָן שוין נישט מעהר, מחותן!...

א רגע איז שטיל געוואָרען. די האָשטינער רביצין האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט און מיט פערוויינטע אויגען איז זי צו איהר זוהן מרדכי'לע צוגעגאנגען און די הענד פערבראָכען:

— מרדכי'לע — האָט זי מיט א פערשטיקטע שטימע געבעטען — וואוהין האָסטו פערבלאָנדזשעט? מרדכי'לע...

נאָר גאָר אונגעוואַרטעט האָט זיך מרדכי'לע פעסט און זיכער ענטקעגען די רבים אַוועקגעשטעלט, זיינע אויגען האָבען מיט נאָך מעהר פייער געפלאַקערט, און הויך און שארף האָט זיין שטימע געקלונגען:

— תשובה טהון, הייסט איהר מיך? צוריק־קעהרען פון דעם פאַלשען וועג, אויף וועלכען איך האָב פערבלאָנדזשעט, צוריק אויפ'ן דרך־האמת, אויפ'ן וועג, וועלכער פיהרט אהין, אהין אין די רבי'שע „הויפען“?...

וואָס קאָנען זיי מיר אייערע „הויפען“ געבען? דאָס שענע, דאָס הייליגע איז שוין פון דאָרט לאַנג פערשוואונדען. איצט בלאָזט דאָרט א קעלט פון די ווינקלען, פערוועלקט האָט אלעס און עס פוילט, ווי די הערבסט־בלעטער... און צינדט זיך ווען־נישט־ווען אָן דאָרט א התלהבות־פונק, א שוריש פונם הייליגען פייער פון אמאָל,

אמאָל... אין פערוואונדערט הען-ניט-וועלן דאָרט אהין א חסידישער קלאַנג זיין טאָן, א גלגול פונ'ם אַלטען הייליגען נגון פון אַמאָל, אַמאָל... — ווערט עס באַלד פערלאָשען, ווערט עס תיכף פער־שוואונדען. בלענדענד איז דאָס פייער — עס וואַרימט שוין ניט מעהר... פאַלש זענען די טענער, געקינסטעלט — דער עקסטאַז און דער חסידות-ברען... „די מילגרוים איז אויפגעגעסען געוואָרען, געבלי־בען איז נאָר די שאָל"... פונ'ם תוך, איז שוין לאַנג קיין זכר ניט געבליבען, געבליבען איז די קאַלטע אויסערליכע פאָרם, אָהן הארץ און נשמה, קאַלט און טרוקען מיט נאָכגעמאַכטע תנועות...

— שווייג!... האָט דער רבי איבגעשריען.

— אוי לאזנים!... — האָט זיך א צווייטע נידערגעשלאָגענע שטימע דערהערט.

בײדע „גוטע יודען" זענען בלאַס און אויפגערעגט אויף זייערע ערטער געשטאַנען און מיט שרעק זיך אויף אַלע זייטען אַרומגעקוקט, ווי זיי וואָלטען זייערע אויערען ניט געגלויבט. נאָר מרדכי'לע האָט ווייטער גערעדט:

— קאַלטע, וואָכעדיגע האַנדעל-יודען קומען צום רבי'ן אין „הויף" צופאָהרען, טוהען זיך די בגדי-שבת אָן און זענען זיך אין דער קדושה מתדבק... שטעהט דער ווייטיגער מענש, האָט אונגעניטיג איג. אין דרויסען, און זעהט ער דאָס — ווערט ער נתפעל, בעקומט ער דרך-ארץ פאַר'ן „הויף" און פאַר די, וואָס זענען געקומען אין „הויף" צופאָהרען. התלהבות זעהט ער, דבקות, די יודען — זעהט ער — האָבען די וואָכעדיגע וועלט פערלאָזען און האָבען זיך דערהויבען אין אַנאַנדערע, אין א הייליגע וועלט — שקר איז דאָס אָבער, שקר מוחלט! פאַלש איז דער התלהבות, מעכאַניש איז דער עקסטאַז. קאַלטע, וואָכעדיגע יודען זענען דאָס, גראָשענדיגע קרעמערס, וואָס קאָנען זיך אויף איין מינוט אַפילו ניט בעפרייען פון זייער „האַנדעל-וואַנדעל"; ביי אַזעלכע איז דאָס חסידות ניט מעהר, ווי א מין משא-ומתן, פון וועלכען ער וועט — ווי ער גלויבט — „קרעמערישע" נוצען ציהען... אין „הויף" קומט ער צופאָהרען, א פדיון גיט ער דעם רבי'ן, וויין שטעלט ער ביים טיש, בלויז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָפט, דאָס זיינע הוצאות וועלען איהם מיט פראָצענט אומגעקעהרט ווערען... דאָס און דעם זכות וועט אין זיין קראָם די שפע בהרבה ווערען, פרנסה בריוח וועט ער האָבען... מיט קינדער, זרע של

קיימא, וועט ער געדינ׳פען הערען.... נתרפא ווערען וועט דער חולד ביי איהם אין דער־היים... צו זיין טאכטער, די בוגרת, וועט בזדמן ווערען א שדוך הגון... קרעמער, גראשענדיגע יודען זעגען דאס, וואס ווילען פאר זייער געלד „מוכת ס״ קויפען ..

מרדכי׳לעס ווערטער זענען איבערגעריסען געווארען פון צארנ־דיגע אויסגעשרייען:

— שטיל, מחוצף! לשון־הרע אויפ׳ן כלל־ישראל רעדסטו!... עוכר־ישראל!...

— אוי לאזנים!.... קריעה דארף מען רייסען!...

— וועה, וועה, גאט האט א פייער אויף אונז אראבגעשיקט... וועה, וועה, ווער זאל זיך אויף אזעלכעס ריכטען?... ווי קומט צו אזא כשר קינד אזעלכע ווערטער!... א צארן פון גאט!... — האבען די רביצינס געחליפעט.

די „גוטע יודען״ האבען פערצווייפעלט די הענד פערשפרייט און געקוקט מיט ערשטוינונג ארום זיך, ווי זיי וואלטען נישט גע־גלויבט, דאס אין זייער געגענווארט זאל א רבי׳ש קינד אזעלכע ווערטער רעדען. די רביצינס זענען געזעסען מיט פערבראכענע הענד און נידערגעשלאגען זייערע קעפ אראבגעהאלטען.

מרדכי׳לע, ווי ער וואלט זיך שוין פון לאנג צו דעם מאמענט, צום קאמפף, געגרייט, איז אונערשראקען אויף זיין ארט געשטאנען. דוויך האטע ר דעם קאפ געהאלטען, גלייך האבען זיינע אויגען גע־קוקט אויף אלעמען און ווען דער שטורם, וואס ער האט מיט זיינע פריהערדיגע ווערטער ארויסגערופען, איז אויף א רגע איינ־געהאלטען געווארען,האט ער גלייך ווייטער מיט דעם זעלבען שארפען טאן אנגעהויבען:

— „גוטע יודען״! כ׳גלויב אין אייך, אין אייער צדקות, אין אייער יראת־שמים, אבער נאך מעהר — אין אייער תמימות... נא־איווע און תמימים זענט איהר. חסידים אליין זענען דאס מודה און ריהמען אייך דערמיט. דער גרעסטער שבח וועלכען מען וויל אמאל אויף א „גוטען יוד״ דערצעהלען, איז, דאס „ער קען קיין צורת־מטבע נישט״... נאאיווע און תמימים, שטענדיג אין „הויף״ אבגעזונדערטע, שטענדיג אין די ד׳ אמות פון חדר מיוחד פער־שלאסענע — ווי אזוי זשע קענט איהר די מנהיגים פון גאטס עדה זיין? אין דרויסען שטורעמט דאס לעבען; צו איהר ווילט

צו איהר ווילט נישט — נייע חלומות וועבען זיך, נייע פארערונגען הערען פון לעבען ארויסגעשטעלט, און איהר? — אהין און אייערע פערצוימטע מחיצות, און אייערע אבגעשלאגענע חדרים דערגרייכט עס נישט!... אלט איז אייער וועג, שוואך זענען אייערע מיטלען, מיט וועלכען איהר רעכענט די קייט פון דער טראדיציע אויף ווייטער צו ציהען; ארעם איז אייער שפייז, אויסגעטריקענט איז אייער קוואל— עס קען דער יונגער דור נישט מעהר פון איהר זיין גייסטיגען דורשט שטילען...

— מחוצף!

מרדכי'לע האט זיך נישט אבגעשטעלט:

— אמת, א „מחוצף" בין איך דערמיט, וואס איך האב ענדליך געפועל'ט ביי זיך און געהאט דעם מוטה אפען ארויסצוזאגען דאס וואס איך דענק און פיהל; יאהרען־יאהרען לאנג האב איך, אמת, דעם דאזיגען מוט נישט געהאט, געשראקען האב איך זיך, מורא האב איך געהאט פאר אייער צארען און נקמה־פייער, וואס איך וועל מיט מיינע אפענהערציגע ווערטער צופלאקערען... יאהרען־יאהרען לאנג האב איך, אמת, געמוזט א צבועק זיין; מיט א פרום־פערמאסקירט פנים האב איך מיינע גאנצע ימי־בחרות אין „הויף" פערבראכט, געגאנגען אויף דעם אלטען, שמאלען וועג, וואס הויבט זיך אן אין „הויף", און ענדיגט זיך אין „הויף"... ענג איז מיר די לופט געווען, שווער—דער אטהעם. דארט אין מיין איינזאמען אבגעזונדערט חדר האב איך די טעג און נעכט פערבראכט, אליין מיט זיך און מיט די אלטע ספרים פלעגט זיך אין מיר דאן דאס הארץ צונויפדריקען, דעם קאפ האב איך הורכ'ן פענסטער ארויסגעשטעקט און ס'האט זיך מיין הארץ געריסען אהין, אהין אין פרייערע ברייטערע וועלטען, דארט וואו עס שטראמט גאט'ס פרישער קוואל און רופט די גייסט־דארשטיגע צו זיך!

און מרדכי'לע האט ווייטער גערעדט:

— יא, איך האב ענדליך אין זיך דעם מוט געפונען אפען מיינע געדאנקען ארויסצוזאגען. פיעל, פיעל זענען אבער פאראן פון יונגען דור, אין דער חסידישער מחנה, וואס זענען שוואך און שרעקען זיך זייערע אינערליכע פערבארגענע געדאנקען צו ענטפלעקען. מיט צבועות־פנים'ער און פאלשען גלויבען גערען זיי איפ'ן וועג פון די טאטעס־חסידים... קיין מוט און קרעפטען האבען

זיי נישט אַפּיקורסישן זיך און דאָס אינערליך אָפּגעצייַנגס־וואָרט אויסצושרייַען. און מיט פֿערמאַסקירטע תּנועות, בעוועגט לייַטן פֿרעמדען ווילען, בעהערשט פֿון פֿרעמדען רצון, ווערט נאָר פּרה זייער לעבען פֿערוואָגעלט, שטאַרבט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר אָב, טראָגענדיג אין זיך פֿערבאָרגען דעם אומענדליכען שמערץ און אַ האַס צו דער גאַנצער סביבה אַרום... און געפֿינט זיך ווען איינער, וואָס קאָן שוין מעהר דעם שמערץ אין האַרץ נישט דערטראָגען, פּרובט ווען אַזעלכער זיין אייגענליכע אונצופֿריעדענהייט אויסדריקען, דאָס פֿרייערע וואָרט אַרויסצוזאָגען — דאַן בריכט־אויס אַ ווילדער שטורם איבער זיין קאָפּ, ווערט ער שיער נישט פֿערברענט פֿון דעם צופֿלאַקערענדען קנאה־פֿייער, און — אַנטלויפֿען מוז ער פֿון אייך, איהר אַליין שטויסט איהם מיט אייערע הענד אָב, אַנטלויפֿען אַהין — פֿון וואַנען ער קומט שוין מעהר צו אייך נים צוריק!...

— איהר זעהט נישט, איהר בעמערקט נישט, אייערע „דויפֿען" זענען מיט צביעות און פֿאַלשקייט איבערפֿולט. צווישען דעם יונגען דור „גוטע יודען", וואָס האָבען די ירושה און די „שטיהלען" פֿון זייערע אָבות איבערגענומען און זענען מנהיגים פֿון גאַנץ עדה געוואָרען, געפֿינען זיך איצט פּועל אַזעלכע, וואָס אין זייערע פֿרי־הערדיגע יאָהרען, איידער זיי זענען מנהיגים געוואָרען, האָבען זיי אַנדערע געדאַנקען געטראַכט, אַנדערע חלומות געוועבט, וואָס האָבען בחדרי־חדרים עוסק געווען אין דעם, וואָס איהר הייסט „ספרי־מינות"... נאָר קיין מוט האָבען זיי נישט געהאַט, שוואַך זענען זיי געווען, און אַז דערנאָך איז דער טאַטע, דער רבי, נסתלק געוואָרען, די „שטיהל" איז לעדיג געבליבען, האָט זיך דער חשק צו דער ממשלה און הערשאַפֿט אין זייערע שוואַכע הערצער דערוועקט; די תּאוה נאָך כּבוד, דער איינגעוועהנטער לוסט צו ווערען מנהיגים פֿון טויזענדער יודען, האָט זיך אין די דאָזיגע הערצער צופֿלאַקערט, און פֿערטריבען די אַנדערע געפֿיהלען און זיי... פֿאַלש זענען זיי געוואָרען זייערע אייגענע איבערצייגונגען און איינגאַנצען איינגעהילט אין צביעות. דאַן זיי בויען היינטיגען טאָג אויף זייערע ירושה־שטיהלען און פּראַווען די ממשלה, לערנען זייער עדה דעם דרך־האמת, אויף וועלכען זיי זאָלען געהן און, אום די „הערשאַפֿט" ביי זיך נאָכמעהר צו פֿערפֿעסטיגען, רודפֿן זיי דעם יונגען פֿרייערען דור עד חרמה...

— און איהר — האָט ער נאָך אַ רגע שטיל־שווייגען היינטער

אנגעהויבען — איהר „גוטע יודען" פון אלטען דור — אין היגלבע בגלויב אין אייער צדקות און תמימות — זיצט דאָרט אין די ד' אמות פערשלאָסען. און איהר זעהט נישט, איהר ווייסט נישט, מיט וואס אייער „הויף" איז איבערפולט. איהר ווייסט נישט, דאס איהר זענט ארומגערינגעלט מיט א גאנצע מחנה צבועים, חנפים, אינטריגאנטען, רכילות-טרעגער, פאלשע ברואים, ביי וועלכע איהר זענט נישט מעהר ווי א בלינד ווערקצייג אין זייערע הענד — און — איהר דיענט זיי פאר א כסות-עינים צו פירען זייערע אינטריגעס און חיטרע עסקים, אין וועלכע איהר ווערט, אָהן אייער וויסען, ארייגעשלעפט און עס ווערט אלץ אין אייער נאָמען אָבגעטהון...

נאָר — — ווייטער האָט שוין מרדכי'לע נישט געקענט רעדען. א גאנצע צייט האָבען זיך די „גוטע יודען" אנגעשטרענגט אין איינגע-האַלטען זייער שרעקליכע אויפרעגונג. נאָר מעהר האָבען זיי זיך שוין ניט געקאָנט בעהערשען און מיט אַמאָל האָט א שטורם פון געשרייען אויסגעבראָכען: פראָטעסטען און וועה-געשרייען, זידלערייען און קללות האָבען דעם אלקיר אנגעפולט. די געשרייען האָבען זיך אין די ווייטערע צימערען דערטראָגען און אלע האָבען פון אימה געציטערט.

— עוכר-ישראל! — האָט מרדכי'לעס פאָטער, דער חאָשטינער רבי נישט מיט זיין קול געשריען און אלע זיינע איברים האָבען פון אונגעוועהנליכע אויפרעגונג געציטערט — רשע! מען טאָר מעהר אין דיין פנים נישט קוקען!... גיה פון אונז! א מגדף, א לעסטערער ביזט, האָסט נישט מעהר קיין חלק אין אלקי ישראל!... גיה, מען טאָר מעהר אין דיינע ד' אמות ניט שטעהן! גיה! פערלאָז אונז!...

מרדכי'לע איז א ווייַלע געבליבען שטעהן ווי צומישט אין די אויגען צו דער ערד אראָבגעלאָזען, נאָר באלד האָט ער זיך א חאפ געטהון און עפענענדיג מיט רעש די טהיר פון אלקיר איז ער געשווינד ארויס, אויסשרייענדיג:

— איך גיה! איהר אליין פערשטויסט מיך, ווי איהר פער-שטויסט פיעל אנדערע!...

— איך גיה! — האָט ער אויסגעשריען און צוגעקלאפט די טהיר הינטער זיך.

— איך... און איך... — האָט זיך דערהערט פון דער פאָרער-

שטיב רבקה'לעס טרעהרען-געשטיקטע שטימע, װעלבעס איז פער-גאנגען אין א היסטעריש געװיין.

* *
*

א טאג אין פאראיבער.

דער חאשטינער רבי און די רביצין זענען מיט פערקלעמטע הערצער צוריק אהיים געפאהרען, געזעגענדיג זיך שטום אהן װער-טער, װי בשעת מ'געדט פון אנ'אבלים הויז ארויס...

נאר דער ג'־ער „הויף" איז נאך פערבליבען. דער רבי איז כמעט א גאנצען מעת־לעת אין א בעזונדער חדר געװען פערשלאסען. חסידים האבען זיך געדרעהט אין די פאדער-שטובען אריין און ארויס; געשמעקט, געטורעט, גע'גנב'עט א בליק דורכ'ן שליסעל-לאך און געהויבען מיט די פלייצעס: נאך װאס איז דער רבי אהער געקומען און איך װעמען װארט ער נאך דא?...

און נאר פלוצים האט זיך די טהיר פון חדר-מיוחד געעפענט און דער רבי האט בעפעהלען, די רביצין מיט לייבעלע און דבורה'לעס עלטערען זאלען אריינקומען.

און א מורא איז ממש געװען דאן אויפ'ן רבי'ן א קוק צו טהון: הין און צוריק, הין און צוריק איז ער איבער'ן אלקיר געלאפען און א ניגון האט ער געברומט, אז עס האט ס'הארץ געריסען... דאס פנים האט געברענט, די אויגען — געפלאקערט, און אינגאנצען איז ער צו א שטיק פייער געגליכען געװען — פחדים!...

און דערנאך האט ער זיך א שטעל־אנידער געטהון ביים טיש, האט מיט די הענד ארויף און אראב געװארפען און עפעס שטיל צו-זיך געברומט און געשטענה'ט, װי ער װאלט צװישען זיך און מיט זיך א שקלא-וטריא געפיהרט, מיט זיך אליין מלחמה געהאלטען...

און פלוצים האט דער רבי מיט ביידע הענד זיך אן די קאנטען פון טיש אנגעהאלטען און, גובר-זייענדיג זיך אליין, האט ער אויסגעשריען:

— ובערת הרע מקרבך!... ריין מוז דעם צדיקים הויז זיין! אהן א פגם, אהן א פגם... לאמען זי אהער־רופען!...

אלע זענען געבליבען זיצען מיט שטאר־פערגליווערטע אויגען און אין דער שטילער אימה האט זיך געהערט דאס קלאפען פון די טרייסלענדיגע איברים...

און ווען דבורה'לע איז אין צימער אריין און איז אונטערגעשלאָגען געבליבען שטעהן אין ווינקעל, האָט די מאַמע, שיינדעלע, זיך גע־פּרובט צו פערהאַלטען און מיט א וויינענדיג קול האָט זי אויסגע־בראָכען:

— טאָכטער! בערעכען זיך, וואס דו טהוסט...

נאָר דער רבי פון נ. האָט זיך צאָרנדיג אויפגעשטעלט, איז צוגעלאָפען צו דער טהיר און האָט דעם משמש גערופען:

— געה און ברענג, תיכף, זלמן־איטשע דעם סופר אהער!...

די גאנצע צייט איז לייבעלע קעגענאיבער אין א צווייטען ווינקעל געשטאנען, געוואָרפען יעדעס מאָל א נישט־דרייסטען בליק אויף דבורה'לען און פון זיינע אויגען האָט א טרעהר נאָך א טרעהר זיך אראָבגעלאָזט.

— פאַר־וואס?... — האָט ער געטראַכט און די סבה געזוכט — אזא צנועה, אזא פרומע יודישע טאָכטער, וואס האָט זיך געשעמט מיט מיר א וואָרט צו רעדען... און איך האָב דאָך איהר אַזוי... איך בין דאָך צו איהר אזוי צוגעבונדען געוועזען...

קיינער, נישט זיינע עלטערען, נישט דבורה'לע, האָבען זיינע טרעהרען בעמערקט.

זלמן־איטשע דער סופר איז געקומען און די זאַך איז געשעהען.

טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון דעם שטילען, פרומען לייבעלע, בשעת ער האָט דעם גט אין דבורה'לעס האנד דערלאַנגט. קיינער אָבער האָט זיינע טרעהרען נישט בעמערקט. קיינער האָט נישט געזעהען, וואס אין זיין הארץ קומט־פאָר...

טעג נאָך טעג זענען פאַראיבער און וואָכען נאָך וואָכען.

אין צער און טרויער זענען די „הויפען" געוועזען איינגעהיללט און, פאַרלאָזטיג פון פרעמדען אויג און אויער, האָבען זיי שטיל גע־יאָמערט אויף דעם חורבן פון דער הייליגקייט.

פון דרויסען האָט זיך, אמת, קיין זאַך נישט געענדערט: חסידים זענען זיך, ווי תמיד, צו דער צייט אין „הויף" געפאָהרען; זייבער האָבען זיך טאָג־איין טאָג־אויס אינ'ם קליינעם בית־המדרש

געשטופט, די קעפ צעטומלט און פארשוויצט, און די הענט קוויטלעך מיט „ח״י" געהאלטען און אויף א ברכה און גוטע עצה פון צדיק געוואַרט; ס'איז מיט קיין שום זאך ניט נשתנה געוואָרען: יודעל דער קוויטעל-שרייבער איז זיך, ווי תמיד, ביי זיין טישעל נעבען פענסטער געזעסען, די ציגאר אין מויל געצויגען און ביז און שטרענג יעדעס מאל זיינע בליקען אויף די ווייבער געוואָרפען; משה-מרדכי דער אלטער משמש האט זיך ווייטער, ווי זיין שטייגער, הין און צוריק איבער׳ן „הויף" אַרומגעשפּאַצירט, געפּיפקעט לאנגזאם די לולקע, ארומגענומען אלץ מיט זיינע דורכדרינגענדע בליקען און שטיל פאר-זיך געוואָרטשעט, מאַכענדיג א חשבון פון די „לעצט-געלדער"... נו, פון דרויסען איז קיין שום שנוי ניט קענטיג געווען. די „טישען" האָבען זיך „געפּראוועט"; וויין האָט מען געשטעלט, תורה איז ביי יעדע סעודה, פאר׳ן פלייש, געזאָגט געוואָרען; איז א יום-טוב אָדער אזוי א חשוב׳דיגער שבת געקומען, האָבען חסידים א רקוד׳ל געגאַנגען און אין דער קדושה האָט מען זיך מתדבק געווען...

דער פנים אָבער איז שוין גאָר ניט דאָס, וואָס אַמאָל געווען: „חבל על דאבדין", ווען צו דאָס שענע, וואָס האָט אזוי גיך פאַרוועלקט... ווען, די שכינה האָט זיך פון דאַנען אַבגעטאָן!...

וואָרים הויל איז געוואָרען די פרוכט: ס'פעהלט דאָס „האַרץ", נאָר די שאָל איז געבליבען...

* *

נאָך האַלבער נאַכט, ווען די חסידים פון הויעשטיגער רבינ׳ס „הויף" צוגעהען זיך אויף די אכסניות, אָדער זיי זיצען אויף די פּעהרען און „בעדלעך", וועלכע שלעפּען זיך לאַנגזאַם און מאָנאָטאָנע איבער וועג און שאָסייען, ווען עס דרעמעלט דער „הויף" און פונם שוואך-באַלויכטענעם בית-המדרש טראָגט זיך א בענקענדער נגון פון א פערשפּעטיגטען מעריב, אָדער א מעלאַנכאָליש-טרויעריגער קול-תורה, וואָס רייסט-דורך די נאַכט-שטילקייט און מאַכט ציטערען די לופט... — דאַן האַלט-אײַן דיין אָטעם, מיט שטילע, שטילע טריט פּערשנייב זיך הורכן נאָענטער, אָהין, וואו עס גיסט-אויס דאָס פענסטער פונם רבינ׳ס חדר-המיוחד, שטעלג-אָן דיין בליק דורך די

שפּאַלטען פון די לאָרענס און בעהערש דעם וועה־קרעכץ, וואָס וויל זיך פון דיין האַרץ אַרויסרייסען.

דונקעל ברענט די לאָמפּ אין רבינ'ס חדר. מיט שרעק בעוועגען זיך די שאָטענס אויף די ווענד, און אַ ווינקעל אויף דער ערד זיצט דער רבי, אין אַ ווייסען חאַלאַט איינגעהילט; זעה: די קלאַפּע פונ'ם האַלאַט איז איינגעשניטען, די איז דורכגעריסען מיט אַ „קריעה"־צייכען... מיט אַש איז דעם רבינ'ס קאָפּ בעשיט און אַראָבגעבויגען איז דער קאָפּ און צונויפגעדריקט צווישען זיינע ביידע הענד. און אַן אימה שוועבט איבער דעם חדר, איינגעהילט אין די נאַכט־שאָטענס, וואָס בעוועגען זיך אַזוי מוראדיג און ציטערען אויף די ווענד... און ציטערנווייז הויבט זיך לאַנגזאַם אויף דעם רבינ'ס קאָפּ און זיינע שטאַרע פערגליווערטע אויגען קוקען מינוטען־לאַנג אַרום זיך, אָהן ווערטער, אָהן בעוועגונג מיט די ליפּען, מעהר נישט... דער קאָפּ שאָקעלט זיך לאַנגזאַם און בעדויערענד אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב, און דאָס מאַכט נאָך שווערער און דריקענדער די אימה־שטילקייט אין חדר. זעה: פאַר דער צייט פערעלטערט איז דער קאָפּ. גרוי איז די באָרד געוואָרען...

און זעה: עס ווערען דעם רבינ'ס אויגען מיט טרערען אָנגעגאָסען, אַ האַרצרייסענדער יאָמער רייסט זיך אַרויס פון זיין ברוסט און אַ טרויעריגער נגון, פול מיט בענקשאַפט, ציהט זיך איבער דעם אימה'דיגען חדר. דער רבי קרעכצט און זיפצט, ווי דער בת־קול, וועלכער ברומט ערשט, ווי אַ טויב אויף דעם באַרג חורב: „וועה צום פאָטער, וואָס האָט פערטריבען זיינע קינדער, און וועה איז צו די קינדער, וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון זייער פאָטערס טיש"....

דאָס קלאָגט דער רבי און יאָמערט אויף זיין „פערשטויסענעם" מרדכי'לע, וועלכער האָט דעם „הויף" פערלאָזען, און גאָט ווייסט — וואוהין? און וואָס איז מיט איהם געוואָרען?

— וואוהין האָט איהם דער פערבלאָנדזשעטער וועג פון יצר־הרע פערשלעפּט?...

און דעם רבינ'ס אויגען פאַלען אויף דער קליאַפּע פון זיין ווייסען חאַלאַט, וועלכער איז געצייכענט מיט אַ „קריעה־ריס", אַ ציי־

כען, האט ער האט איהם שוין לאנג פון הארצען ארויסגעריסען, זיך מיאש געװען און װי א מת איהם פערגעסען... און עס פרובט זיך דער רבי בעהערשען, גובר זיין, פערגעסען אן איהם און — — א שטראם טרערען טהוט זיך פלוצים א גאס פון זיינע אויגען:

— דורי-דורות האט זיך דער „הויף" געצויגען, דורי-דורות האט ער, דער „הויף", אונטער די פליגלען פון קדושה און מנוחה גערוהט, ביז ס'איז זיין זון מרדכי'לע געקומען און ער האט דעם „הויף" מיט א פגם בעפלעקט, די גאלדענע קייט איבערגעריסען...

עס פליסען די טרערען פון רבי'נס אויגען, עס רייסט דאס פאטער-הארץ און עס יאמערט דעם רבי'נס קול:

— „וועה צום פאטער, וואס האט פערטריבען זיינע קינדער, און וועה צו די קינדער, וואס זענען פערטריבען געווארען פון זייער פאטערס טיש"...

* *
*

שפעט נאך האלבע נאכט, ווען עס דרעמעלט דער „הויף" אין ג. און ארום הערשט א שלאף-שטילקייט, הויבט זיך דאן אויף די רביצין שרה'לע פון איהר געלעגער און מיט שטארע אויגען אין וועלכע ס'איז שוין לאנג דער טרער פערטריקענט געווארען און מיט פערצווייפעלט-פערבראכענע הענד, לאזט זי זיך לאנגזאם געהן צום צימער, אין וועלכען עס שלאפט איהר טאכטער רבקה'לע. פאמעלעך עפענט זי די טיר און מיט אנאייגעהאלטענעם אטעם געהט זי נאהענט צו צו איהר בעט. זי זעצט זיך אוועק אנטקעגען און קוקט זיך איין אויף איהר שלאפענדעס געזיכט, וואס איז בלאס און פערפינסטערט און מיט שרעק אויסגענומען.

און די רביצין זעהט און בעמערקט, ווי זי טהוט יעדעס מאל א ציטער אין שלאף און לאזט ארויס א פערשטיקטען זיפץ: דאס הערט זי אין שלאף בעאונרוהיגט פון שלעכטע חלומות...

— ווער בעאונרוהיגט זי? פון וועמען טרוימט זי? וועגען וועמען ווערען די דאזיגע חלומות געוועבט?..

וועה! געלעבט האט א רבי'שע טאכטער רוהיג און שטיל, גע- לעבט, ווי זיין ליעבער גאטען האט געהייסען, ווי דער „הויף" ד

געווייזען... א כשר'ע פרומע טאכטער, וואס האט פון קיין מחשבות זרות נישט געוואוסט... און פלוצים האט גאט א שטראף אראפגעשיקט: א שדוך האט מען מיט איהר געטהון און דער חתן איז פון עהרליכען וועג אראב. אלע האט ער פערלאזען און, בעגלייט מיט דער קללה פון בידע „גוטע־יודען", די מחותנים, איז ער ערגעץ ווייט אוועק, אוועק... און זי, איהר טאכטער רבקה'לע? — אנדערש איז זי געווארען, אנדערע געדאנקען, אנדערע געפיהלען, ווי א שאטען געהט זי אין „הויף" ארום און וויל און איהם נים פערגעסען...

— וועה, וואס איז געווארען פון אונזערע קינדער, וואס איז געווארען פון אונזער „הויף"?

נעהענטער רוקט זי זיך צו צו רבקה'לעס געזיכט און א שטראם טרערען פליסען פון איהרע אויגען און פאלען אויף רבקה'לעס קישען...

* * *

טעג נאך טעג זענען אוועק און וואכען נאך וואכען.

און אווענד נאך אווענד פלעגט די רביצין שרה'לע צו רבקה'לען אין צימער אריין און מיט ווייכע, מילדע רעד צו איהר רעדען:

— טאכטערשי. „גאט האט געגעבען און גאט האט צוריק צוגענומען, זאל זיין גאט'ס נאמען געבענשט". וואס ס'איז געוועזען — זאל זיין פערגעסען... פערגעס, טאכטערשי, פערגעס אן אלע נארישקייטען און קעהר דיך אום אויפ'ן רעכטפארטיגען וועג.

און אווענד נאך אווענד פלעגט די רביצין שרה'לע ארויס פון רבקה'לעס צימער מיט א צעוועהטאגט הארץ. איינגעשפארט האט זי זיך, דעם רבי'נס טאכטער: זי ענטפערט נישט. שטיל גראבט זי איין דעם קאפ אינ'ם ווייסען געוואנד, וואס זי האלט אויף דער שוים, פון וועלכען זי נייהט העמדלעך פאר אָרימע יתומים, און בענעצט דאס מיט טרערען...

און אין בעכער פון טרויער איז נאך א טראפען אריינגעפאלען:

אין „הויף" איז אנגעקומען א ידיעה, דאס די ווידערשפעניגע דבורה'לע, די געגט'ע שניר, האט חתונה געהאט מיט ברוינשווייגס זוהן, דוד, מיט וועלכען זי האט זיך געליעבט נאך פריהער, איידער זי איז אין „הויף" א שניר געווארען...

— נישטאָ מעהר קיין בושה! — האָט די רביצין שרה'לע מיט אַ צובראָכענעם האַרץ געזיפֿצט — פֿאַר־צייטען וואָלט דאָך אַזעלכעס נישט געקאָנט מעהר די אויגען פֿאַר מענשען ווייזען. איצט, השם־ישמרנו, האָט אַ יודישע טאָכטער דעם לעצטען פֿונק פֿון חרפּה פֿערלירען. געפֿאַלען זענען מיר. דער גאַנצער דור זינקט...

און דער רבי, דערהערענדיג די ידיעה, האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פֿענסטער, די הענד אין די אַרבעל פֿערשטעקט און געזיפֿצט:

— נישטאָ מעהר קיין בושה... יענער צד האָט גובר געווען... יענער צד...

.XXII

די חתונה אין דאָרף.

אױפֿ'ן וועג, וואָס פֿירט פֿון חאַשטשין קיין נ., פֿערקוועטשט זיך אַ שמאָלער שאָבּנע־פּאַס, וואָס ציהט זיך לינקס אין אַ ברייט ווייט פֿעלד אַוועק און פֿון דאָרט בּאַרג־אַרויף דעריעהט זיך דאָס דאָרף ס.

צווישען די אָרימע צו דער ערד־געבּויגענע הײַזלעך, מיט שטרוי־ענע דעכער בּעדעקט, שטעהט מיט גדלות אַ הויך־שטאָקיג הויז, שוין געפֿאַרבּט. בּהרחבה'דיג קוקען אין דער הויך אידרע גאַניקעס איבּער'ן בּרייטען פֿעלד אַרום און עס זעהט אויס, ווי דאָס דאָזיגע שיינע און שטאָלצע הויז, וואָלט צו זיך אין שוים דאָס גאַנצע דאָרף צוגע־טוליעט.

ר׳ מענדעלי לובּלינער, דער יודישער „פּריץ“, געהערט דאָס הויז.

ס'איז אַ שנעע־ווייסע ווינטער־נאַכט. אַלץ אַרום, פֿעלד און וואַלד, בּאַרג און טאָל האָט זיך אין אַנאַינענדליך ווייטע ווײַסקייט אײַנגעהילט. שפּעט אין דער נאַכט איז. יעדעס מאָל אין דער צייט האָט שוין לאַנג אַ מיעדער ווינטער־שלאָף זיין האַנד אויף דאָרף אין

וועג געלעגט. היינט אבער איז עפעס וואס געשעהען. דער דארף האט זיין סדר-העולם געביטען. ס'איז שוין שפעט אין דער נאכט און וואך איז נאך דער דארף. אין די פענסטער פון די פויערשע „חאלופ-קעס" בלישטשען ארימע פייערלעך אין דער וויטער נאכט אריין; פאר די טהירען שטעהען פויערען און פויערטעס, אין קורצע פעלצלעך איינגעטוליעט און טיפע ווינטער-היטלען ביז איבער די אויערען אראבגערוקט. אויף זייערע פנים'ער איז עפעס א שטיק יום-טוב אויסגעגאסען, רוהיג פיפקען זיי זייערע מאחארקע-לולקעלעך, אלע קוקען זיי מיט אנגעשטרענגטע בליקען אהין צום גרויסען הויז און שמייכלען.

ס'איז נישט קיין זונטאג היינט און נישט קיין „חגא". וואס-זשע איז אזוינס די שמחה מיט זיי?...

עס שפאלט זיך יעדעס מאל די שווערע נאכט-שטילקייט. רעדער סקריפען, עס גליטשען זיך שליטענס. פערד הירזשען, עס קרעכצט דער דיקער שניי און סאפעט. פארענט הויבט זיך א שניי-שטויב און דער ווינד טרייבט דאס פאראויס, פאראויס... נעהענטער קומען-אן די גלעקלעך-קלאנגען, וואס זאגען-אן א בשורה דעם דארף און וועקען די נאכט...

עס שטעלען זיך אב די שליטענס, די וועגענס, נאהענט ביים גרויסען הויז פון דארף. און חסידים אין שווערע פאלטאס'ס און זיידענע טולעפלעך, אין סאמעטענע היטלען און אין הויכע שטריימלען קריבען פון די וועגען, פון די שליטען אראב, טרייסלען פון זיך אב דעם דיקען שניי, רייבען די געפרוירענע הענד, קוקען זיך א רגע איבער'ן דארף ארום און באלד עפענט זיך א טיר, א פאס ווארימע ליכט גיסט זיך ארויס אין דרויסען, א „שלום-עליכם" הערט זיך און א „מזל-טוב" — אלס ענטפער, און די אנגעקומענע געסט ווערען באלד הינטער דער צוריק-צוגעמאכטער טיר נעלם.

די גאניקעס און פענסטער אינ'ם גאנצען הויז זענען מיט ליכט און לאמפען בעלויכטען. דעם יודישען „פריצ'ס" הויז באדט זיך אין א ים פון ליכטיגקייט. עס טראגט זיך פון אינעווייניג א הילכיגער טענער-געזאנג און אינסטרומענטען-קלאנג. עס ווינקען די בינטען ליכט פון די פענסטער, עס שאלען כלי-זמר'שע פידלען און טרומיי-

טערס, זיי רופען אין דער ווייטער נאכט, אויף נאהענט און ווייט: אהער קומט, אהער קומט!...

עס קלינגען די גלעקלעך פון די שליטענס, עס קריכען די רעדער פון די וועגענס. פון דערווייטען זעהען זיך יודען פוס־געהער, וואס זעהען־אויס, ווי בעוועגענדע שטיקער שניי. — ראס קומען זיי פון נאהענט און ווייט, פון שטאדט און דארף אהער, אהער צו די בעלויכטענע פענסטער, און שאלענדע טענער, וואס רופען און דערצעהלען:

— היינט איז אין דארף א חתונה!

— אהער קומט, אהער קומט, ס'איז היינט א רבי'שע חתונה!...

איבען־אן, אין איינעם פון די גרויסע צימערען פון ר' מענדעלע לובלינערס הויז, וואס איז איצט פול געפאקט מיט חסידים, ביי א לאנגען, פול מיט ליכט־אויסגעשטעלטען טיש, זיצען די מחותנים, ביידע „גוטע־יודען", דער חאשטינער רבי און דער רבי פון ג. צווישען זיי ביידע זיצט דער חתן, רבקה'לעס חתן, — מרדכי'לע.

חסידים שטופען זיך, חאפען זיך אויף טיש און בענק. הענד און גארטלען פלעכטען זיך איין. ר' מענדעל לובלינער, דער יודישער „פריץ", לויפט זיך בהרחבה'דיג, פערטאראראמעט ארום פון איין צימער אין צווייטען און פארעט זיך. גוים, אין לשער איז זיין גליק! נישט אין חאשטין, נישט אין ג., נייען זיין דארף, זיין הויז, האבען די מחותנים, די „גוטע־יודען", אויסעקליבען, זייערע קינדער צו דער חופה צו פיהרען!...

עס שטראהלען אלעמענס איגען פון שמחה, ס'שיינען די פנים'ער פון חדוה. אויף טישען און בענק חאפען זיך חסידים און ווענדען זייערע איגען אהין, נאר — ווער־געשריען! צום אויבענאן האט מען א קוק געטהון און — תיכף ווערט די שמחה פון די איגען פערלאשען, ווערט די חדוה אויף די פנימ'ער פערגליווערט, קאלט ווערט פלוצים און א שוידער לויפט־דורך אין די ביינער: זעה נאר, ווי טרויעריג און געל ס'זענען די פנימ'ער פון די צוויי בעלי־שמחה, די מחותנים, „גוטע־יודען"!...

ניט אזוי, פיהלט מען, דארף א רבי׳שע שמחה אויסזעהן; ניט צווישען עטליכע צעהנדליג מנינים חסידים ווערט א רבי׳שע חתונה געפראוועט. ניט אין איינענעם „הויף“, ניט אינ׳ם אָרט, וואו עס האָבען דורי-דורות קדושה ומנוחה זייער נעסט געהאַט, וועלען היינט די רבי׳שע קינדער אונטער דער חופה געפיהרט ווערען!... אין א פרעמדען דאָרף, וואָס שטעהט ערגעץ פערוואָרפען צווישען וועלדער און פעלדער, ערגעץ ווייט פון וועלט און שטאָדט בע-האַלטען, ווערט א חתונה — וועה-געשריען, א רבי׳שע חתונה, אָב-געשפיעלט!...

חסידים פיהלען דאָס, חסידים וויסען דאָס, און דערפאַר דריקט דאָס איצט אזא שווערע עצבות אויף דער שמחה, דערפאַר זעהען דאָס די פנימ׳ער פון די מחותנים, „גוטע-יודען“, געל און טרויעריג. די פרייד אויף די פנימ׳ער פערגליווערט.

חסידים פיהלען דאָס, חסידים וויסען דאָס.

וועה! יענער צר האָט גובר געוועזען... די „הויפען“, די „גוטע-יודען“ האָבען זיך געמוזט „אונטערגעבען“... מרדכי׳לע, דער חתן, האָט ניט געוואָלט פון זיין נייעם דרך אראָב... רבקה׳לע, די כלה, האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט, זי וועט בײַ׳ן גראָהען צאָפּ זיצען... „און די צעדערבוימער האָט דער פלאַם שולט געוועזען“, די גרויסע, די שטאָלצע האָבען געמוזט בעל-כרחם זייער הסכמה געבען. מרדכי׳לען האָט מען צוריק-גערופען און די זמן החתונה אָבגעשמועסט... און טיעף האָט יעדער דעם וועהטאָג אין זיין האַרצען געטראָגען, גע-שעמט האָט מען זיך פאַר דער וועלט... קיינער האָט ניט געוואָלט די חתונה אין זיין שטאָדט בריש גלי מאַכען... געשעמט האָט מען זיך, א חרפה איז געוועזען... איז מען אין גלות אַוועק, ערגעץ ווייט ווייט אהער אין דאָרף צווישען וועלדער און פעלדער...

און זעהען זעהט מען איצט בעשיינפערליך, ווי שמחה מיט עצבות זענען משמשים בערבוביא, ביידע האָבען זיך צוזאַמענ-גענומען, פיהרען צווישען זיך א מלחמה און ווילען איינס דאָס אנדערע גובר זיין...

— היינט מאַכט דער רבי חתונה! און חסידים חאַפּען זיך אויף טיש און בענק, מען וויל התלהבות האָבען, מען וויל זיך אין ...

מחותנים, די גוטע־יודען, משמח זיין. פלעגטען זיך הויך אין גאַרטלען איין און מען נעהמט א זמר'ל זינגען, הויך רייסען זיך די מענער און טראָגען זיך איבער'ן ווייטען דאָרף און פעלד. דאָס וויל מען מיט דעם געזאַנג פערטויבען, פערשרייען די אינערליכע וועה־טאָגען, וועלכע נאָגען און דריקען... העכער, העכער רייסען זיך די מענער, נאָר אַמ פאַלען זיי צוריק אין טיעפען גרונד אַראָב, און באַלד, הערט זיך וועט דאָס געזאַנג אין א געוויין צוגיהן...

וועה! קאַלטע הענד רייבען זיך — אפשר וועט מען זיך דער־וואַרעמען. מען שלאָגט איין קאַלטען שטיין אָן צווייטען — אפשר וועט מען א פונק אַרויסרופען...

מאַט און בלאַס איז דעם חתן מרדכי'לעס פנים. טיעף ערנסט און פערטראַכט זענען זיינע שוואַרצע אויגען.

אברים ציטערען, גידים שוידערען.

און דאָרט אינ'ם חתונה־זאַל, וואו עס זיצען די ווייבער מיט די כלה דריקט נאָך מעהר דער טרויער, פרעסט נאָך שטאַרקער די עצבות. בלייך איז דער כלה'ס געזיכט, פונקט ווי די מחותנת'טע, די רביצין, וואָס זיצט נעבען איהר. און אַראָבגעלאָזען זענען איהרע אויגען, ווי זי וואָלט זיך שעמען זיי גלייך צו האַלטען, ווי זי וואָלט איצט איהר פערברעכען געדענקען, און זי האָט חרטה...

טרויעריג, פערוויינט זענען די פנימער, טרערען פינקלען אין די אויגען. שטיל שושקעט מען זיך און מען דערצעהלט: די רביצין, שרה'לע, די מחותנת'טע ליעגט איצט דאָ אין א זייטיגען צימער אין'ן קראַנקען־בעט און גאָט זאָל זיך מרחם זיין!...

— צו דער חופה!

הבדלות ברענען, שטורקאַצען פלאַקערען, די חופה־שטאַנגען ווערען אויף אָרעמס געטראָגען, און א ים פון ליכטיגקייט און דאָס

הויז אײַנגעטונקען. עס שאַלען די טרומייטערס, עס הודערען די פּויקען און עס רײַסען זיך די טענער. און דאָס טרומייטער-שאַלען און די בײַנטען ליכט גיסען און פֿערפֿלייצען דאָס דאָרף אַרום און די ווינקען און הויפֿען אויף ווײַט און נאָהענט: אַהער קומט, אַהער קומט די רבי'שע קינדער וועט מען אונטער דער חופּה פֿיהרען!...

— העכער, כּלים, העכער!

דער חתן מרדכי'לע איז אין אַ ווײַסען קיטעל אָנגעטהון, גרייט איז ער שוין צו דער חופּה צו געהן, נאָר ער וואַרט, אַלע וואַרטען. פֿאַמעליך שלעפּט זיך די רביצין אויף פֿרעמדע אָרעמס אָנגעלעהנט און דערנעהענטערט זיך, דערנעהענטערט זיך איהר ברכה איהר קינדס בעשערטען זאָגען...

און עס ציטערען די רביצין שרה'לעס לעפּצען, עס ציטערט איהר גאַנצער קערפּער:

— אויף אַ ברכה, חתן, וואַרטסטו?... מײַן ברכה זאָל איך דיר געבען?... און דו — אונזערע „הויפֿען" האָסטו חרוב געמאַכט... דאָס אַליין, וואָס מיר האָבען פֿון דור צו דור געקליבען, ווי דאָס אַפּעל פֿון אויג אָבגעהיט, ביזטו געקומען און מיט איין מאָל צוּבראָכען, אויסגעריבען...

נ'אימה פֿאַלט. אַ פּחד וועהעט. אָט-אָט, און די חופּה-שטאַנגען וועלען פֿון די הענד אַרויספֿאַלען...

חסידים האָבען מורא, שרעקליך מורא און מען מינטערט די בלי-זמר אונטער:

— העכער, כּלים, העכער!...

— אַ נײַעם וועג האָסטו געוואָלט, און וואו איז ער?... און דערווײַל האָסטו דאָך דעם אַלטען וועג צושטערט, אַליין האָסטו חרוב געמאַכט... איבערגעריסען האָסטו די גאָלדענע קייט... בעדענק דיך, מרדכי'לע, בעדענק דיך... מײַן לעצט וואָרט, מײַן לעצטע ברכה....

— העכער, כּלים, העכער!...

געפּלאַצט זײַנען די סטרונעס. נישט געקאָנט האָבען זײ מער פֿערטױבען, פֿערהילכען די װעה-זיפֿצען און װעה-געשרײען און די טיעפֿע צעװערטאָגטע הערצער. געפֿאַלען פֿון די הענד זײנען די חופּה-שטאַנגען, װײַט האָט דער װינד דאָס פֿײַער פֿון די פֿלאַקערענדע הבדלות צוטריבען...

און די צוטריבענע פֿון װינד הבדלות, און די לעצטע טענער פֿון די צופּלאַצטע סטרונעס האָבען געשראָקען און געדראָהט אױף װײַט און נאָהענט: אַהײם געהט, אַהײם געהט! פֿערשטערט איז די רבי׳שע חתונה געװאָרען!...